STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02937

DENEMARK

I. Silberberg-Cholewa

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. זילבערבערג־כאָלוואַ

✶

דענעמאַרק

דענישע און דעניש־יידישע פערזענלעכקייטן

ls 5982



י. זילבערבערג—כאָלעוואַ

י. זילבערבערג־כאָלעוואַ

דענעמאַרק

דענישע און דעניש־יידישע פערזענלעכקייטן

פאַרלאַג „המנורה“, תל־אביב
תשכ״ז — 1967

DENMARK

By Israel Cholewa-Silberberg

דענעמאַרק / ישראל כאָלעוואַ־זילבערבערג

פאַרלאַג „המנורה״, רח׳ זנגביל 24, תל־אביב, ישראל
„Hamenora" Publishing House, 24, Zangwill St., Tel-Aviv, Israel

©
Copyright by Israel Cholewa-Silberberg
7601 - 21 Ave., Brooklyn, N.Y. 11214

נדפס בישראל תשכ״ז
Printed in Israel 1967

דפוס „אורלי״, תל־אביב, טל. 32062

מיין אייניקל
מנחם
וואָס באַגערט צו לערנען
אויך יידישע לימודים

אַ האַרציקן דאַנק מײַנע חברים, שול־טוערס,
וואָס האָבן מיר געהאָלפן אַרויסגעבן דאָס בוך.

י. זילבערבערג (ישראל כּאָלעוואַ)

אינהאַלט

	זייט
דער דענישער קעניג קריסטיאַן דער 10טער	9
דענישער קעניג קומט צו דער אזכרה נאָך יידישע נאַצי־קרבנות	16
טערעזיענשטאַט פון שולמית כאַלעוואַ־גוטקין	19
אַגע בערטעלסען	33
פּאול באָרכסעניוס	40
האַנס קריסטיאַן אַנדערסען	45
קאַרין מיכאַעליס	68
יידישע מאָטיוון ביי מאיר אהרן גאָלדשמידט, עדוואַרד בראַנדעס און געאָרג בראַנדעס	72
הענרי נאַטאַנסען	100
געאָרג בראַנדעס	120
געאָרג בראַנדעס וועגן ח. נ. ביאַליק	133
קאָרעספּאָנדענץ צווישן הערצלען און בראַנדעסן	138
„געאָרג בראַנדעס און פּעטער קראָפּאָטקין"	145
פּראָפעסאָר דוד סימאָנסען	154
פנחס וועלנער	158
יידן אין דענעמאַרק	162
ד"ר רפאל עדעלמאַן	171

CONTENTS

The Danish King Christian X
Theresienstadt
Meir Aaron Goldschmidt
Edward Brandes
Henri Nathansen
Georg Brandes
Georg Brandes and Ch. N. Bialik
Georg Brandes and Theodor Herzl
Georg Brandes in Warsaw
Poul Borchsenius
Aage Bertelsen
Hans Christian Andersen
Karin Michaelis
Prof. David Simonsen
Pinches Welner
The Jews in Denmark
Rafael Edelman

דער דענישער קעניג קריסטיאַן דער 10טער

(געבוירן 26 סעפטעמבער 1870, געשטאָרבן 20 אַפּריל 1947)

דאָס גאַנצע דענישע פאָלק טרויערט אויף דעם טויט פון זייער באַליבטן, גוטיקן און גוטן פאָלקס־קעניג קריסטיאַן דעם צענטן. זיין נאָמען וועט אויך פאַרשריבן ווערן מיט גילדענע אותיות אין דער יידישער און מענטשלעכער געשיכטע.

אין משך פון דער גאַנצער צייט, וואָס די נאַצישע רוצחים האָבן געבושעוועט אין דענעמאַרק, האָט דער פאַרשטאָרבענער דענישער קעניג, קריסטיאַן דער צענטער, אָנגעווענדט אַלע מיטלען אָפּצוהאַלטן די נאַצישע באַרבאַרן פון פאַרפאָלגן און דערנידעריקן די דענישע יידן.

ווען די דייטשן האָבן בדעה געהאַט צו גרינדן אין קאָפּענהאַגן, אין דער הויפּטשטאָט, אַ געטאָ און פאַרשיקן אהין אַלע דענישע יידן, האָט דער דענישער קעניג געלאָזט וויסן די נאַצים, אַז אַזוי גיך ווי זיי וועלן דאָס טאָן, וועט ער, און די גאַנצע דענישע קעניגלעכע משפחה פאַרלאָזן אַמאַליענבורג (די וווינונג פון דער קעניגלעכער משפחה) און זיך באַזעצן אין דער געטאָ צוזאַמען מיט די יידן. דער דאָזיקער ענטפער האָט פריטשמעליעט די נאַצים, אַז זיי האָבן אַ צייט לאַנג געלאָזט די יידן פון דענעמאַרק צו רו.

ביי יעדער געלעגנהייט האָט דער דענישער קעניג קריסטיאַן דער צענטער ארויסגעוויזן זיין אַכטונג און ליבשאַפט צו די דענישע יידן, ווען ער האָט מיט רעכט באַטראַכט ווי געטרייע און איבערגעבענע בירגער פון לאַנד.

תיכף נאָך דעם ווי די דייטשן האָבן פאַרכאַפּט דענעמאַרק און באַמיט זיך צו זיין גוט און פריינטלעך אויב נאָר די דענער וועלן קאָאָפּערירן מיט זיי און דערנידעריקן און באַזייטיקן די יידן, האָט דער דענישער קעניג געגעבן אַזאַ עפנטלעכן פּאַטש אין פנים אריין די דייטשן, אַז עס האָט אָפּגעהילכט ווייט און ברייט.

די דענישע יידן האָבן זיך דעמאָלט גראָד געגרייט צו פייערן דעם הונדערטיאָריקן יובילייַ פון דער קאָפּענהאַגענער שול.

עס איז געווען אין אַ שבת, ווען די יידן האָבן זיך פאַרזאַמלט אין שול און געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ. אויך אין הויף און אין גאַס, ווו די שול געפינט זיך, זענען געווען פאַרזאַמלט די יידן. אַ טיפער ערנסט האָט אַלעמען אַרומגענומען. מען האָט שוין געוווסט, וואָס די דייטשן האָבן געטאָן צו די יידן אין פוילן, מיט דער הילף פון אַ סך פּאָליאַקן. פּלוצלונג האָט אַרומגענומען די יידן אַן אומבאַשרייבלעכע פרייד — דער דענישער קעניג קריסטיאַן דער צענטער איז אין באַגלייטונג פון דער קעניגין און דעם קרוינפּרינץ פרעדעריק, אָנגעקומען אין שול.

מיט באַדאַכט און דרך־ארץ איז דער קעניג אַרויף אויפן באַלעמער. אין רירנדיקע און האַרציקע ווערטער האָט ער באַגריסט די דענישע יידן צו זייער גרויסן יום־טוב — צו דעם הונדערטיאָריקן יובילייַ פון זייער שול.

די דייטשן האָבן געקוקט אויף דער דאָזיקער האַנדלונג פון דעם דענישן קעניג ווי אַן אַקט פון באַליידיקונג קעגן דער דייטשער פּאָליטיק בנוגע די יידן. דאָס איז געווען די כוונה פון דעם דענישן קעניג.

אין אַ צייט אַרום האָט די נאַצישע מאַכט אין דענעמאַרק געצוווּנגען די דענישע רעגירונג אונטערצושרייבן דעם אַנטי־קאָמינטערן פּאַקט, וואָס האָט דערקלערט די קליינע דענישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי ווי אַן אומגעזעצלעכע אָרגאַניזאַציע; אין דער אייגענער צייט זענען אויך די דייטשן צוגעשטאַנען צו דער דענישער רעגירונג, אַז זי זאָל אויך אונטערשרייבן אַ פּאַקט און דערלויבן צו פאַרפאָלגן די דענישע יידן און צווינגען זיי צו טראָגן אַ געלן מגן־דוד (זייער צאָל איז געווען עפּעס מער ווי זעקס טויזנט). האָט דאַן דער דענישער קעניג געגעבן די דייטשן אַזאַ ענטפער, וואָס ווייזט אונדז, אַז קעניג קריסטיאַן האָט באַלאַנגט צו די אמתע חסידי אומות העולם. און דער ענטפער וועט פאַרשריבן ווערן אין אַלע גרויסע און וויכטיקע געשיכטע־ביכער.

מיר גיבן דאָ איבער דעם ענטפער, ווי דער פאַרשטאָרבענער קעניג האָט אים ספּאָנטאַן אַרויסגעזאָגט:

„די יידן זענען אַ טייל פון דעם דענישן פאָלק. מיר האָבן נישט אין אונדזער לאַנד קיין שום יידישן פּראָבלעם, ווייל מיר האָבן זיך קיין מאָל נישט געפילט נידעריקער פון די יידן. אויב די יידן ווערן געצוווּנגען צו

דענישער קעניג קריסטיאַן דער 10טער

טראָגן אַ געלן מגן־דוד, וועל איך און מיין גאַנצע פאַמיליע אים טראָגן ווי אַ צייכן פון העכסטער אויסצייכענונג".

קעניג קריסטיאַן דער צענטער איז געשטאָרבן אין עלטער פון 72 יאָר, אין סעפטעמבער איז אין גאַנץ דענעמאַרק דער חודש ווען עס פלעגט געפייערט ווערן דער געבוירנטאָג פון זייער באַליבטן קעניג. אָבער אין די פינצטערע היטלער־יאָרן, ווען די דייטשן האָבן אָקופּירט דענעמאַרק, איז דער 26־טער סעפּטעמבער, דעם קעניגס געבוירנטאָג, נישט געפייערט געוואָרן ווי אַן עפנטלעכער פאָלקס־יום־טוב. בלויז אין זייערע היימען האָבן די דענער געטרונקען אַ „סקאָל", אַ לחיים פאַר זייער באַליבטן „קאָנגע" (קעניג).

דער שרייבער פון די שורות האָט אַ סך יאָרן געוווינט אין קאָפּענהאַגן און געהאַט אַ מעגלעכקייט צו זען צענדליקער מאָל דעם קעניג רייטן איבער די קאָפּענהאַגענער גאַסן, ווו קינד־און־קייט האָבן אים מיט ליבשאַפט באַגריסט, און ער האָט פאָטערלעך יעדן איינציקן אָפּגעענטפערט.

דאָס וואָס דער דענישער קעניג, קריסטיאַן דער צענטער, האָט געטאָן פאַר די דענישע יידן איז אַזאַ ליכטיק קאַפּיטל אין דער פינצטערסטער צייט פון אונדזער פאָלק, אַז ס'וועט געדענקט ווערן לדור־דורות, און די דענישע יידן וועלן דאָס דערציילן זייערע קינדער און קינדס־קינדער.

לאָמיר דאָ איבערגעבן בקיצור אַזאַ וווּנדערלעך־מענטשלעכע האַנדלונג. געווען איז דאָס אין אַ קאַלטן, רעגנדיקן טאָג אין אָנהייב אָקטאָבער 1943, ווען די דייטשן האָבן געכאַפּט פינף הונדערט דענישע יידן, וואָס האָבן נישט באַוויזן זיך צו ראַטעווען קיין שוועדן צוזאַמען מיט די אַנדערע זעקס טויזנט יידן. די פינף הונדערט דענישע יידן זענען פאַרשיקט געוואָרן קיין טערעזיענשטאַט אין דער געטאָ.

אָבער בשעת די אַנדערע צענדיקער טויזנטער יידן, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער געטאָ, זענען געווען פאַרלאָזט פון דער גאַנצער וועלט, און די דייטשן האָבן אַוועקגעשיקט טאָג־טעגלעך צו פינף הונדערט (דער נאָך טויזנטער) אין די אויוונס פון אוישוויץ, פלעגן דאָן די דענישע יידן קריגן רעגלמעסיק צוגעשיקט דורך דער ספּעציעלער דענישער קעניגלעכער קאָמיסיע פּעקלעך מיט קאָנדענסירטער עסנוואַרג און זיי האָבן זיך נאָך געקענט טיילן מיט די אַנדערע געטאָ־יידן.

אָבער די גרעסטע איבערראַשונג פאַר די דענישע יידן אין דער טע־

רעזיענשטאַט־געטאָ איז געווען, ווען עס איז פּלוצלונג אָנגעקומען אַ קעניג־לעכע קאָמיסיע פון דענעמאַרק, און נאָך דעם ווי אַלע דענישע יידן זענען צונויפגערופן געוואָרן פון די נאַציס, האָט די קאָמיסיע געזאָגט צו די יידן: „דער דענישער קעניג קריסטיאַן דער צענטער שיקט אייך זיין טיפסטן געפיל פון מיטלייד און הייסט אייך האָבן בטחון און אויסדויער. אייער היימלאַנד, דענעמאַרק, האָט אייך נישט פאַרגעסן און וועט אייך קיינמאָל נישט פאַרגעסן״.

ווי דאָס האָט געשטאַרקט דעם געמיט פון די דענישע יידן איז איבע־ריק צו זאָגן. די דענישע יידן האָבן דערנאָך גענאָסן אַ סך פּריווילעגיעס. זיי האָבן געהאַט אַן אייגענע ביבליאָטעק, אַ קלאַס פאַר די קינדער, און אַ דאַנק די דענישע יידן, האָט אויך גענאָסן די גאַנצע געטאָ.

די דייטשן האָבן געוווּסט, אַז די קעניגלעכע דענישע רעגירונג באַשיצט יעדן דענישן יידן און זיי האָבן נישט געוואַגט קיין איינעם פון זיי אומצו־ברענגען; דורך די צוויי יאָר זענען אָבער געשטאָרבן אין טערעזיענשטאַט עטלעכע און פופציק דענישע יידן. און צווישן זיי אויך מיין ברודער, הערש פישל כאַלעוואַ, זיי זענען געווען קרבנות פון דעם היטלעריזם.

אין טאָג פון דער באַפרייאונג זענען אָנגעקומען 35 אָמניבוסן, אָנגעפירט פון שוועדישן רויטן קרייץ, אָבער געשיקט פון דענעמאַרק און אַוועקגעפירט אַלע דענישע יידן צוריק אין זייער היימלאַנד, דענעמאַרק. דאָס איז געווען דעם 13־טן אַפּריל 1944.

און פונקט אַזוי מענטשלעך ווי עס האָט געהאַנדלט דער דענישער פאַרשטאָרבענער קעניג בנוגע די יידן פון זיין לאַנד, אַזוי האָט אויך גע־האַנדלט די גאַנצע דענישע באַפעלקערונג און די פּרעסע.

די אָנגעזעענסטע דענישע ליבעראַלע צייטונג, „פּאָליטיקען״, האָט דעם 2טן אָקטאָבער 1945, צום ערשטן יאָרטאָג נאָך דער באַפרייונג, געשריבן אין איר עדיטאָריעל: „דער צווייטער אָקטאָבער וועט פאַרבלייבן אין דער געשיכטע פון דענעמאַרק, ווי דער פינצטערסטער און אומגליקלעכסטער טאָג, ווייל אין יענעם טאָג זענען די דייטשן באַפאַלן אומשולדיקע און פרידלעכע מענטשן, ווי זיי וואָלטן געווען די ערגסטע פאַרברעכער פון דער געזעלשאַפט. אין מיטן נאַכט האָט מען ארויסגעשלעפּט יידישע מענער, פרויען און אפילו קינדער, ארויסגעשלעפּט פון זייערע היימען און זיי דע־

פאַרטירט פון זייער היימלאַנד בלויז פאַר דעם איינציקן פאַרברעכן, וואָס זיי זענען יידן".

*

קריסטיאַן דער צענטער איז געבוירן געוואָרן דעם 26־טן סעפּטעמבער 1870. ער איז געווען אַ זון פון דעם דענישן קעניג קריסטיאַן דעם ניינטן. ער האָט געקראָגן אַ מיליטערישע און אויך אַן אַקאַדעמישע אויסבילדונג. ער איז געווען דער ערשטער פון דעם דענישן קעניגלעכן הויז, וואָס איז געוואָרן אַ סטודענט פון דער קאָפּענהאַגענער אוניווערסיטעט. זיין הויפּט־אויסבילדונג איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ מיליטערישע. אין 1898 איז ער געוואָרן אַ קאַפּיטאַן און אין 1905 אַן אייבערלייטענאַנט. נאָך זיין זיידנס טויט, קריסטיאַן דעם ניינטן, אין 1906, איז ער געוואָרן גענעראַל־מאַיאָר פון דער בריגאַדע פון דעם אינדזל פין, דענעמאַרק. ער האָט חתונה געהאַט אין יאָר 1898 מיט דער פּרינצעסין אַלעקסאַנדרינע, אַ טאָכטער פון דעם גרויסהערצאָג פרידריך־פראַנץ דער דריטער פון מעקלענבורג־שווערין.

נאָך זיין פאָטערס טויט, דעם 14־טן מאַי 1912, האָט ער באַשטיגן דעם טראָן ווי קעניג קריסטיאַן דער צענטער פון דענעמאַרק.

ער איז געקרוינט געוואָרן אין דעם אמאַליענבורגער שלאָס. אין דעם אייגענעם שלאָס האָט קעניג קריסטיאַן דער צענטער, נאָך דעם ווי די דייטשן זענען באַפאַלן די יידן אין אָקטאָבער 1943, זיך דערקלערט ווי אַן אַרעסטאַנט. ער האָט נישט פאַרלאָזן דעם שלאָס און בשום אופן נישט געוואָלט צולאָזן קיין שום דייטשן באַאמטן צו זיך.

בשעת מען האָט געקרוינט דעם דענישן קעניג האָט ער פייערלעך דערקלערט, אַז ער וועט „אָפּהיטן און פאַרטיידיקן דענעמאַרקס זעלבשטענדיקייט און כבוד". ער האָט דעם דאָזיקן צוזאָג געהאַלטן הייליק ביז דעם לעצטן מאָמענט פון זיין לעבן. ער איז געשטאָרבן זונטיק ביי נאַכט, דעם 20טן אַפּריל 1947, און זיין זון, דער קרוינפּרינץ פרעדעריק, איז געוואָרן קעניג ווי פרעדעריק דער ניינטער.

קעניג קריסטיאַן דער צענטער איז באַטראַכט געוואָרן ווי דער קאָנסטיטוציאָנעלער פאָלקס־קעניג.

ער איז בכלל געווע אַ דעמאָקראַטישער און פאָלקסטימלעכער מענטש און איז טיף איינגעבאַקן אין די הערצער פון גאַנצן פאָלק.

קעניג קריסטיאַן דער צענטער האָט אַליין סטימולירט, אַז עס זאָלן איינגעפירט ווערן דעמאָקראַטישע און אַרבעטער־פריינדלעכע געזעצן. ער האָט אויך געהאָלפן איינפירן פּאָליטישע וואַל־רעכט פאַר פרויען, דעם 5טן יוני 1915.

בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה אין 1914 האָט קעניג קריסטיאַן דער צענטער אַ סך מיטגעהאָלפן, אַז אַלע דריי סקאַנדינאַווישע לענדער זאָלן פאַרבלייבן נייטראַל.

קעניג קריסטיאַן דער צענטער האָט פאַררופן דעם 18טן דעצעמבער 1914 אין מאַלמע די אַנדערע צוויי קעניגן — גוסטאַוו דעם פינפטן פון שוועדן און האָקאָן דעם זיבעטן פון נאָרוועגיע און דאָרטן האָבן זיי, צוזאַמען מיט די אויסערן־מיניסטאָרן, אויסגעאַרבעט די פּאָליטיק פון די דריי לענדער.

באַזונדערס באַליבט און געאַכט איז ער געווען דורך זיין מוטיקער האַנדלונג בשעת די דייטשן זענען באַפאַלן דענעמאַרק. די נאַציס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דורך חנפענען דעם דענישן קעניג וועלן זיי אים קענען געווינען אויף זייער צד, אָבער דער דענישער קעניג האָט די גאַנצע צייט, וואָס דענעמאַרק איז געווען אָקופּירט, אַרויסגעוויזן זיין טיפע פאַראַכטונג צו די נאַציס און בכלל צו די דייטשן. דאָס האָט שטאַרק דערמוטיקט די אונטערערדישע דענישע באַוועגונג, וואָס האָט טאָג־טעגלעך אָנגעטאָן דעם שונא גרויס שאָדן.

אויב די דענער האָבן איינגעשטעלט זייערע לעבנס, כדי צו ראַטעווען די יידן, איז עס אין אַ גרויסער מאָס געווען צוליב דער טיף־מענטשלעכער האַנדלונג פון זייער קעניג און פון די דענישע גייסטלעכע. גלייך נאָך דעם ווי די דייטשן זיינען באַפאַלן די דענישע יידן און זיי פאַרשיקט אין טערעזיענשטאָט, האָט דער דענישער בישאָף, האַנס פוגלסאַנג, אַרויסגעשיקט דעם וויטעריקן אויפרוף צו אַלע גלחים און געבעטן אים פאַרלייענען אין די דענישע קירכעס:

„אַ טיפע פינצטערניש האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אונדזער לאַנד. מיר קענען מער נישט זען קיין וועג און קיין שטעג. מיט דער האַנדלונג קעגן די דענישע יידן האָט מען ביי אונדז צוגענומען דאָס טייערסטע, וואָס מיר פאַרמאָגן — אונדזער מענטשן־ווערדע. אָבער גאָט איז מיט אונדז

אויך אין דער פינצטער. ער וועט נישט דערלאָזן, אַז מיר זאָלן זיין מיטשולדיקע אין דער דאָזיקער אַכזריותדיקער האַנדלונג. עס וועט זיך זיי נישט איינגעבן צו פאַרסמען די נשמה פון אונדזער פאָלק. מיר וועלן נישט אָפּטרעטן פון אמת, רעכט און גערעכטיקייט. לאָמיר בעטן צו גאָט פאַר די אַלע, וואָס זענען געפאַלן ווי קרבנות פאַר אונדזער באַליבטן קעניג, פאָטערלאַנד און פאָלק.״

„טאָג״, 27סטן אַפּריל 1947

דענישער קעניג קומט צו דער אזכרה נאָך יידישע נאַצי־קרבנות

דער שרייבער פון די שורות, וואָס פאָלגט נאָך די געשעענישן אין סקאַנדינאַוויע, באַזונדערס אין דענעמאַרק, ווו ער האָט פאַרבראַכט צען יאָר, האָט געקראָגן כמעט אַ סטענאָגראַפישן באַריכט, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין דער קאָפּענהאַגענער סינאַגאָגע דעם 8טן אָקטאָבער, בעת די דענישע יידן האָבן אָפּגעהאַלטן אַ טרויער־און־פרייד פאַרזאַמלונג צום צענטן יאָרטאָג, נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך געראַטעוועט פון דעם היטלער־גיהנום. ער האָט אויך געזען די דענישע צייטונגען מיט די בילדער פון דעם דענישן קעניגלעכן פּאָרל מיט זייערע באַגלייטער בעת זיי גייען אַריין אין דער דענישער שול, און בילדער בעת זיי זיצן אין שול און הערן זיך צו מיט יראת־הכבוד צו די טיף־רירנדיקע רייד פון דעם אויבעררבינער ד״ר מאַרקוס מעלכיאָר. אַ טרויער, באַגלייט מיט אַ יום־טובדיקייט און דערהייבונג, איז געווען אויסגעגאָסן אויף דער גאַנצער אייגנאַרטיקער מסיבה פון פּשוטע רוסיש־פּוילישע יידן וואָס זענען שוין לאַנג דענישע בירגער, אין וועלכער ס׳האָבן אָנטיילגענומען אַלט־געזעסענע, דעניש־יידישע אַריסטאָקראַטן, דאָס קעניגלעכע פּאָר און זייערע קעניגלעכע באַגלייטער, אויסלענדישע דיפּלאָמאַטן און די דענישע רעגירונג, מיט זייער פּרעמיער האַנס העצטאָפט בראש.

האַנס העצטאָפט האָט פאַר דער יידישער פאַרזאַמלונג אין דער

קאָפּענהאַגענער סינאַגאָגע דעם 8טן אָקטאָבער געהאַלטן אַ ראַדיאָ־רעדע צו די יידן אין ישראל. אָט וואָס דער דענישער פּרעמיער האָט געזאָגט:

— „איך רעד צו אייך פון דענעמאַרק, איינע פון די דריי סקאַנדי־נאַווישע לענדער, ווו אַלע האַלטן ראַסע־פּאַראורטייל, ראַסן־האַס און ראַסן־פאַרפאָלגונגען פאַר אומווירדיק און אוממענטשלעך. מיר אורטיילן יעדן יחיד בלויז לויט זיין גלויבן, הויט־פאַרב (קאָליר) אָדער ראַסע, נאָר מיר פרעגן: צי ביסטו אַ מענטש?"

דאָס קעניגלעכע פּאָרל איז באַגלייט געוואָרן אין דער קאָפּענהאַגע־נער שול פון דעם הויפּט פון דער יידישער געמיינדע עריק הערץ און פון דעם אויבעררבינער ד"ר מאַרקוס מעלכיאָר. פאַרשטייט זיך, אַז אַלצדינג איז צוגעגאַנגען לויט פּאָרמאַליטעט און עטיקעט. דער קעניג האָט געהאַט לעבן זיך זיין „קאַמערהער" און די קעניגין — איר „הויפּ־דאַמע".

אין שול זענען איינגעאָרדנט געוואָרן ספּעציעלע פּלעצער אין מזרח־טייל פאַר דעם קעניגלעכן פּאָר. צוזאַמען מיטן קעניג זענען אין שול געזעסן, אין די היטלען, דער פּרעמיער האַנס העצטאָפט, דער אויסערן־מיניסטער ה. ב. האַנסען, דער קירכע־מיניסטער באַדיל קאָך, דער שוועדי־שער אַמבאַסאַדאָר בעק פריס, און גלייך לעבן זיי, אין דער ערשטער ריי, זענען אויך געזעסן דער ישראל־אַמבאַסאַדאָר אין סקאַנדינאַוויע א. ניסן און דער „שאַרזשע ד'אַפער" י. גולן, און דערנאָך אַ גאַנצע ריי דיפּלאָמאַטן, הויכע באַאַמטע און שריפטשטעלער, צווישן זיי אַ סך באַרימטע נעמען, וואָס האָבן זיך קונה־שם געווען אין דעם פרייהייט־קאַמף קעגן די נאַציס און אין העלפן די יידן.

רירנדיק איז געווען דער מאָמענט ווען דער געמיינדע־כאָר האָט באַגעגנט דאָס קעניגלעכע פּאָרל מיט „מה טובו אהליך יעקב". נאָך דעם האָט דער אויבעררבינער פירגעזאָגט: „הודו לד', כי טוב, כי לעולם חסדו" און „מזמור לדוד, ה' מי יגור באהלך", און אנדערע פּאַסיקע קאַפּיטלעך תהילים.

דער הויפּטפּונקט פון דער פאַרזאַמלונג איז געווען די דרשה פון דעם אויבעררבינער ד"ר מעלכיאָר. ער האָט פאַרגליכן די צוויי דאַטעס: אָקטאָבער 1943 און אָקטאָבער 1953. „דעמאָלט זענען מיר געווען פאַר־זאַמלט אין שול און אָנגעזאָגט די טרויעריקע נייעס, אַז די דייטשן ווילן

אונדז אומברענגען און מיר מוזן זיך ראַטעווען, און דערנאָך האָבן מיר פאַרלאָזן אונדזער בית־המדרש און ווי גנבים זיך אַרויסגעשלייכט פון דאָרטן. מיר האָבן נישט געוווסט, אַז דאָ וועט נאָך אַ מאָל זיין ליכטיק. און איצטער איז אונדזער בית־המדרש צוריק אָפן און מיר האָבן אָנגעצונדן אַלע ליכט און אויסגעפּוצט מיט די שענסטע פאַרבן אונדזער שול.

„און איבערוועלטיקט פון פרייד זענען מיר, וואָס אונדזער קעניג און קעניגין האָבן אונדז צוגעטיילט אַזאַ כבוד און געקומען צו אונדז אין גאָטס הויז, כדי מיטצוטרויערן מיט אונדז אויף אונדזער אבידה פון זעקס מיליאָן קדושים, און מיטפּרייען זיך מיט אונדז, וואָס מיר, דענישע יידן, האָבן זיך געראַטעוועט פון אכזריותדיקן שונא אַ דאַנק אונדזער קעניג קריסטיאַן דעם צענטן, וואָס זיין נשמה וועט אייביק רוען אין פרידן און אַ דאַנק דעם דענישן פאָלק און אונדזערע שוועדישע שכנים, וואָס האָבן אונדז אויסגעשטרעקט אַ ברידערלעכע האַנט".

דער אויבערראַבינער האָט געענדיקט די דרשה מיט אַ רירנדיקער תפילה פאַר דעם קעניגלעכן פּאָרל, פאַר דעם קעניגלעכן הויז, און פאַרן דענישן פאָלק, פאַר דעם קעניג און פאָלק פון שוועדן און פאַר מדינת ישראל.

די גאַנצע טרויער־פאַרזאַמלונג, דער צערעמאָניאַל, די תפילות און געזאַנג און די רעדע פון אויבערראַבינער איז געהערט געוואָרן דורכן ראַדיאָ פון די דריי סקאַנדינאַווישע לענדער.

די פאָרשטייער פון דער געמיינדע האָבן אַרויסגענומען די ספרי־תורות און דער גאַנצער עולם האָט זיך אויפגעשטעלט, בעת דער חזן גראַבאָווסקי האָט געמאַכט דעם אל־מלא־רחמים איבער די דענישע יידן, וואָס זענען אומגעקומען אין טערעזיענשטאַט, איבער די זעקס מיליאָן קדושים און אויך איבער די דענישע פרייהייטס־קעמפער, וואָס זענען אין די פינצטערע היטלער־יאָרן געשטאָרבן מיט אַ העלדן־טויט. צום סוף האָט דער כאָר געזונגען „אדון עולם".

„אונדזער צייט", 1953

CHARLES GOLDMAN JUDAICA LIBRARY
YM-YWHA OF NORTH JERSEY
1 PIKE DR., WAYNE, N. J. 07470

טערעזיענשטאַט

פון שולמית כאַלעוואַ־גוטקין

איבערגעזעצט פון דעניש דורך איר פעטער
ישראל כאַלעוואַ־זילבערבערג

מיט דערשראָקענע בליקן האָבן מיר געקוקט אויפן לאַגער פון דער אַנדערער זייט שטאַכעטן. מיר, אומגליקלעכע יידן, זענען איצטער געווען געפאַנגענע ביי דער געשטאַפּאָ. זינט די איבערפאַלן אויף אונדזערע היימען דעם 1טן אָקטאָבער, 1943, איז געווען סכנת נפשות צו גיין אויף די גאַסן פון קאָפּענהאַגען. עס איז אויך געווען אַ סכנה צו פאָרן אויף אַ באַן אָדער אויטאָמאָביל. צווישן די, וואָס די דייטשן האָבן כסדר געבראַכט אין האָרסער זיד־לאַגער לעבן קאָפּענהאַגען, האָבן זיך געפונען נישט בלויז יונגע, אַרבעטס־פעיקע מענטשן, נאָר אויך זקנים, עלטערן מיט קינדער אין פאַרשיידענעם עלטער און אפילו עופּעלעך. אונדז איז דעריבער אוממעגלעך געווען צו דערגיין אַ טאָלק, אין וועלכע מענטשן די דייטשן זענען באַזונדער געווען פאַראינטערעסירט.

די שטימונג איז דאָך געווען אַן אָפּטימיסטישע. די לעצטע, וואָס זענען אַהערגעבראַכט געוואָרן, האָבן געוווסט אויף זיכער, אַז שוועדן האָט אינטערוועניִרט. די קראַנקע זעלנער, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער וואַך אין לאַגער, האָבן אונדז געזאָגט, אַז מען האָט אונדז אַרעסטירט און אַהערגעבראַכט דורך אַ טעות, וואָס וועט באַלד אויפגעקלערט ווערן.

ביסלעכווייז, ווען די נאַכט האָט אָנגעהויבן צוצופאַלן און קיין ענדערונג איז נישט פאָרגעקומען, האָבן מיר אָנגעהויבן שטאַרקער צו גלויבן, קוים וועט מען אונדז נישט ארויסלאָזן פון דאַנען, וועלן מיר מסתמא קריגן אַ דערלויבעניש צו פאַרבלייבן דאָ אין האָרסער זיד־לאַגער ביז דעם סוף פון דער מלחמה. מיר האָבן איצטער געדאַרפט שטאַרקן די, וואָס האָבן פאַרלוירן דעם מוט, זיי זאָלן זיך נישט צוהערן צו די קלאַנגען וועגן דעפּאָרטאַציע קיין פוילן.

די קינדער, וואָס האָבן אין די ערשטע טעג, בשעת די זון האָט נאָך געשיינט, זיך אויפגעהאַלטן אין דרויסן, מחוץ דעם לאַגער, זענען

געצווונגען געווען צו פֿאַרברענגען אין די געדיכט אָנגעפּאַקטע שטובן, צוזאַמען מיט שטאַרק נערוועזע טאַטע־מאַמעס און אַפּט באַבע־זיידעס.

אַזוי ווי איך האָב גוט געקענט די מערסטע קינדער, איז מיר גרינג אָנגעקומען זיי צוזאַמענצונעמען. אַ ווייל האָבן מיר פֿאַרגעסן די ביטערע ווירקלעכקייט און זיך פֿאַרנומען מיט פֿאַרבן אויף טייערן צייכן־פּאַפּיר, וואָס מיר האָבן געפֿונען אין לאַגער. דאָס האָבן די דענישע קאָמוניסטישע אונטערערדישע קעמפֿער איבערגעלאָזט פֿאַר אונדז.

מיר האָבן שוין בדעה געהאַט צו שרייבן צום דענישן בילדונגס־מיניסטעריום, אַז מען זאָל אונדז שיקן שולביכער, ווען די דייטשן האָבן פּלוצלונג אַ סוף געמאַכט צו אונדזער האָפֿענונג און אונדז באַפֿוילן צו זיין גרייט פֿאַר דער נסיעה. וווּהין מען וועט אונדז פֿירן — האָט מען אונדז נישט געלאָזט וויסן.

דער שכל איז מחייב, אַז מענטשן, וואָס געפֿינען זיך אין אַזאַ מצב, זאָלן זיך אין גאַנצן פֿאַרלירן, אָבער קיין איינציקע טרער איז נישט געפֿאַלן; יעדער איינער האָט אָנגענומען זיין גורל. אפֿילו די קינדער האָבן אינטואיטיוו דערשפּירט, אַז אַצינד טאָר מען נישט וויינען. גאַרנישט פֿאַרלאַנגען, בלויז אכטונג געבן, אַז די דאָזיקע מיאוסע ברואים זאָלן אַפֿילו קיין רגע נישט דערקענען אונדזער זאָרג און מורא.

אין צוויי טעג אַרום זענען מיר געווען אין טערעזיענשטאַטער געטאָ.

טערעזיענשטאַט איז אַ קליינע גאַרניזאָן־שטאָט, אויפֿגעבויט אין יאָר 1780 פֿון יאָזעף דעם צווייטן; די שטאָט האָט זיך גערופֿן נאָך דעם קעניגס מוטער, מאַריע טערעזיע. בשעת דער מלחמה פֿון יאָר 1866 האָט די פֿעסטונג געשפּילט אַ ראָלע. אין 1882 האָט אויפֿגעהערט איר ווערט ווי אַ פֿעסטונג־שטאָט, אָבער אירע קאַזאַרמעס זענען כסדר באַניצט געוואָרן פֿאַר אַ גאַרניזאָן פֿון אַ פֿינף־זעקס טויזנט מאַן.

טערעזיענשטאַט ליגט לעבן דעם טייך עגער, נישט ווייט פֿון דעם אָרט, וווּ ער פֿאַלט אַריין אין דער עלבע, אַרום זעכציק קילאָמעטער צו מזרח פֿון פּראָג. די סטאַנציע־שטאָט, באָוושאָוויץ, די נאָענטסטע סטאַנציע פֿון טערעזיענשטאַט, ליגט אויף דער אייזנבאַן־ליניע פּראָג—דרעזדן. אין נאָרמאַלע צייטן האָט טערעזיענשטאַט געהאַט אַן ערך דריי טויזנט ציווילע איינוווינער. אַ העלפֿט פֿון זיי טשעכן און אַ העלפֿט סודעטן־דייטשן, און אַ גאַרניזאָן אַן ערך פֿיר טויזנט מאַן. בשעת מיר זענען

אָנגעקומען קיין טערעזיענשטאַט האָבן זיך דאָרטן געפונען 48,000 יידן אויף דעם איינעם קוואדראט־קילאָמעטער, פון וועלכן די שטאָט איז באַשטאַנען און וואָס האָט זיך איצטער גערופן געטאָ. מען האָט נישט נאָר געמוזט איינאָרדענען שלאָפּפּלעצער אין דריי עטאַזשן, נאָר מען האָט אויך געדאַרפט נעמען די ביידעמער און די קעלערס, און פאַרשטייט זיך, אַז די, וואָס זענען אָנגעקומען צו לעצט, האָבן געקראָגן די ערגסטע פּלעצער.

אונדזער באַליבטער אויבערראַבינער, ד״ר מ. פרידיגער, איז געווען דער בעסטער פריינד פון די יידישע קינדער, און תיכף נאָך זיין אָנקומען איז ער, לויט דעם פאַרלאַנג פון די דייטשן, געוואָרן אַ מיטגליד אין דעם יידישן עלטעסטנראַט און איינציייטיק דער עלטסטער און פירשפּרעכער פון די דענישע יידן. מיט פלאַם־פייער און ענערגיע האָט ער זיך אַריינ־געוואָרפן אין דער אַרבעט, און מיט זיין אויטאָריטעט האָט ער אויסגע־פּועלט, אַז מען זאָל לפּחות די קינדער נישט באַזעצן אויף די ביידעמער, ווו עס האָט אַריינגערעגנט און די קעלט איז געווען גרויס, און די פליי און וואַנצן זענען באַפאַלן די אויסגעמאַטערטע גופים.

די יידישע פאַרוואַלטונג פונעם געטאָ האָט זיך איינגעאָרדנט מיט פאַרשיידענע אָפּטיילונגען, און יעדע אָפּטיילונג האָט געהאַט איר געביט צו פאַרוואַלטן. האָט מען די קינדער צוגעטיילט צו אַ יוגנט־אָפּטיילונג מיט אַ סך באַרימטע פּעדאַגאָגן און וויסנשאַפטלער. זיי האָבן פאָרגעלייגט, אַז די דעניש־יידישע קינדער, גלייך מיט די מערסטע אנדערע יידישע קינדער פון דער געטאָ, זאָלן אריינגענומען ווערן אין די עקזיסטירנדיקע דייטש־יידישע אָדער טשעכיש־יידישע קינדערהיימען, און אויב מעגלעך מיט אַ ייִדיש־דענישן אָנפירער, ווייל עס איז נישט געווען קיין פּלאַץ פאַר אַ זעלבשטענדיקער דעניש־יידישער אָפּטיילונג, און צוליב דעם עלטער, וואָלט מען געדאַרפט האָבן ווינציקסטנס צוויי צימערן. די דאָזיקע צעשפּליטערונג פון אונדזערע דעניש־יידישע קינדער האָבן די עלטערן בשום אופן נישט געוואָלט; זיי האָבן בעסער געוואָלט אַליין אַכטונג געבן אויף זייערע קינדער אַזוי גוט ווי עס וועט זיך נאָר לאָזן. דאָס האָט אָבער אויך געמיינט, אַז די קינדער וועלן דאַרפן פאַרבלייבן אויף די ביידעמער.

דריי טעג נאָך דעם ווי מיר זענען אָנגעקומען אין געטאָ, האָבן אונדזע־רע קינדער געקראָגן אויסגעטיילט וועש צו שלאָפן און בעטגעוואַנט און

אַנטוועכץ. אַן אויסערגעוויינלעכע געשעעניש, וואָס האָט די גאַנצע געטאָ פֿאַרוווּנדערט. אָבער דער יידיש־דענישער טראַנספּאָרט איז אויך געווען דער איינציקער, וואָס איז געקומען אין גאַנצן אָן „געפּעק״.

אין אַלע אַנדערע לענדער האָבן זיך יידן לאַנג געריכט אויף דעפּאָר־טאַציע; בלויז אין דענעמאַרק איז דאָס צום גליק געווען אַ פּלוצלונגע און „איינמאַליקע״ אַקציע. דריי וואָכן שפּעטער האָבן אויך די דערוואַקסענע דענישע יידן געקראָגן צוגעטיילט קליידער. מיר האָבן זיך אויסגעלערנט צו פֿאַרקלאַפּן די ערגסטע לעכער אויף די דעכער און איינאָרדענען אונדזער ליליפּוט־וועלט אויף דריי קליינע ברעטער, אַזוי, אַז מיר האָבן דאָס אָנגערופֿן „היים״, און אפילו געבענקט „אַהיים״, ווען מיר זענען געווען אַוועק ביי דער אַרבעט.

די דייטשן האָבן פֿאַרבאָטן אַלע פֿאָרמען פֿון לערנען און שול־לימודים, אָבער „קינדער־באַשעפֿטיקונג״ איז דערלויבט געוואָרן. דאָס איז אויסגעטייטשט געוואָרן פֿון די יידישע מנהיגים אַזוי, אַז אַלע פֿאָרמען לערנען זענען באַצייכנט געוואָרן מיטן נאָמען „באַשעפֿטיקונג״. עס איז דערפֿאַר געווען פֿאַרשטענדלעך, אַז די פֿראַגע וועגן בעשעפֿטיקן די דעניש־יידישע קינדער האָט זיך אוועקגעשטעלט תיכף נאָך דעם, ווי די עלטערן האָבן געמוזט אָנהייבן אַרבעטן.

צווישן די דענישע יידן זענען באַלד געווען צוויי, וואָס האָבן זיך געמעלדן צו אַרבעטן מיט די קינדער, פּרל׳ יהודית פּישער פֿון דער יידישער מיידלשול אין קאָפּענהאַגען און איך, וואָס בין געווען אַ סעמי־נאַריסטין אין קאָפּענהאַגענער אוניווערסיטעט, אויפֿן לעצטן קורס.

נאָך דעם ווי מען איז דורכגעגאַנגען „די הונדערטשאַפֿט״, ד״ה, אַרבעטן הונדערט שעה ביי פֿאַרשידענע מלאָכות, וואָס יעדער נייער געטאָ־איינוווינער איז געצוווּנגען געווען צו טאָן, האָט מען אין גינציקע פֿאַלן געקאָנט קריגן די באַשעפֿטיקונג, צו וועלכער מען איז געווען צוגע־וווינט פֿון דער היים.

די וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט יוגנט־פֿאַרזאָרגונג, האָבן פֿאַר־לאַנגט, אַז מען זאָל לאָזן די יידיש־דענישע קינדער זיך לערנען אין דייטש־ריידנדיקע קינדערהיימען, און מיר צוויי אָנפֿירערס, פּרל׳ פּישער און איך, זאָלן דינען ווי איבערזעצער. מען האָט מאָטיווירט דעם פֿאָר־שלאָג מיט דעם קאַטאַסטראָפֿאַלן דוחק אין פּלאַץ, און אויך מיטן פֿאַקט,

וואָס אין געטאָ האָבן זיך געפונען ביכער אויף אַלע אַנדערע לשונות, אַחוץ אויף דעניש; און סוף כל סוף דאַרף מען אויך אין זינען האָבן, אַז אויף דעם אופן וועט מען אָן וויטיק זיך קענען לערנען און אריבערגיין אויף אַ פרעמדער שפּראַך. פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן תיכף רעאַגירט און דערקלערט, אַז מיר ווילן אפילו אָן ביכער ווייטער אָנהאַלטן אַ פאַרשטענדעניש און ליבע צו דענעמאַרק, ווי לאַנג די געפאַנגענשאַפט זאָל נישט געדויערן. זאָלן די קינדער וואָס וויניקער פילן די פרעמדקייט און אויך געדענקען, אַז זייער היימלאַנד, דענעמאַרק, איז קעגן דעם אומגליק, וואָס האָט אונדז אַלעמען געטראָפן, און זיי זאָלן אויך אָנהאַלטן זייערע לימודים לויט דער דענישער פּראָגראַם. סוף כל סוף האָבן מיר געוווּנען. דאָס פּראָבלעם איז אָבער ווייטער געווען צו קריגן אַ פּלאַץ אין אַ הויז. לעת־עתה האָבן מיר זיך געאייניקט צו לערנען אויף דער פרײַ. דרײַטהאַלבן שעה פּאַר מיטאָג און נאָך מיטאָג האָבן מיר פאַרזאַמלט די קינדער אויפן פּלאַץ לעבן די פעסטונג־ווענט.

פון דער הייך האָט מען געזען פון צפון די פּראַכטפולע פּאַנאָראַמע פון די בערג מיט דער אידילישער שטאָט לייטמעריץ, אַ סך קליינע הײַזער מיט רויטע דעכער, און פון דער אַנדער זייט — פּלאַכע לאַנד־שאַפט פון דער שטאָט באָוושאָוויץ און ווײַסע דאָרפישע קלויסטערס.

דאָ, אין דער הייך, מיט דער פרײַהייט, וואָס האָט געררייצט, ווײַט פון דעם שמוץ און דער געפאַלנקייט פון געטאָ, האָבן מיר פאַרגעסן אין די קייטן פון קנעכטשאַפט. מיר האָבן אַראַנזשירט געזאַנג, פאַלקסטענץ, שפּילן, גימנאַסטישע געניטונגען, ביז מיר זענען געוואָרן אַזוי דערוואַ־רעמט, אַז מיר האָבן זיך געקענט נעמען צו רעכענען, געשיכטע, פּאָעזיע און אָבסערווירן דעם וווּקס פון געוויקסן.

ביסלעכווײַז איז אונדז קלאָר געוואָרן, אַז די דאָזיקע פאָרעם פון לערנען אויף דער פרײַער לופט וועט צו ריזיקאַליש. מיר האָבן געהאַלטן אין מיטן נאָוועמבער, און הגם עס איז זעלטן ווען געווען אַ שטורעם אָדער אַ רעגן, האָבן מיר אין אונדזערע האַרבסט־קליידער געפרוירן, בעת דער אַפּעטיט איז געוואַקסן. די יוגנט־פאָרזאָרגונג האָט געטאָן אַלצ־דינג, וואָס זי איז נאָר בכוח געווען, אָבער ביז מיר האָבן געקראָגן אַ דאַך איבערן קאָפּ, איז געוואָרן דעצעמבער.

בשעת די דעניש־יידישע קינדער זענען אָנגעקומען אין דער געטאָ,

זענען זיי געווען אין אַ גאַנץ אַנדערן דערנערונגס־צושטאַנד, ווי די יידישע קינדער אין דייטשלאַנד, האָלאַנד, עסטרייך און טשעכאָסלאָוואַקיי, וואָס אַ סך זענען געווען נישט־דערשפּייזט זינט דער גרינדונג פון געטאָ אין נאָוועמבער 1941. אָבער מסתמא צוליב דעם פּלוצלונגדיקן איבערגאַנג צו אומאַפּעטיטלעכע גרויע הירזש, גערשטענגרויפּן און קאַרטאָפל־זופּ, זענען אונדזערע קינדער געוואָרן אין משך פון ווינטער אויסגעמאָגערט און אויסגעבלייכט. זיי האָבן זיך אָנגענומען מיט איין קראַנקייט נאָך דער אַנדערער: קייכהוסט, שקאַרלאַטין, געלזוכט, און גרויסע פּליסיקע ווונדן.

קינדער ביז פערצן יאָר זענען נישט געצוווּנגען געווען צו אַרבעטן, און דאָך איז געווען אַ געוויינלעכע זאַך, אַז די מערסטע קינדער צווישן 11 און 14 יאָר, האָבן זיך אונטערגענומען צו אַרבעטן, נישט מחמת נייגע־ריקייט אָדער צוליב צייטפאַרטרייב, נאָר דערפאַר וואָס זיי האָבן געקראָגן מער צו עסן.

אויב מען איז געווען אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט און נישט גע־שפּאָרט קיין כוחות, האָט מען געקראָגן יעדן צווייטן טאָג $1\frac{1}{2}$ פּאָרציעס מיטאָג. דאָס האָט אין דער אמתן באַטייט — צוויי ביז דריי קליינע קאַרטאָפל און 0.05 פון איין קנידל מער ווי די נאָרמאַלע פּאָרציע, אָבער דאָס האָט אָנגעפילט דעם אויסגעליידיקטן מאָגן אויף אַ קורצער ווײַלע.

אונדזערע גרעסערע יינגלעך און מיידלעך האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין דעם אויסוועג, נאָך דעם ווי זיי זענען עטלעכע וואָכן אָפּגעווען אין דער געטאָ; זיי, וואָס זענען דורך אַ מאָדנעם צויבער געוואָרן קליינע דער־וואַקסענע מענטשן, האָבן אגב, לענגער נישט געהאַט קיין רו צו זיצן אויף די שולבענק און זיי זענען אריינגעצויגן געוואָרן אין דער שרעק און שפּאַנונג, וואָס האָט שטענדיק געהערשט אין דער געטאָ.

די קינדערגאָרטן־קינדער זענען נאָך דעם ווי זיי האָבן געלערנט עטלעכע טעג אין דער פריי, אָוועקגעשיקט געוואָרן אין די עקזיסטירנדיקע קינדערהיימען. זיי האָבן זיך גיך צוגעוווינט צו פאַרשטיין זייערע קליינע חברים. זיי זענען, אגב, געווען די ערשטע צווישן אונדז דענישע יידן, וואָס האָבן זיך אויסגעלערנט ציילן אויף טשעכיש, און ווען מיר האָבן געקראָגן אַ שולצימער איז אונדז אין גאַנצן פאַרבליבן פופצן שולקינדער. אונדזער שולצימער האָט געהאַט בענק און אַ טיש, אפילו אַ גרויסן גרינעם אויוון, אָבער מיר האָבן גאָרנישט געהאַט וואָס אַריינצולייגן אין אים.

מיר האָבן געקראָגן בלייערס און אַ ביסל פּאַפּיר, אָבער מיר האָבן אויף זיכער געוווסט, אַז מען האָט זיך שטאַרק באַמיט, מיר זאָלן קריגן די דאָזיקע אוצרות.

צוליב פּראַקטישע טעמים, האָבן מיר איינגעטיילט די קינדער אין עלטער־גרופּעס, אַזוי אַז די יינגסטע האָבן געלייענט מעשהלעך פון תנ״ך און די עלטסטע דעניש. קיין טאָוולען און קרייד האָבן מיר נישט געהאַט, האָבן מיר דערפאַר אויפן פּאַפּיר (וואָס מיר האָבן געדאַרפט שטאַרק שפּאָרן) אויפגעשריבן דעם טעקסט, וואָס מען האָט געדאַרפט איבער־דערציילן. מיר האָבן אויך געלערנט געשיכטע, שפּראַך־אנאליז און אפילו דיקטאַט פאַר די קלענערע. פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן נישט געקענט פאַרלאַנגען, אַז די קינדער זאָלן טאָן היימאַרבעט, הגם אַלע יידיש־דענישע פרויען און זייערע קינדער האָבן אין חודש דעצעמבער געקראָגן דערלוי־בעניש אריבערצוקלייבן זיך פון דיביידעמער אין ליכטיקע באַראַקן, אָבער דאָ איז מען געצוווּנגען געוואָרן צו וווינען אַ סך ענגער ווי אויף די ביידעמער — פינף און צוואַנציק מענטשן אין איין צימער פון 25 קוואַד־ראַט־מעטער און 2¾ מעטער צווישן באַלקן און דיל, מעבלירט מיט שטרויזעק אין דריי עטאַזשן.

נאָך אַ שטיקל צייט זייענדיק אין דער געטאָ, האָבן מיר אויסגעפונען ווער עס זענען געווען די פריערדיקע באַוווינער פון דעם באַראַק.

דאָרטן האָבן געוווינט פינף הונדערט יידישע קינדער פון אוקראַינע אין עלטער פון צוויי ביז פופצן יאָר. זייערע עלטערן זענען דעפּאָרטירט געוואָרן, אָדער מ׳האָט זיי געהרגעט פאַר די אויגן פון די קינדער. די דאָזיקע קינדער זענען געבראַכט געוואָרן קיין טערעזיענשטאַט און מען האָט זיי באַשטאַט אין דעם באַראַק, אין וועלכן מיר וווינען אַצינד. די דאָזיקע 500 יידישע קינדער זענען געהאַלטן געוואָרן שטרענג איזאָלירט און קיינער האָט נישט געטאָרט רעדן מיט זיי. זייער איינציקער דאָקטאָר און פיר קראַנקן־שוועסטער, האָבן נישט געטאָרט האָבן קיין שום מגע ומשא מיט די אנדערע יידן אין געטאָ. אַ יונגער יידישער בחור, וואָס האָט פאַרבייגייענדיק עפּעס געזאָגט צו עטלעכע פון די קינדער הינטער די שטאַכעטן, האָט מען אריינגעוואָרפן אין תפיסה און דערנאָך געשיקט קיין פוילן צו די גאַזאויוונס.

דאָס עסן, וואָס מ׳האָט געבראַכט, האָט מען אַוועקגעשטעלט הינטער

דעם באַראַק, נאָך דעם ווי די יידישע יונגעלייט, וואָס האָבן געבראַכט דאָס עסן, זענען שוין געווען אַוועקגעגאַנגען, האָבן די קראַנקן־שוועסטער געמעגט נעמען דאָס עסן. אַזוי שטרענג איז די איזאָלאַציע דורכגעפירט געוואָרן. אין איין נאַכט האָבן די דייטשן גענומען די 500 יידישע קינדער צוזאַמען מיטן דאָקטאָר און די פיר קראַנקן־שוועסטער און זיי ערגעץ אַוועקגעפירט, און מער האָט מען נישט געהערט וועגן זיי. אָט אָ דאָ האָבן מיר איצט געוווינט.

גאָר ענג איז געוואָרן אין די אָוונטן, ווען די פּאַטערס און די ברידער זענען זיך צוזאַמענגעקומען, ווייל דאָ איז דאָך געווען אַ סך אָנגענעמער ווי אין די קאַזאַרמעס, ווו די מענער האָבן זיך אויפגעהאַלטן. די קינדער האָבן געהאַלטן פאַר אַ כבוד צו ברענגען דאָס עסן פון די אויסטייל־פּלעצער, ווו עס איז תמיד געווען אַ געדראַנג. זיי האָבן געוואָלט, אַז טאַטע־מאַמע זאָל זיך אַ ביסל אָפּרוען נאָך דעם ווי זיי זענען אַהיימגעקו־מען מיד און הונגעריק פון דער אַרבעט. מיר האָבן געמוזט זיין צופרידן מיט דעם. די קינדער זענען געשטאַנען אין די רייען שעהענווייז ביז זיי האָבן זיך דערשלאָגן צו זייערע חלקים.

צוזאַמען מיט די קינדערהיימען האָבן אויך מיר זיך געגרייט צו דער חנוכה־פייערונג. אויף אַלע שפּראַכן, וואָס די קינדער האָבן גערעדט אין דער געטאָ, האָט געדאַרפט געפּראַוועט ווערן דער באַפרייאונגס־יום־טוב.

מיר האָבן איבערגעזעצט אויף דעניש אַ שפּיל, חכמת שלמה, און מיר האָבן געהאַט אַ ראָלע פאַר יעדן קינד. מיר האָבן אונדזער קלאַס־צימער פאַרוואַנדלט אין אַן אָריענטאַלישן פּאַלאַץ, וואָס האָט געשיינט מיט די דעקאָראַציעס און מיט די עלטערנס אויגן. אַחוץ דעם שפּיל, האָבן מיר דורכגעפירט געזאַנג און דענישע פאָלקסטענץ. דאָס זענען געווען וווּנדערלעכע שעהען, איינגעהילט מיט אַ ווייטאַגדיקער בענקשאַפט.

אין אונדזער פרייד האָבן מיר כמעט פאַרגעסן, אַז די דייטשן קענען אונדז פאַרלויפן דעם וועג; און זיי האָבן ליידער אויך דאָס מאָל אין אונדז נישט פאַרגעסן.

אַ פּאָר טעג פאַר חנוכה און גלייכצייטיק אַ וואָך פאַר ניטל, האָבן די דייטשן געפאָדערט, אַז די יידן זאָלן פון זיך אויסקלייבן פינף טויזנט אַלטע מענטשן, וואָס דאַרפן געשיקט ווערן אין טראַנספּאָרט, ד״ה צו די גאַזקאַמערן אין אוישוויץ. פון די 100,000 יידן, וואָס זענען זינט נאָוועמ־

בער 1941 ארויסגעשיקט געוואָרן פון געטאָ, איז בלויז זייער זעלטן, און דאָס תיכף נאָך דער דעפּאָרטאַציע פון טערעזיענשטאַט, דערהאַלטן געוואָרן אַ צייכן פון לעבן. שוין פון דעם אַליין האָבן מיר געוווּסט, אַז דער טראַנספּאָרט האָט זיכער באַטייט טויט. אַחוץ דעם האָט געטראָפן, אַז טשעכישע לאָקאָמאָטיוו־פירערס, וואָס זענען פון די דייטשן געצוווּנגען געוואָרן צו זייער אַרבעט, האָבן אריינגעשמוגלט בריוו אין געטאָ וועגן גאַזטויט פון די דאָזיקע פאַרמשפּטע יידן. מען דאַרף אויך געדענקען, אַז בלויז די יידן, וואָס זענען געווען „פּריווילעגירט" דורך חתונה מיט אַן „אַריער", אָדער צוליב אַן אויסצייכענונג אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָבן געקראָגן די דערלויבעניש אָוועקגעשיקט צו ווערן קיין טערזיענשטאַט און פאַרבלייבן דאָרטן.

בלויז דער וואָס האָט איבערגעלעבט אַזאַ טראַנספּאָרט און געזען דעם קאַמף ביז משוגעת צו פאַרראַטן דעם אַנדערן, כדי אַליין נישט אויסגעקליבן צו ווערן צום טראַנספּאָרט, וועט פאַרשטיין די דייטשישע גוט דורכגעטראַכטע אַכזריות. אין משך פון איין טאָג האָט מען געמוזט צושטעלן די ליסטעס מיט די אומגליקלעכע קרבנות צו דעם קאָמענדאַנט און אין געציילטע עטלעכע שעה האָבן זיי זיך געמוזט געפינען אין קאַזאַרמע־הויף.

וועגן אַנטלויפן פון געטאָ האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד, ווייל די שמירה איז דורכגעפירט געוואָרן פון אַ שטאַרקער טשעכישער זשאַנדאַרן־אָפּטיילונג. זיי האָבן טאַקע געהאַסט די דייטשן פּונקט ווי מיר, אָבער צוליב זייער אייגן לעבן האָבן זיי געדינט די דייטשן. צו באַהאַלטן זיך איז געווען נאָך שווערער, ווייל יעדער יידישער הויז־פאַרוואַלטער, איז מיט זיין לעבן געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די מענטשן אין הויז.

דאָס יאָר 1944 האָט זיך אָנגעהויבן מיט קראַנקייטן ביי די מערסטע דענישע יידן, און אַ לאַנגע צייט איז אונדזער גיין אין שול אינגאַנצן געוואָרן איבערגעריסן.

צו די פריער דערמאָנטע קראַנקייטן איז נאָך צוגעקומען אַ מין שלאָפקראַנקייט, וואָס האָט באַזונדער אָנגעשטעקט די קינדער און די יוגנט. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ געליימטקייט, שטייפקייט פון רוקן, היץ און שרעקלעכע קאָפּווייטאָגן. צוליב דעם דוחק אין מעדיקאַמענטן, איז געווען שווער געזונט צו ווערן.

אין פאַרלויף פון דעם האַלבן יאָר, האָבן מיר בלויז דערהאַלטן איין מאָל פּאָסט פון דער היים, און כאָטש עס איז געשטאַנען געשריבן אין די בריוו, אַז מען באַמיט זיך צו שיקן אונדז עסן, האָבן מיר נישט געגלויבט, אַז די דייטשן וועלן דאָס דערלויבן.

און פּלוצלונג איז געשען אַ נס. איין טאָג אין אָנהויב מערץ, האָט מען אונדז מודיע געווען, אַז אין באַוושאָוויץ ליגן פאַר אונדז אַ סך פּעקלעך, און פון דעם טאָג אָן ביז צו די סאַמע לעצטע טעג פון אונדזער זיין אין געטאָ, פולע 13 חדשים, זענען די דאָזיקע טייערע פּעקלעך, וואָס די דענישע רעגירונג האָט געשיקט צו אונדז דורך דעם שוועדישן רויטן קרייץ, אָנגעקומען צו יעדן איינציקן פון אונדז, און געקומען זענען זיי רעגלמעסיק, אַלע דריי וואָכן.

עס האָט זיך ממש נישט געלאָזט גלייבן, מיט וואָס פאַר אַ גיכקייט מיר האָבן זיך געקענט אויסשרייבן פון די שפּיטאָלן. מיר זענען געזונט געוואָרן אַ דאַנק דער פּוטער, האָבערגריץ, קאָנדענסירטע מילך, צוקער, קעז און ווורשט. אָבער די פּעקלעך האָבן פאַר אונדז באַטייט מער ווי בלויז דאָס, וואָס מיר האָבן צוריקגעוווּנען אונדזער געזונט. מיר זענען געשטאַרקט געוואָרן אין גלויבן, אַז מען האָט אונדז אין דער היים נישט פאַרגעסן, און אַז די דייטשן האָבן אונדז נישט געקאָנט באַהאַנדלען ווי עס וואָלט זיך זיי וועלן. אַוודאי האָבן מיר זיך געטיילט מיט די פּעקלעך, באַזונדערס מיט די קינדער און קראַנקע.

צוזאַמען מיט די פּעקלעך האָבן מיר געקראָגן האָפענונג, אַז מיר וועלן זיך אַ מאָל אומקערן צו אונדזער באַליבטער דענעמאַרק. מיר זענען נאָך מער איבערגעצייגט געוואָרן אין דעם, ווען אין די קומענדיקע חדשים האָט מען פאַרשענערט די געטאָ בלויז צוליב דעם כבוד פון דער דענישער קאָמיסיע, וואָס האָט אונדז באַזוכט דעם 23־סטן יוני.

פונקט אין מיטן, בשעת עס האָט זיך אונדז אויסגעוויזן, אַז די דייטשן פירן בנוגע אונדז אַ מילדערן קורס, האָבן זיי אין חודש מאַי פאַרלאַנגט פון אונדזערע רייען 5,000 מענטשן. דאָס מאָל האָבן זיי געוואָלט קינדער, יתומים. ווידער אַ מאָל האָבן זיי געדאַרפט אָנפילן די טויטוואַגאָנען. מיט יתומים האָט מען געמיינט אַזעלכע קינדער, וואָס זענען אין טערעזיענשטאַטער געטאָ געווען אָן עלטערן, די עלטערן זענען

אַוועקגעשיקט געוואָרן מיטן טראַנספּאָרט, אָדער זייערע מוטערס און פאָטערס זיינען לכתחילה נישט געקומען קיין טערעזיענשטאָט. אויך די קינדער איז באַפאַלן די זעלבע אימה וואָס די דערוואַקסענע. זיי איז נישט איין מאָל אויסגעקומען איבערצולעבן טעג, וואָס מען האָט געקענט אַראָפּ פון זינען, און זיי האָבן געוווסט, אַז קיין שום מענטש קען זיי נישט העלפן. זיי האָבן זיך איינגעפּאַקט די רוקזעק, צוזאַמענגעלייגט זייערע זאַכן און זיינען אַוועק אין קאַזאַרמע־הויף.

דער זומער איז אָנגעקומען און צוזאַמען מיט אים, האָבן מיר דורך דער זשאַנדאַרמעריע געקריגן אַריינגעשמוגלט מלחמה־באַריכטן, וואָס האָבן אונדז אויפגעמונטערט. מיר זענען געווען זיכער, אַז דער סוף פון דער מלחמה איז נאָענט.

ווי באַקאַנט, פּראַווען די דענער, און באַזונדערס די דענישע קינדער, אין 26סטן סעפּטעמבער, דעם געבוירנטאָג פון קעניג קריסטיאַן דעם צענטן. און וואָס האָט געקאָנט זיין נאַטירלעכער ווי פאַרזאַמלען אַלע דענישע יידן לכבוד דעם קעניגס געבוירנטאָג און אויסצודריקן לויב צו אונדזער קעניג, וואָס ער האָט אונדז פון יאָר 1940 כסדר באַשיצט; און כאָטש ער איז אין זיין פּאַלאַץ אַצינד אַליין אַ געפאַנגענער ביי די דייטשן, האָט ער דאָך אונדז אַלעמען דורך דער דענישער קאָמיסיע געשיקט זיין גרוס.

אויך די דאָזיקע געבוירנטאָג־פרייד איז אונדז פאַרשטערט געוואָרן.

דעם 23סטן סעפּטעמבער, פונקט פאַר ראש־השנה, איז דאָס געטאָ געוואָרן פאַרפינצטערט, און אַ גאַנצן חודש, ביז דעם 28סטן אָקטאָבער, האָט געשוועבט פינצטערניש און פאַרצווייפלונג אין געטאָ. צוואַנציק טויזנט מענטשן זענען אַוועקגעריסן געוואָרן פון זייערע ליבסטע און טייערסטע און אַוועקגעשיקט געוואָרן צום טויט דורך טראַנספּאָרטן. עס האָט נישט געהאָלפן דאָס בעטן זיך, אַז מען זאָל אַוועקגעשיקט ווערן צוזאַמען מיט דער משפּחה. היינט האָבן די דייטשן פאַרלאַנגט פינף טויזנט אַרבעטס־פעיקע יידן, און צו מאָרגנס זייערע פרויען, און איבערמאָרגן אַלע באַרימטע פּערזענלעכקייטן, וויסנשאַפטלער, קינסטלער, דאָקטוירים אד״גל. עס איז געוואָרן טריב און טרויעריק אין דער פריער אַזוי איבערגעפּאַקטער געטאָ. דער מלאך המוות האָט באַזוכט יעדע איינציקע משפּחה. בלויז די נאָענט צו 500 דענישע יידן האָבן געהאַט איינער דעם צווייטן, אָבער די האָפענונג ווידער צו זען אַ מאָל

דענעמאַרק, האָט שוין מער נישט געלעבט אין אונדז. אַוודאי האָבן מיר נאָך אַלץ געהאַט די פּרעפערענץ־שטעלונג, אָבער ווער וויס וואָסער שרעקלעכער טויט עס וואַרט אויף אונדז, אויב די דייטשן וועלן אין דער צוועלפטער שעה איינזען, אַז זיי האָבן פאַרלוירן די מלחמה.

זינט פרילינג האָט זיך אונדזער לערנען שטאַרק רעדוצירט, בלויז צוויי שעה אַ טאָג איבער אַ טאָג, ווייל פּרל' פישער און איך האָבן אויך געמוזט לערנען אין דייטשישע און טשעכישע קינדערהיימען. מיר האָבן געקראָגן צוגעשיקט, ווי אַ מתנה פון הימל, אַ מיטלשול־געזאַנגבוך און מיר האָבן אפילו נישט געוווּסט פון וועמען, און דעריבער האָט דער אייגנטימער פון בוך צו מאָל נישט געקראָגן קיין דאַנק. עס איז נישט צו פיל געזאָגט, אַז דאָס בוך איז געוואָרן דער אויסגאַנגפּונקט און דער פעסטער יסוד פאַר אַלע אונדזערע לעקציעס און דאָס לידערבוך איז געוואָרן אונדזער באַליבטער פריינד.

נאָך די אָקטאָבער־טראַנספּאָרטן האָבן אויך אויפגעהערט די דאַזיקע לעקציעס. די אַרבעט־צייט איז געוואָרן פאַרלענגערט (אָפט פון זעקס אין דער פרי ביז שפּעט אין אָוונט), ווייל די קריגס־פּראָדוקציע פון שפּאַלטן גלימער, דאָס מאַכן אוניפאָרמען, קאַרטאָנאַזש, פּונקט ווי די אַנדערע אַרבעט אין שטאָט, האָט מען געמוזט אַרויסגעבן אין דער אייגענער מאָס, ווי ביז אַהער, מיט די איבערגעבליבענע צען טויזנט יידן. אויך די 9־10־יאָריקע קינדער האָבן געמוזט אַרבעטן; זיי זענען בדרך כלל געווען שיק־יינגלעך, איבער־ברענגערס פון די געשריבענע באַפעלן פון קאַנטאָר צו קאַנטאָר.

די קינדער, וואָס זענען געווען נאָך יינגער, האָבן געמוזט זאַמלען אין משך פון וואָכן קערנדלעך פון ווילדע רויזן, יאַגדעס און קאַשטאַנעס אויף איינגעמאַכץ און זייף פאַר די דייטשן. די מוראדיקסטע עקספּלואַטאַציע איז אָבער געווען, ווען די דייטשן האָבן אין דער נאָוועמבער־קעלט געצוווּנגען יונגע קינדער אויסצורייניקן, אין משך פון עטלעכע טעג, די אימהדיקע קרעמאַטאָריע פון זעכציק טויזנט אש־קברים. מיט די קליינטשינקע ציטער־דיקע פינגער, אַרום די שוואַכע אורנעס, האָבן די קינדער געוואַנדערט אין די רייען, וואָס האָבן זיך געצויגן אָן אַ סוף, און אַריינגעוואָרפן די אורנעס אין וועגענער און נאָך דעם אַוועקגעפירט די אַש אין טייך עלבע.

ווידער איז געווען ניטל, אָבער אין געטאָ האָט מען געוווּסט נאָר פון אַרבעטן. די דייטשן זענען געוואָרן אין גאַנצן ווילד מיט זייער גלימער־

שפּאַלטעניש און אַרויפגעלייגט די אַרבעט אויף אונדז אין אַזאַ שווידערלעכער און פאַנטאַסטישער מאָס, ווי דאָס גאַנצע זיין פון דער געטאָ וואָלט בלויז געווען אָפּהענגיק אין דער גלימער־פּראָדוקציע. אין אַ שרעקלעכן אופן איז דאָס אויסגעגאַנגען צו די קינדער, ווייל כמעט אַלע פרויען פון דער געטאָ האָבן געאַרבעט אין טאָג־און נאַכט־שיכטן אין די גלימער־באַראַקן.

דער דאָזיקער ווילדער צושטאַנד איז נישט געוואָרן בעסער אַפילו נאָך דעם, ווי עס איז אָנהייב 1945 אָנגעקומען אין געטאָ אַ נייער טראַנספּאָרט פון צען טויזנט יידן פון סלאָוואַקיי און אונגאַרן.

מיר, דענישע יידן, האָבן געהאַט דעם מזל, אַ דאַנק די טייערע פּעקלעך, צו זיין די פאַרפּיצעשטשעטע קינדער פון געטאָ (אוודאי פלעגן מיר אָפּגעבן אַ טייל פון אונדזערע געטאָ־זאַכן פאַר אַנדערע יידן, דער הויפּט קראַנקע און קינדער). אונדזער פּאַטערלאַנד איז באַטראַכט געוואָרן ווי דער ערד־ישער גן־עדן, נאָך דעם ווי ס׳איז אָנגעקומען די ווונדערלעך שיינע ביבליאָטעק פון אַכט הונדערט ביכער, און אָנגעקומען איז זי קיין באָוושאָוויץ נאָך אין נאָוועמבער, אָבער ערשט אין חודש מערץ 1945, האָבן די דייטשן זי אונדז איבערגעגעבן. זיי האָבן געהאַט אַ באַזונדער דרך־ארץ פאַר די דענישע שטעמפּלען און דעם פיינעם פּאַפּיר. מיר האָבן אויך געקראָגן צוגעטיילט ביכערשענק מיט גלעזערנע שויבן אין דעם בעסטן צימער אינעם הויז, וואָס איז נאָך דעם באַזוך פון דער דענישער קאָמיסיע, אויסשליסלעך באַוווינט געוואָרן פון אַ טייל דעניש־יידישע משפחות.

אין דער ביבליאָטעק האָט זיך געפונען עפּעס פאַר יעדן אייגנציקן געשמאַק; און מיר אַלע פלעגן טאַקע לייענען יעדער פרייע רגע. אַזוי גרויס איז געווען דער דרך־ארץ און די באַוווּנדערונג פאַר דענעמאַרק, אַז מען האָט דערלויבט אונדזערע קינדער זיך צו לערנען צוויי שעה אַ טאָג אין דעם גרויסן באַקוועמע ביבליאָטעק־צימער.

נאָך דער הפסקה פון אַ האַלב יאָר, זענען אונדזערע קינדער געווען געוואַלדיק פאַראינטערעסירט אין לערנען, אָבער אויך אומרואיק און נערוועז. זיי האָבן געאַרבעט מיט גרויס חשק און געווען זיכער, אַז עס וועט זיך זיי איינגעבן צו דעריאָגן די שול־חברים אין דער היים.

דעם 13טן אַפּריל, פונקט צום סוף פון דער לעקציע, זענען מיר באַפּאַלן געוואָרן פון די דענישע יידן מיט יובל־און פרייד־געשרייען — מיר פאָרן אַהיים, אַהיים...

אין דער צייט וואָס מיר זענען געווען אין טערעזיענשטאַט האָט דער מזל אונדז צוגעשפּילט מער ווי איין מאָל, אָבער איינצייטיק האָט דאָס גאַנצע געטאָ אויף דעם אָדער יענעם אופן, גענאָסן גוטס פון דעם. דער גאַנצער לעבנס־ניווֹאָ איז געהויבן געוואָרן מיט די פּעקלעך פון רויטן קרייץ, וואָרעם אַ סך פּעקלעך זענען אויך געשיקט געוואָרן צו טשעכישע און דייטשישע יידן. דאָס אָנקומען פון דער דענישער קאָמיסיע האָט געהאָלפן פאַרבעסערן דאָס טאָגטעגלעכע לעבן פון די איינוווינער פון גאַנצן געטאָ. מיר האָבן געקראָגן בעסערע אויפהאַלט־פּלעצער, שויבן זענען אריינגעשטעלט געוואָרן אין די פענצטער אָנשטאָט שמאַטעס, דאָס באָדצימער איז פאַרגרעסערט געוואָרן, אַזוי, אַז עס זענען געווען פּופּציק שפּריצן. די אַלגעמיינע מיינונג איז געווען, אַז די דענישע יידן האָבן באַשיצט דאָס געטאָ, און מען פלעגט נישט זעלטן הערן, מיט אַ לייכטן שמייכל, אַזאַ באַמערקונג:

„מיר דאַנקען דעם פּירער, וואָס ער האָט אונדז אויך אַהערגעשיקט די דענישע יידן”.

ווען עס האָט זיך, ווי אַ פייער, פאַרשפּרייט די נייעס, אַז די דענישע יידן וועלן באַפרייט ווערן, האָט די גאַנצע געטאָ געיובלט מיט פרייד; די מלחמה איז פאַרביי, פאַרביי אויף תמיד. אָבער באַלד איז די פרייד מיט אונדזער גליק פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ביטערן זאָרג: עס איז נאָך אַלץ נישט געקומען קיין סוף צו דער מלחמה. איר פאָרט טאַקע אַוועק פון דאַנען, איר פאָרט אין אייערע היימען, אָבער וואָס וועט זיין מיט אונדז? ווער וועט זיך פאַר אונדז אָננעמען און זיך איינשטעלן? קיינער האָט נישט ארויסגעזאָגט די דאָזיקע ווערטער, אָבער זיי האָבן גוט געוווּסט, אַז אונדזערע הערצער זענען אָנגעפילט מיט ווייטאָג פּונקט ווי זייערע.

באַלד זענען אָנגעקומען די מאַיעסטעטישע ווייסע אָמניבוסן מיט די שאָפערן פון שוועדישן רויטן קרייץ און דורכגעפאָרן די גאַסן. דאָס גאַנצע געטאָ האָט זיך מיט פאַרטרערטע אויגן געזעגנט מיט אונדז.

גערדוקט אין XXX באַנד פון ייוואָ־בלעטער

פּ. ס. די דאָזיקע זכרונות האָט שולמית פאַרעפנטלעכט אין דער דענישער אויסגאַבע: Skolen i de onde aar „די שולע אין די ביטערע יאָרן”. שולמית איז געבוירן געוואָרן אין קאָפּענהאַגן. איר פאָטער, הערש פישל כאַלעוואַ (מיין ברודער), איז געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַק אין טערעזיענשטאַט, דעם 16טן אָקטאָבער 1944.

שולמית מיט איר מוטער, יהודית, און מיין צווייטער ברודער, ישכר, מיט זיין פרוי ברכה און פיר קינדער, בנימין, מאַרקוס, גיטל און דינה, האָבן זיך אַלע אומגעקערט אַהיים, און געפונען זייערע וווינונגען אין אָרדענונג. זייערע דענישע פריינד האָבן זיי אָפּגעהיט און געצאָלט דירה־געלט.

אַ טייל פון דער געמיינזאַמער מצבה אויפ׳ן קאָפּנהאַגענער בית עולם, וואָס די דענישע געמיינדע האָט אויפגעשטעלט נאָך די אומגעקומענע דענישע יידן אין טערעזיענשטאַטער קאָנצענטראַציע־לאַגער. אויף דער מצבה זעט זיך אויך דער נאָמען פון שרייבערס ברודער, הערשל פישל כּאַלעוואַ.

אַגע בערטעלסען

מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָט מיר דער דעקאַן פון דעם גלחים־סעמינאַר אין דענעמאַרק, אַגע בערטעלסען, צוגעשיקט זיין בוך פּערזענלעכע איבערלעבונגען אין דער צייט פון די פאַרפאָלגונגען אויף די יידן אין דענעמאַרק. ער רופט דאָס בוך „אָקטאָבער 43", וואָרעם דאָס איז אַ טרויעריקע דאַטע אין דער דענישער געשיכטע: אין דער נאַכט פון 1טן אויפן 2טן אָקטאָבער פון יאָר 1943 זענען די דייטשן באַפאַלן די דענישע יידן, ווי „וואָלדרויבער", ווי „פּיראַטן".

אויפן שערבלאַט געפינט זיך אַן אייגנאַרטיקע צייכענונג — די רויט־ווייסע פאָן פון דענעמאַרק און דער מגן־דוד אויף דער בלוי־ווייסער פאָן פון ישראל.ביידע פאָנען זענען איינגעפלאָכטן איינע אין דער אַנדערע — אַן אידעלע אָנצוהערעניש, וואָס דענעמאַרק האָט געטאָן פאַר די יידן. דער מחבר האָט אַרויסגעגעבן דאָס בוך צום צענטן יאָר, ווען היטלער האָט געוואָלט אומברענגען די דענישע יידן.

אין דעם בוך געפינט זיך אַ שלל מיט דאָקומענטן, וואָס האָבן פאַר אונדז יידן אַ גרויסן היסטאָרישן ווערט.

לאָמיר קודם־כל איבערגעבן אַן אינטערעסאַנטן יידישן דאָקומענט פון דעם דענישן שטאַטס־מיניסטער האַנס העדטאָפט, אין דער הקדמה צו אַגע בערטעלסמענס בוך.

ער שרייבט: „...אין סוף סעפּטעמבער, 1943, האָט די דענישע רעגירונג אָנגעהויבן זיך שטאַרק שרעקן פאַר דעם גורל פון די דענישע יידן. מיט ג. פ. דוקאָוויץ, וואָס האָט געאַרבעט פאַר די דייטשן אין קאָפּענהאַגען ווי דער אָנפירער פון שיפן־טראַנספּאָרטאַציע, האָבן מיר אָנגעהאַלטן קאָנטאַקט דורך דער גאַנצער צייט וואָס דענעמאַרק איז געווען אָקופּירט פון די נאַציס. דעם 28טן סעפּטעמבער, 1943, בעת איך בין געווען פאַרנומען אויף אַ וויכטיקער אַרבעטער־באַראַטונג, האָט מען מיר געלאָזט וויסן, אַז אימעצער מוז מיך תיכף זען. ג. פ. דוקאָוויץ איז געשטאַנען פאַר מיר אַ בלאַסער און מיט אַ צעווייטיקט געמיט מיר געזאָגט: „איצט האָט אויך אונדז געטראָפן דאָס אומגליק. אלצדינג איז פּלאַנירט מיט אַלע איינצלהייטן. שיפן שטייען שוין פאַראַנקערט ביים קאָפּענהאַגענער האַפן. די געסטאַפּאָ וועט באַפאַלן

די דענישע יידן אין זייערע היימען, ארויפזעצן זיי אויף די שיפן און זיי דעפּאָרטירן צו אַן אומבאַקאַנטן גורל...״

„...איך און מיינע פריינד־מיניסטאָרן האָבן איינגעטיילט צווישן זיך די אויפגאַבן. דורך אומלעגאַלע פּאָליציי־פאַרבינדונגען האָבן מיר געקראָגן אויטאָמאָבילן און מיר האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין אַלע ווינקעלעך פון לאַנד. איך בין קודם־כל געפאָרן צו דער ווילא אין שאַרלאָטענלונד (אַ פאָרשטאָט פון קאָפּענהאַגען), ווו עס האָט געוווינט דער פאָרזיצער פון דער דעניש־יידישער געמיינדע, צ. ב. הענריקוס, אדוואָקאַט פון העכסטן געריכט. קיין מאָל אין מיין לעבן וועל איך נישט פאַרגעסן יענע באַגעגעניש מיט דעם הויפּט פון די דענישע יידן.

„מיר האָבן זיך פריער וויניק־וואָס געקענט. בלויז געציילטע מאָל האָבן מיר זיך געהאַט באַגעגנט. איך, ווי דער פאָרשטייער פון די אַרבעטער־יוניאָנס, הענריקוס — ווי דער יורידישער בעל־יועץ פון די אַרבעטס־געבער.

„איך האָב געזאָגט, אַז איך וויל ריידן מיט הענריקוס אונטער פיר אויגן. ווען מיר זענען פאַרבליבן אַליין, האָב איך נערוועז און דורכגענומען מיט חרפּה ווי איך בין געווען, געזאָגט: „הענריקוס, אַ גרויס אומגליק גייט אויף דענעמאַרק. אין דער נאַכט פון 1טן אָקטאָבער וועט די געסטאַפּאָ באַפאַלן די דענישע יידן אין זייערע היימען און זיי אַוועקפירן אויף שיפן, וואָס וואַרטן שוין אין קאָפּענהאַגענער האַפן. איר מוזט אויגנבליקלעך וואָרענען יעדן יידן אין גאַנץ דענעמאַרק. עס איז קלאָר, אַז מיר וועלן טאָן אַלצדינג, וואָס עס איז נאָר מענטשלעך מעגלעך, כדי אייך צו העלפן...״

דער דענישער שטאַטס־מיניסטער דערציילט ווייטער, וואָס דער פאָר־זיצער פון דער יידישער געמיינדע צ. ב. הענריקוס האָט אים אויף דעם געענטפערט. יענער ענטפער האָט דעם מיניסטער דערשטוינט און געפלעפט. דער שטאַט־מיניסטער שרייבט:

„איך קען היינט דערציילן, אַז הענריקוסעס רעאַקציע איז געווען גאַנץ אַנדערש, ווי איך האָב דערוואַרט. ער האָט געענטפערט:

„איר זאָגט ליגן״.

עס האָט לאַנג געדויערט ביז וואַנען דער דענישער שטאַטס־מיניסטער האָט איבערצייגט דעם פאָרזיצער פון דער יידישער געמיינדע, אַז עס איז אמת, וואָס די דייטשן האָבן בדעה צו טאָן מיט די דענישע יידן.

צו מאָרגנס, דעם 29סטן סעפּטעמבער, האָבן זיך די דענישע יידן פאַר־

זאַמלט אין דער קאָפּענהאַגענער שול. עס איז געווען ראש־השנה. די גרויסע קאָפּענהאַגענער שול איז געווען איבערגעפּאַקט. אַלע זענען געווען טיף ערנסט און פאַרשטאַנען, אַז אַ סכנה לויערט אויף זיי. דאָרט האָט מען מודיע געווען וואָס די נאַציס האָבן באַשלאָסן צו טאָן.

פון יענעם טאָג אָן האָבן די דענער אָנגעהויבן אַ נאַציאָנאַלע אונטער־ערדישע אַרבעט פון ראַטעווען די העכער זעקס טויזנט דענישע יידן (אָן ערך דריי טויזנט דענישע תושבים און העכער דריי טויזנט רוסיש־פּוילישע יידן און זייערע קינדער).

אָגע בערטעלסען באַשרייבט דאָקומענטאַריש, וואָס ער, זיין ווייב, אַ גרופּע לערער, דאָקטוירים, טעכניקער און סתם בירגער אין דעם קליינעם שטעטל לינגבי (וואָס ליגט 5 מייל אין צפון פון קאָפּענהאַגען) האָבן געטאָן, כדי צו ראַטעווען אַ סך הונדערטער יידן, וואָס זענען אַנטלאָפן אין דעם דאָזיקן האָפן־שטעטל לינגבי. צווישן די דאָזיקע הונדערטער יידן זענען געווען אַ סך פּליטים־יידן, און זיי זענען געווען אין דער גרעסטער סכנה.

דער מחבר דערציילט מיט אַ סך פּרטים, ווי אַזוי די איינוווינער פון שטעטל לינגבי און פון די דערבייאיקע שטעטלעך און דערפער האָבן זיך באַטייליקט אין דער דאָזיקער רעטונגס־אַרבעט. ווער עס האָט אויסבאַהאַלטן די יידן (און ער רופט אָן די יידן ביי די נעמען און פון וואַנען זיי שטאַמען) אין זייערע היימען, געזאָרגט, אַז אַפילו די פרומע יידן זאָלן האָבן כשר עסן, געניצט אַפילו דעם אויסדרוק „פּיקוח נפש דוחה שבת” צו אַ פאַרעקשנטן בחור, וואָס האָט באין אופן נישט געוואָלט זיך אָפּשערן זיין בערדל, הגם עס איז געווען אַ גרויסע סכנה, אַז די דייטשן זאָלן אים אַרעסטירן, „ביז וואַנען ער האָט געקראָגן זיינע כשרע מכשירים, מיט וועלכע מען מעג על פּי דעם יידישן דין זיך ראַזירן”.

די פּליטים זענען געווען ס׳רוב פרומע יידן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שום פאַרבינדונג און קיין שום אַנונג, ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען פון פּינצטערן שונא, וואָס האָט אויף זיי געלויערט און געהאַלטן זיי אין איין נאָכיאָגן און פאַרפאָלגן. די דאָזיקע פּליטים זענען געווען צווישן די סאַמע ערשטע, וואָס אָגע בערטעלסען האָט איינגעלייגט וועלטן זיי אַרויסצוראַטעווען אין דעם נייטראַלן שוועדן. און מיט פרייד, פון וועלכער דער לייענער ווערט טיף גערירט, גיט דער דענישער שרייבער איבער ווי אַזוי ער און זיינע פריינד

האָבן אַלעמען אַרויסגעראַטעוועט. „און קיין איינער פון די פּליטים־יידן איז נישט אַריינגעפאַלן אין די נעגל פון די נאַציס״.

די בערטעלסען־גרופּע האָט שוין דעמאָלט געוווּסט דעם גורל פון די יידן אין דייטשלאַנד, עסטרייך, פּוילן, טשעכאָסלאָוואַקיע, פראַנקרייך, האָלאַנד, בעלגיע און די באַלקאַן־לענדער. אויך אין דעם שכנותדיקן נאָרוועגיע זענען די דייטשן אין נאָוועמבער 1942 באַפאַלן די יידן. זיבן הונדערט נאָרוועגישע יידן זענען אַרויסגעשלעפּט געוואָרן אויף דייטשע פראַכטשיפן און דעפּאָרטירט געוואָרן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן, ווו מען האָט זיי פאַרגאַזט. און בלויז אַ העלפט פון די נאָרוועגישע יידן האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן קיין שוועדן.

אָגע בערטעלסען דערציילט, ווי אַזוי אין דער גורלדיקער נאַכט צווישן דעם 1טן און 2טן אָקטאָבער, ווען דער גרעסטער טייל פון די יידן אין קאָפּענהאַגען האָבן זיך געפונען אויף דענישע שיפלעך, וואָס האָבן זיי געפירט קיין שוועדן, האָבן זיך אין שטעטל לינגבי פאַרזאַמלט אַ גרופּע דענישע אינטעלעקטואַלן און אויסגעאַרבעט פּלענער, ווי אַזוי צו העלפן די הונדערטער יידן וואָס זענען געווען איינגעקוואַרטירט אין דענישע היימען:

„די גרופּע האָט זיך פאַרזאַמלט אין דער רעספּעקטאַבלער היים פון פּראָפעסאָר פּ. בויג, וועמען די דייטשן האָבן נישט געקענט חושד זיין אין „קאָנספּיראַציע״. אין דער גרופּע האָבן זיך געפונען אַ חוץ פּראָפעסאָר בויג, אויך זיין פרוי און זייער זון דער קאַנדידאַט־טעאָלאָג יאָרגען בויג, וואָס האָט דעמאָלט מיטגעאַרבעט אין אַ קריסטלעכער צייטונג און איז דעריבער געווען אינפאָרמירט וועגן די דייטשע פּלענער. אין מיטן פון דער נאַכט איז אויך געקומען צו דער דאָזיקער געהיימער מסיבה דער פּאָליציי־קאָמיסאַר פון לינגבי, ה. מורידסען, און געלאָזט וויסן ווו די געסטאַפּאָ־טרופּן זענען קאָנצענטרירט. יענע פאַרזאַמלונג האָט עס אויסגעאַרבעט די פּלענער ווי אַזוי צו העלפן די יידן.״

אָגע בערטעלסען שרייבט: „דער אַנטשיידענער ווענדפּונקט, וואָס האָט גורם געווען אַז דאָס דענישע פאָלק, מיט דעם אויסנאָם פון אַ נישטיקער צאָל פאַררעטער, זאָל זיך באַטייליקן אין דער אונטערערדישער אַרבעט, איז נישט געווען די געשעעניש פון דעם 29סטן אויגוסט 1943, בעת די דייטשן האָבן פאַרכאַפּט די פּאָליטישע מאַכט פון דענעמאַרק, נאָר אין

אָקטאָבער 1943, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין אַרויסראַטעווען די דענישע ייִדן..."

אָגע בערטעלסען האָט רעזיגנירט פון זיין אַרבעט אַלס רעליגיע־לערער צוליב "קראַנקייט", כדי צו קענען פריי אָנפירן מיט ראַטעווען ייִדן.

די דייטשן האָבן גענוי געוווסט וואָס ער טוט, און געזוכט אַ פּאַסיקע געלעגנהייט אים צו אַרעסטירן.

ווען עס האָט זיך די נאַציס באַין אופן נישט איינגעגעבן אים צו אַרעסטירן, האָבן זיי אַרעסטירט זיין פרוי, ווי אַ משכן, און געדראָט אויך צו אַרעסטירן זייער 10־יאָריקע טאָכטער, סיידן זי וועט אויסזאָגן ווו איר מאַן באַהאַלט זיך.

די דייטשע אויספאָרשונג־ריכטער האָבן געזאָגט צו פרוי בערטעלסען: "מיר האָבן באַוויזן אַז איר העלפט ייִדן אַנטלויפן קיין שוועדן. וואָס האָט איר וועגן דעם צו זאָגן?" און פרוי בערטעלסען האָט רואיק געענטפערט: "יאָ, עס איז אמת, וואָס איר זאָגט, אָבער אין דער אַרבעט אַרויסצוראַטעווען די ייִדן באַטייליקן זיך אַלע אָנשטענדיקע מענטשן".

און באַלד איז געקומען אַ צווייטע פראַגע: "וואָס אייגנטלעך טרייבט אייך צו העלפן די ייִדן?" אויף דעם האָט די פרוי בערטעלסען געענטפערט: "רחמנות און מיטגעפיל צו אָרעמע, געיאָגטע און געפּלאָגטע מענטשן, וואָס זענען צו אונדז געקומען און פאַרטרויט זייער לעבן און שיקזאַל אין אונדזערע הענט".

די געסטאַפּאָ האָט געוווסט וואָס פאַראַ חשוב אָרט גערדאַ בערטעלסען פאַרנעמט, האָבן זיי דעריבער געוואָלט זיך אויספיינען פאַר איר און פאַרטרויליך איר אינפאָרמירט: "דייטשלאַנד איז דאָס איינציקע לאַנד אין דער וועלט, וואָס האָט געלייזט די ראַסן־פראַגע אויף אַ הומאַנעם אופן. וואָס, למשל, האָט אַמעריקע געטאָן פאַר די ייִדן אָדער פאַר די נעגערס — און אַמעריקע האָט דאָך אַזוי פיל לאַנד — האָט זי עפּעס אָפּגעגעבן פון איר לאַנד פאַר זיי? ניין. אָבער דייטשלאַנד האָט געגעבן ייִדן טערעזיענשטאָט, דערצו נאָך מיט זעלבסטבאַשטימונג־רעכט".

און פרוי בערטעלסען דערציילט אין דעם קאַפּיטל "אין תפיסה ביי די נאַציס", אַז זי האָט געענטפערט די אויספאָרשערס: "עס איז גאָר נישט אַזוי "הומאַן" אַרויסצושלעפּן אין מיטן נאַכט מענטשן בלויז פאַר דעם

איינעם חטא, וואָס זיי זענען יידן, און פאַרשיקן זיי אפילו אין אַ שטאָט, ווו זיי אַליין רעגירן כלומרשט".

ווי עס איז שוין גוט באַקאַנט, האָבן די דייטשן באוויזן אין „יענער היסטאָרישער נאַכט" בלויז צו אַרעסטירן פינף הונדערט יידן און זיי אַוועקשיקן קיין טערעזיענשטאָט, און צווישן זיי אויך צוויי ברידער און זייערע משפּחות פון דעם שרייבער פון די דאָזיקע שורות. אַלע איבעריקע האָבן זיך אָדער אַרויסגעראַטעוועט קיין שוועדן, אָדער זיך אויסבאַהאַלטן, באַזונדערס אין די קליינע שטעטלעך אַרום קאָפּענהאַגען.

דאָס אַרויסראַטעווען יידן האָט געדויערט חדשים־לאַנג, און אָגע בערטעלסען, צוזאַמען מיט זיינע מיטאַרבעטער, האָבן נישט גערוט ביז וואַנען אַלע יידן זענען אַריבערגעשיקט געוואָרן קיין שוועדן, וואָס האָט זיי אויפגענומען מיט אויסגעשטרעקטע הענט, נישט געקוקט אויף די דייטשע פּראָטעסטן.

ערשט דעמאָלט, ווען אַלע דענישע יידן זענען געווען אויסער יעדער געפאַר, האָט דער מחבר רואיק געקענט וואַרטן צוזאַמען מיט די אַנטלאָפענע יידן און נישט געדאַרפט מער איינשטעלן זיין לעבן. אנדערהאַלבן יאָר האָט אָגע בערטעלסען פאַרבראַכט מיט די פּליטים יידן, געקומען אויף זייערע שמחות און געטיילט זייערע זאָרגן. ער האָט געזוכט זיך צו באַקענען מיט יידישן מנהגים און שטייגער־לעבן. ער פאַרצייכנט דאָס אַלץ מיט פאַרשטענדעניש און אַ סך ליבשאַפט.

אין דעם לעצטן קאַפּיטל, דעם עפּילאָג פון בוך, רעדט דער מחבר אַרום די פראַגע פון אַנטיסעמיטיזם. ער ווייזט דאָרטן אַרויס אַ סך ערודיציע און ידיעות נישט בלויז אין יידישער געשיכטע, נאָר בכלל אין יידישע ווערק און ווערטן.

ער איז דורכויס נישט מסכים מיט אַרטור קעסטלערס שטאַנדפּונקט פון „אָדער — אָדער", וואָס דאַרף לייזן דעם פּראָבלעם פון אַנטיסעמיטיזם. דער מחבר ציטירט לגנאי אַרטור קעסטלערן, וואָס שרייבט: „אַ ייד האָט איצטער די ברירה אָדער צו זיי אַ ייד צווישן יידן אין ישראל, אָדער זיך אַסימילירן מיט דעם פאָלק, ווו ער לעבט". אָגע בערטעלסען מיינט, אַז אין לעצטן סך־הכל הייסט דאָס פּטור צו ווערן פון די יידן. דער דענישער מחבר שרייבט: „די נאַציס האָבן דאָך געזען אין קאַמף פּטור צו ווערן פון די יידן אַן אַנטשיידן מיטל צו פאַרניכטן בכלל די מערב־קולטור און אירע

דעמאָקראַטישע פרייהייט־אידעאַלן. נישט בלויז איז געווען אַ סכנה, אַז די יידן זאָלן דורך דעם נאַציזם פאַרשווינדן, נאָר עס זאָל אויך אונטערגיין אונדזער גאַנצע קולטור. וואָס האָט היטלער געוואָלט? בלויז די הסכמה אומצובריינגען די יידן". ער באַדויערט שטאַרק, וואָס אַרטור קעסטלערס שטאַנדפּונקט, הגם ער האָט אַזעלכע גוטע כוונות, פירט דערצו, אַז די וועלט זאָל באַפרייט ווערן פון יידן.

דער מחבר האַלט, אַז יידן און קריסטן קענען לעבן פריי אָן פאַראורטיילן, ווען קריסטנטום וועט זיך באַפרייען פון אַ סך אירע דאָגמעס. די קריסטלעכע וועלט דאַרף וויסן, אַז ישו האָט געלעבט ווי אַ ייד און איז געשטאָרבן ווי אַ ייד.

אָגע בערטעלסען רעדט אויך וועגן אַ יידיש־קריסטלעכער ציוויליזאַציע. ער ציטירט פון יוסף קלויזנערס „ישו און נוצרות", ווו קלויזנער שרייבט: „עס געפינט זיך נישט אין שטריך אין ישוס לעבנס־געשיכטע און נישט איין שורה פון זיין לערע, וואָס זאָל נישט האָבן סימנים פון נביאות און פרושימשע יידישקייט". דער מחבר שרייבט אויך וועגן שלום אַשס „איין גורל". אָגע בערטעלסען רעדט מיט באַגייסטערונג וועגן דעם ענגלענדער בראָווער הערפאָרדס פאַרשונגען וועגן די פרושים, וואָס דאָס קריסטנטום האָט אַזוי פאַלש אויסגעטייטשט. דאָס אַלץ שרייבט דער קריסטלעכער שריפטשטעלער אין שייכות מיט דעם ווי אַזוי די וועלט דאַרף באַקעמפן אַנטיסעמיטיזם.

אָגע בערטעלסען פאַרענדיקט זיין מענטשלעך בוך מיט די ווערטער:

„די מענטשן־קינדער קענען נאָך אַ סך לערנען פון דעם תלמוד. טראַקט נאָר וועגן דעם איינעם זאַג: „אויף דריי זאַכן שטייט די וועלט: אויף גערעכטיקייט, אויף אמת און אויף שלום".

„טאָג מאָרגן־זשורנאַל", 1953

פאול באַרכסעניוס

פאול באַרכסעניוס, דער מחבר פון דעם בוך וועגן מדינת ישראל, וואָס איז מיט אַ צייט צוריק דערשינען אין דענעמאַרק, איז אַ גלח פון אַ דענישער פּראָווינץ־שטאָט. ער איז אָבער דער עיקר באַקאַנט ווי אַ לעקטאָר איבער

דעם ביבלישן פאָלק, „וואָס האָט געגעבן דער וועלט דעם עטישן מאָנאָטעאיזם". „דאָס פאָלק, וואָס האָט נאָך אַ געטלעכע שליחות דורכצופירן, אויסצולייזן די וועלט פון איר תוהו־ובוהו".

„די זון איז געבליבן שטיין שטיל", אַזוי הייסט פאול באָרכסעניוס בוך וועגן מדינת ישראל. דאָס בוך איז אַן אַנצוהערעניש, אַז פונקט ווי אין די צייטן פון יהושע בן־נון, בעת די זון איז געבליבן שטיין איבער גבעון ביז מען האָט געשלאָגן דעם שונא, אַזוי אויך אין אַנדערע טעג, בעת די יידן אין ארץ־ישראל האָבן פאַרטריבן די אַראַבישע שונאים, וואָס זענען באַפאַלן דאָס יידישע לאַנד, ווי די הײשעריקן.

אין דער הקדמה צו זיין בוך שרייבט דער דענישער מחבר: „דאָס דאָזיקע בוך איז געשריבן געוואָרן פון אַ לעבנסלאַנגער ליבשאַפט צו דעם יידישן פאָלק און צו זיין לאַנד. מיר האָט צוגעשפּילט דער מזל צו גיין אין מיין ערשטער קינדהייט אין אַ שול, ווו דענעמאַרק און ישראל זענען געווען צוויי צענטערן, אַרום וועלכע אַלצדינג האָט זיך געדרייט. אין די ערשטע קלאַסן פון מיין שול זענען געהאָנגען אויף דער וואַנט די מאַפּעס פון דענעמאַרק און ארץ־ישראל. דאָס האָט אַרויפגעלייגט, ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט קלינגען, אַ חותם, וואָס האָט משפיע געווען אויף מיין גאַנץ לעבן. אין משך פון יאָרן זענען מיינע געדאַנקען געווען פאַרנומען טאָג־טעגלעך אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדער אופן מיט ארץ־ישראל. דערנאָך, אין די שפּעטערדיקע יאָרן, האָט דאָס כסדרדיקע לייענען דעם תנ"ך און די יידישע געשיכטע גורם געווען, אַז דאָס יידישע לאַנד זאָל מיר ווערן נאָענט און אייגן. און לעצטנס, בעת מיין לאַנגן אויפהאַלט אין יידישן לאַנד, ווו איך האָב פאַרבראַכט דאָרטן אַ גאַנץ יאָר, האָב איך געזען די ערטער, סיי אַלטע און סיי נייע, ווו איך האָב געלעבט אין מיינע מחשבות. איך האָב זיך אויך געטראָפן מיט פירנדיקע מענטשן און מיטן פשוטן פאָלק, וואָס האָבן מיר דערציילט און געוויזן ווי אַזוי זומפּן זענען אויסגעטריקנט געוואָרן און מדבריות זענען פרוכטבאַר געמאַכט געוואָרן און ווי בכלל די קיבוצים און מושבים זענען אויפגעקומען".

„איך בין זיך מודה, אַז מיין בוך איז נישט שטרענג אָביעקטיוו, אויך נישט אויסשעפּלעך. איך וויל בלויז מיינע לייענער באַקענען אַ ביסל מיט דעם יידישן לאַנד און זיי אָנשטעקן לפּחות מיט אַ קליינעם חלק פון דעם געפיל צו ישראל, צום אַמאָליקן און היינטיקן, וואָס באַהערשט מיין נשמה".

דאָס זענען אָפענע און ערלעכע רייד, און ביידע צילן, וואָס דער דענישער

שרייבער האָט זיך געשטעלט, דערגרייכט ער אויף אַן אויסגעצייכנטן אופן.

עס שטראָמט אַרויס פון בוך אַ וואַרעמע מענטשלעכע נשמה און אַ פאַרשטענדעניש פאַרן יידישן לאַנד.

דאָס בוך איז איינגעטיילט אין צען גרויסע קאַפּיטלעך. אין יעדן קאַפּיטל באַקענט ער אונדז מיט אַן אַנדער פּאַזע פון קאַמף, אויפקום און שטייגן פון יידישן ישוב. די קעפּלעך פון די קאַפּיטלעך טראָגן צום טייל היסטאָרישע אַסאָציאַציעס, דהיינו: „און דו וועסט אַרבן" (ירשנען) דאָס לאַנד", „זון שטיי שטיל", אַן אַנצוהערעניש אויף „שמש בגבעון דום וירח בעמק אילון", „קיבוץ גלויות", „אין שווייס פון דיין פּנים", וכדומה.

עס איז צו שטוינען מיט וויפל ליבע און היסטאָרישער פּינקטלעכקייט דער דענישער גייסטלעכער גייט איבער יעדן אַספּעקט פון מדינת ישראל. בלויז דזשיימס מעקדאָנאַלד, דער דאָזיקער גרויסער אַמעריקאַנער, מיט זיין פאַרשטענדעניש פאַר דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע, קאָן זיך פאַרגלייכן צו אים.

שמעון דובנאָוו האָט ערגעצוווּ געשריבן, אַז ווען די קריסטן וואָלטן געקענט די פיר־טויזנט־יאָריקע יידישע געשיכטע, וואָלט קיין אַנטיסע־מיטיזם נישט געווען אויף דער וועלט. מען מעג זיין שטאַרק אין ספק, צי דאָס איז חל אויף אַלע קריסטן. על כל פּנים איז אמת, אַז די חסידי אומות העולם האָבן געקענט די יידישע געשיכטע.

דער דענישער שרייבער, פּאול באָרכסעניוס, קען אויסגעצייכנט אפילו דאָס מאָדערנע קאַפּיטל פון אונדזער יידישער געשיכטע.

אין דעם קאַפּיטל „און דו וועסט ירשנען דאָס לאַנד", שרייבט ער: „און עס זענען געוואַקסן דריי אויסערגעווייינלעכע און הויכבאַגאַבטע בחורים אין אַ יידישער קולטור־היים אין ירושלים. דער פאָטער פון די דריי זין איז דער וועלטבאַרימטער אַרכעאָלאָג ע. ל. סוקעניק, פּראָפעסאָר פון העברעאישן אוניווערסיטעט; די מוטער האָט אין די יונגע יאָרן געלייגט דעם יסוד פאַר אַ קינדערגאָרטן־באַוועגונג צווישן די יידן אין ארץ־ישראל.

„זייערע זין זענען געווען מרגלים, און זיך לכתחילה באַקענט מיטן לאַנד דורך אויסקוקן עס אין דער לענג און אין דער ברייט. זייער פאָטער האָט זיי געוויזן און געלערנט ווי יעדעס אָרט, בערגל, שטעגל און וועגל זענען פאַרבונדן מיטן לאַנד און רופן אַרויס זכרונות דורך טויזנטיעריקער היסטאָריש יידיש לעבן. און ווען די בחורים זענען אויסגעוואַקסן, פלעגט

מען זאָגן וועגן זיי, אַז איינער אַרבעט אונטער דער ערד, דער צווייטער צווישן הימל און ערד, און דער דריטער אין הימל. דער לעצטער איז געווען אַ פליער און איז געפאַלן אין דער יידיש־אַראַבישער מלחמה אין 1948. דער צווייטער איז געוואָרן באַקאַנט ווי אַ שוישפּילער, און דער ערשטער — און טאַקע וועגן אים וועט דאָ באַריכות דערציילט ווערן — איז געוואָרן אַן אַרכעאָלאָג, ווי זיין פאָטער". און דער שרייבער זעצט פאָר:

„יגאל ידין (יאַדין) האָט, ווי אַ סך אַנדערע יידן, העבראַיזירט זיין נאָמען. איז געבוירן געוואָרן מיט פיר און פערציק יאָר צוריק. אָבער אין זיין יונג לעבן האָט ער שוין דערגרייכט און אויפגעטאָן מער ווי אַ סך הלומען אַ לעבן לאַנג. זיין פאַך האָט ער געלערנט מיט גרויס התמדה, מיט אומדערמידלעכן פלייס. זיין יוגנט איז דאָך אויסגעפאַלן אין די אומרואיקע יאָרן, ווו יעדער יונגער ייד האָט געדאַרפט אַוועקגעבן זיין גאַנצע פרייע צייט פאַר דער נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג פון ישוב. אין דער „הגנה" האָט ער אַרויסגעוויזן מיליטערישע גאונות, און ווען מדינת־ישראל איז פּראָקלאַמירט געוואָרן און גלייכצייטיק האָט זיך אָנגעהויבן די אַראַבישע אנגריף־מלחמה, איז יגאל ידין געוואָרן דער יידישער גענעראַלשטאַב־שעף. בסך־הכל איז ער דעמאָלט אַלט געווען 31 יאָר און איז באַטראַכט געוואָרן פאַר דעם יינגסטן גענעראַלשטאַב־הויפּט פון דער וועלט.

דער שרייבער באַמערקט, אַז בכלל זענען די יידישע אָפיצירן זייער יונג, מיט דעם דערקלערט זיך אין אַ גרויסער מאָס זייער קאַמפסגייסט.

פּאול באַרכסעניוס ווייזט אָן ווי אַזוי די אַרכעאָלאָגישע אויסבילדונג איז צוניץ געקומען יגאל ידינען. טאַקע אַ דאַנק זיינע אַרכעאָלאָגישע קענטעניש האָט ער אין יענע טראַגישע און אַנטשיידענע טעג געפונען אַן אַלטן רוימישן וועג, פון צוויי טויזנט יאָר צוריק, וואָס איז געווען באַגראָבן אין זאַמד פון מדבר. דער דענישער שרייבער האָט געזען דעם וועג, וואָס האָט געגומען די יידישע סאָלדאַטן פופצן שעה דורכצומאַכן די דרייסיק קילאָמעטער.

„מיר האָבן געגעסן פרישטיק, געטרונקען קאַווע", האָט דערציילט אַ געפאַנגענער עגיפּטישער אָפיציר, „פּלוצלונג זענען יידישע באַוואָפנטע סאָלדאַטן אַריינגעשפּרונגען דורך די פענצטער. די איבעררעשונג איז געווען גרויס און אומדערוואַרט. דער קאַמף איז געווען קורץ", די עגיפּטער זענען גענומען געוואָרן געפאַנגען; און אין עטלעכע טעג שפּעטער האָט זיך אויך

אונטערגעגעבן דער רעשט פון דער עגיפּטישער אָפּגעשניטענער אַרמיי. דער נגב איז באַפרייט געוואָרן און די מלחמה איז געווונען געוואָרן.

יעדעס קאַפּיטל לייענט זיך ווי אַן עפּאָס. דער דענישער מחבר דערציילט אונדז, אַז אין אַן אָונט, בשעת דער מלחמה, איז דער אמעריקאַנער קאָרעספּאָנדענט, באַרטלי קראָם, צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע שרייבער, געזעסן מיט יגאל ידין אין תל־אביב אין אַ האָטעל אויף אַ באַלקאָן לעבן ים. פּלוצלונג רופט זיך אָפּ באַרטלי קראָם צו יגאל ידין: „זאָגט מיר, איך בעט אײַך, ווען איז דאָס דאָזיקע לאַנד צום ערשטן מאָל באַפעלקערט געוואָרן?" — „מיט אַן ערך זעכציק טויזנט יאָר צוריק", האָט געענטפערט ידין, און דערקלערט, ווי אַזוי דאָס אָרט איז באַזעצט געוואָרן אין דער אוראַלטער צייט.

און פּאָול באַרכסעניוס באַמערקט, ווי שיין ווערט זיך דאָס לייענען אין דורות שפּעטער. ליבהאָבער פון ייִדישן לאַנד זענען פאַרזאַמלט אין אַ האָטעל אין הארץ פון תל־אביב און לעבן זיי זיצט אַ יונגערמאַן, וואָס איז על־פּי צופאַל, סיי גענעראַלשטאַב־שעף און סיי אַרכעאָלאָג, און דערציילט די געשיכטע פון דעם לאַנד, וואָס איז זעכציק טויזנט יאָר אַלט. און איינער פון די פאַרזאַמלטע באַמערקט: „אויב אַזוי, איז דאָך גאָר נישט לאַנג ווי יהושע בן־נון האָט איינגענומען דאָס לאַנד און אויסגעקעמפט די גרויסע שלאַכט צווישן ירושלים און יפו".

דער מחבר פירט אונדז אַריין אין דער באַשיידענער ווילע פון פּראָפעסאָר סוקעניק, וואָס געפינט זיך אויף אַ וועג אין ירושלים. און אין דעם חדר, וואָס איז פול מיט ספרים, באַקענט זיך דער דענישער שרייבער און גרויסער אוהב ישראל מיט דעם אומגעהויער גרויסן קולטור־היסטאָרישן אויפטו פון סוקעניק, דאָס געפינס פון די אוראַלטע העברעאישע כתב־ידן, די מגילות, וואָס מ'האָט געפונען אין פשחה וואָס אין יהודה, און וואָס שטאַמען נאָך פון די צייטן פון די נביאים.

אין אַ קאַפּיטל דערציילט דער שרייבער פאַר זיינע דענישע לייענער די געשיכטע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. אין הינטערגרונט פון דער שילדערונג שטייען די היסטאָרישע געשטאַלטן פון טעאָדאָר הערצל, מאַקס נאָרדאו, נחום סאָקאָלאָוו, וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי און חיים ווייצמאַן. אַ באַזונדער אָפּטייל אין בוך פאַרנעמט דער ערשטער ייִדישער פּרעמיער, דוד בן־גוריון. דער מחבר לאָזט נישט דורך קיין איין וויכטיקן אַספּעקט פון

מדינת־ישראל. אים זענען גוט באַקאַנט די שווערע פּראָבלעמען, וואָס שטייען אויפן סדר־היום פון דער יונגער יידישער מלוכה. ער האָט אָבער אמונה און בטחון און ביי אים איז קיין שום ספק נישט, אַז ישראל וועט נאָך שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע.

„דער צוקונפט־אידעאַל פון מדינת ישראל איז נישט צו פּראָדוצירן אויפרייסנדיקע וואפן, נאָר אויפבויען אַ מלוכה אויף די עטישע פּרינציפּן און ווערטן פון די נביאים".

„פאָלק און וועלט", פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, 1961

האַנס קריסטיאַן אַנדערסען

סעמועל גאָלדווינס מוזיקאַלישער פילם „האַנס קריסטיאַן אַנדערסען", ווערט איצט געוויזן נישט בלויז איבער גאַנץ אַמעריקע, נאָר אויך איבער דער גאַנצער וועלט.

דריי יאָר צייט האָט דענעמאַרק געקעמפט, אַז דער פילם וועגן זייער באַליבסטן שרייבער האַנס קריסטיאַן אַנדערסען זאָל נישט געוויזן ווערן. די דענער האָבן געטענהט, אַז דעני קעי איז גאָרנישט צוגעפּאַסט צו שפּילן די ראָלע פון האַנס קריסטיאַן אַנדערסען, און אַז דער פילם שטעלט אַוועק זייער געניאַלן שרייבער אין אַ קאָמיש ליכט, אַז דאָס איז אַ פאַרשוועכונג פון האַנס קריסטיאַן אַנדערסען.

די דענישע ליטעראַטור־קענער, און צווישן זיי אויך דער בילדונגס־מיניסטער, וואָס זענען ספּעציעל געקומען קיין האָליוווד, זענען געווען שטאַרק קעגן דעם, אַז מען זאָל ווייזן דאָס דאָזיקע בילד, וואָס שטעלט אַוועק זייער פאַרגעטערטן שרייבער ווי אַן אומבאַהאָלפן שוסטערל, אַ שלימזל. די דענישע פּרעסע האָט געשריבן, אַז זי וועט פּראָטעסטירן אויב מען וועט ווייזן דאָס בילד. דענישע שרייבער האָבן געפרעגט, וואָס וואָלט ענגלאַנד געטאָן ווען מען ווייזט, למשל, אַ פילם פון וויליאַם שעקספּירן און מען שטעלט אים פאָר ווי אַ קצב־יונג, אָדער וואָס וואָלט אַמעריקע געטענהט, ווען מען ווייזט אַ בילד פון מאַרק טווען, ווי למשל, אַ פיש־פאַרקויפער.

עס האָט אויך נישט געהאָלפן, וואָס דעני קעי און סעמועל גאָלדווין זענען אַוועק קיין דענעמאַרק און דערקלערט זייער פּיעטעט און אָפּשיי פאַר דעם גרויסן דענישן שרייבער.

ערשט ווען מען האָט אויסגעשניטן געוויסע שטיקער פונעם פילם, און נאָך אַ סך פאַרהאַנדלונגען און אונטער אַ געוויסן איינפלוס און דרוק, האָבן די דענער אויפגעגעבן זייער אָפענעם פּראָטעסט. סיי ווי האָבן זיי אויפגענומען דעם פילם „האַנס קריסטיאַן אַנדערסען" זייער קאַלט און געשריבן, אַז דאָס איז אַ קאַריקאַטור אויף זייער גרויסן שרייבער, הגם דעני קעי און דער פּראָדוצענט האָבן געהאַט די בעסטע כוונות; דער פילם גיט צו מאָל נישט קיין שוואַכן אָפּשיין פון האַנס קריסטיאַן אַנדערסען.

עס איז זייער כדאי זיך צו באַקענען מיט איינעם פון די סאַמע גרעסטע זין פון דענעמאַרק — מיט האַנס קריסטיאַן אַנדערסען, וועלכער איז דער באַרימטסטער און באַליבטסטער קינדער־שרייבער אין דער וועלט.

האַנס קריסטיאַן אַנדערסען איז אין זיינע קינדער־מעשהלעך ווייך און צאַרט, גוט און געפילפול, האַרציק און טיף. גרויזאַמקייט און רואיקייט איז אַזוי דערווידער זיין ריינער נשמה, אַז ער קאָן אפילו נישט שרייבן וועגן דעם. יעדעס מאָל, ווען עס קומט אים אויס צו שרייבן וועגן גוואַלטאַטן, רויקייט, נידעריקייט, פאַרפאַלגונגען, שרייבט ער: „מיר קענען נישט פאַרטראָגן צו טראַכטן וועגן דעם". כמעט אַלע קינדער, וואָס אַנדערסען האָט געשילדערט זענען צאַרטע און גוטע. די חיות, וואָס ער באַשרייבט, זענען געצוימטע און הויז־חיות. דאָ איז פאַראַן דאָס שטרעבן נאָך אידיליע. די פייגל, וואָס ער האָט צום ליבסטן זענען: דער נאַכטיגאַל — דעם פויגל וואָס ער באַוואונדערט, די שוואַן, וואָס איז ממש זיין אידעאַל, און דער שטאָרך, דער מערקווירדיקער פויגל, וואָס ברענגט קינדערלעך אין זיין שנאָבל, דער לאַנג־פיסיקער שטאָרך, וואָס פּלאַפּלט עגיפּטיש.

גאָר אַ שטאַרקע ליבע האָט האַנס קריסטיאַן אַנדערסען צו פלאַנצן, ווייל נאָר אין דער וועלט פון פלאַנצן הערשט פרייד און האַרמאָניע. אויך די פלאַנץ איז ווי אַ קינד, נאָר ווי אַ קינד, וואָס שלאָפט תמיד. דאָ איז קיין זאָרג נישטאָ, דער טויט איז נאָר אַ שמערצלאָזער וועלקן און דאָס לעבן אַ שטילער, רעגלמעסיקער וווקס. דאָ, אין דער פלאַנצן־וועלט, איז נישט פאַראַן עפּעס, וואָס זאָל אָנגרייפן זיין ראַפינירט געפיל.

פאַראַן מעשהלעך, וואָס האַנס קריסטיאַן אַנדערסען האָט געשריבן, וואָס



האַנס קריסטיאַן אַנדערסען

יעדער אינטעליגענטער מענטש פון דער גאַנצער וועלט קען זיי, למשל — די „מיאוסע קאַטשקע".

אויבנאויף איז „די מיאוסע קאַטשקע" אַ קינדער־מעשהלע, אָבער אין דער אמתן איז דאָס אַ סימבאָלישע מעשה, ווו דער גרויסער שרייבער האָט געשילדערט זיין אייגן לעבן.

אין דער דאָזיקער מעשה ווערן געשילדערט די פאַרפאָלגונגען וואָס די „מיאוסע קאַטשקע" איז אויסגעשטאַנען פון אירע חברים קאַטשקעס, גענדז, הינער, העגער און אַנדערע פייגל, ווייל זי איז געווען מיאוס און אומגעלומ־פערט, גאָרנישט אויסגעזען ווי די אַנדערע קאַטשקעס. ערשט אין אַ שיינעם פרילינג־טאָג באַמערקט די מיאוסע קאַטשקע, ווי אין טייך שווימען דריי שיינע שוואַנען. די מיאוסע קאַטשקע דערנענטערט זיך צו זיי, כאָטש זי איז זיכער, אַז די דאָזיקע קעניגלעכע חיות וועלן זי אומברענגען. אָבער בעת די מיאוסע קאַטשקע שטעקט אַריין דעם קאָפּ אין וואַסער, אַנטדעקט זי מיט אַ מאָל, אַז זי איז נישט מיאוס, נאָר איז גאָר אַליין אויך אַ שוואַן. און די דריי שוואַנען זענען אַרומגעשווומען אַרום איר און געגלעט זי מיטן שנאָבל. קינדערלעך זענען צוגעקומען מיט ברויט אין די הענט און געשריען: „אָט איז אַ נייער שוואַן, ער איז דאָך דער שענסטער!". און די קינדערלעך האָבן אָנגעהויבן צו טאַנצן פאַר פרייד: „דער נייער שוואַן איז דער שענס־טער, אַזוי יונג און פּרעכטיק!". די אַלטע שוואַנען האָבן זיך געבייגט פאַר איר. זי האָט זיך געפילט אַזוי מאָדנע גוט, אַז זי האָט אַריינגעשטעקט איר קאָפּ אונטער די פליגל, אַליין נישט ווויסנדיק וואָס דאָ איז פאָרגעקומען מיט איר, אַזוי גליקלעך איז זי געווען. אָבער זי איז גאָרנישט שטאָלץ געווען, ווייל אַ גוט האַרץ איז קיין מאָל נישט שטאָלץ. זי האָט נאָר נאָכגעטראַכט ווי פאַרפאָלגט און פאַרהאַסט זי איז געווען, און געהערט, ווי אַלע האָבן אַצינד אויף איר געזאָגט: — זי איז דאָך די שענסטע! און די זון האָט געשיקט אירע וואַרעמע שטראַלן און געוואַרעמט אַזוי גוט און אָנגענעם. זי האָט אויפגעהויבן איר שלאַנקן האַלדז און זיך געפרייט. וועגן אַזאַ גליק האָט זי קיין מאָל נישט געחלומט ווען זי איז געווען אַ מיאוסע קאַטשקע.

עס איז נישט שווער צו זען, אַז דאָ האָט אַנדערסען געשילדערט זיין אייגן לעבן. די מיאוסע קאַטשקע — דאָס איז ער אַליין. דיליידן און פּיין, וואָס די מיאוסע קאַטשקע איז אויסגעשטאַנען, האָט האַנס קריסטיאַן אַנדערסען איבערגעלעבט אין זיינע יונגע יאָרן, און אויך דער טריומף און

אַנערקענונג. וואָס די מיאוסע קאַטשקע האָט דערלעבט, ווען עס איז געוואָרן קלאָר, אַז זי איז די גאָר אַ שוואַן, דער שענסטער פויגל — האָט האַנס קריסטיאַן אַנדערסען אויך דערלעבט, ווען ער איז באַוווּנדערט געוואָרן פון דער גאַנצער וועלט ווי דער גרעסטער קינדער־דערציילער.

עס מאַכט נישט אויס, וואָס מען איז געבאָרן געוואָרן אין הויף פון קאַטשקעס, אויב נאָר מען איז געלעגן אין אַן איי פון אַ שוואַן.

*

האַנס קריסטיאַן אַנדערסען איז געבוירן געוואָרן מיט קנאַפּע 150 יאָר צוריק אין קליינעם שטעטל אָדענסע ביי זייער אָרעמע און פּשוטע עלטערן. ד'ער שרייבער פון די שורות האָט עטלעכע מאָל באַזוכט דאָס אָרעמע הייזקעלע אין אָדענסע, ווו דער געניאַלער קינדער־דערציילער איז געבאָרן געוואָרן. דאָס שטיבעלע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַנדערסען־מוזיי. דאָרט שטייט דאָס בענקל, אויף וועלכן אַנדערסען איז געזעסן, ווען ער איז געקומען באַזוכן זיינע אָרעמע עלטערן. דאָרט שטייט אויך דאָס טישל, אויף וועלכן ער פלעגט נאָך ווי אַלץ קינד שרייבן; דאָס צעבראָכענע בעטל, אויף וועלכן ער איז געשלאָפן; זיינע ליבלינג־זאַכן, מיט וועלכע ער האָט זיך געשפּילט. דאָס אַלץ ווערט אָפּגעהיט און פאַרהייליקט.

בכלל אָטעמט דאָס גאַנצע שטעטעלע אָדענסע מיט האַנס קריסטיאַן אַנדערסענס גייסט. אין דעם דאָזיקן שטעטל, האָט אויך דער אייגנאַרטיקער אַמעריקאַנער יידישער קינסטלער דעני קעי פאַרבראַכט אַ היפּשע צייט, איידער ער איז צוגעטראָטן צו זיין ראָלע. דאָרט שטייט אַ גרויסע האַנס קריסטיאַן אַנדערסען סטאַטוע; דער שיינער שטאָט־פּאַרק איז אויף זיין נאָמען. אין די שויפענצטער פון אַ סך געשעפטן שטייען אויסגעשטעלט בילדער פון האַנס קריסטיאַן אַנדערסען אין כלערליי פּאָזעס.

די דענער האַלטן, אַז גלייך נאָך דעם ווערק, וואָס דער יידישער געניוס האָט געשאַפן — דעם תנ"ך — און וואָס איז געוואָרן דער פונדאַמענט פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע, קומען האַנס קריסטיאַן אַנדערסענס מעשהלעך. אַנדערסענס מעשהלעך זענען געוואָרן אוניווערסאַל, דאָס אוני־ווערסאַלע קינדער־בוך פון דער וועלט, און זענען איבערגעזעצט געוואָרן אויף אַלע שפּראַכן פון דער וועלט. הגם קריסטיאַן אַנדערסען האָט זיי געשריבן אויף דעניש, אויף אַ שפּראַך, וואָס איז אין יענער צייט גערעדט

געוואָרן פון קנאַפּע צוויי מיליאָן מענטשן און ווערט היינט צו טאָג גערעדט פון אַרום פיר מיליאָן דענער.

ווען אַנדערסען איז אַלט געוואָרן דרייצן יאָר, האָט ער פאַרלאָזט דאָס קליינע שטעטל אָדענסע און געקומען אין דער הויפּטשטאָט פון לאַנד, אין קאָפּענהאַגען.

די איינוווינער פון דעם קליינעם שטעטל האָבן געחוזקט פון דעם יונגן אַנדערסענס פאַרטראַכטע און פאַנטאַסטישע רייד. אויך די עלטערן און זיין משפּחה האָבן נישט געהאַט פון אים קיין גרויס נחת. אַלע זיינע חברים זענען שוין פון לאַנג אַ „לייט": דער איז געוואָרן אַ פאַרקויפער אין אַ קראָם, יענער — אַ צוהעלפער ביי אַ קירך־אויפזעער; אַלע האָבן שוין פאַרדינט אויף חיונה און נאָך געקענט מיט עפּעס אַרויסהעלפן זייערע עלטערן. נאָר ער אַליין האָט זיך אַרומגעדרייט מיט פאַרשידענע פאַנטאַזיעס אין קאָפּ.

טעג, וואָכן און חדשים פון הונגער, קעלט און פּיין, האָט דורכגעמאַכט דער יונגער דרייצן־יאָריקער האַנס קריסטיאַן אַנדערסען אין קאָפּענהאַגען, אין דער הויפּטשטאָט פון לאַנד. ער האָט זיך אָבער געשעמט צוריקצוקומען אין דעם קליינעם שטעטל, ווו אַלע האָבן אים געקענט. האָט ער שוין בעסער אַליין, נישט קענענדיק קיינעם, זיך דאָרטן אַרומגעדרייט און שטיל געליטן.

על פּי צופאַל האָבן זיך עטלעכע קינסטלער פאַראינטערעסירט מיט זיין גורל, און געשען איז עס אויף אַזאַ אופן: ווען די פאַרצווייפלונג האָט ביי דעם יונגן אַנדערסען שוין דערגרייכט אַלע ברעגן, און פאַרן אַהיים האָט געמיינט דער אייגענער יאוש און דערצו נאָך שפּאָט פון לייט, האָט ער אין איין רעגנדיקן אָוונט אַנגעקלאַפּט אין טיר פון אַ קאָמפּאָזיטאָר. דאָרט זענען גראָד געווען פאַרזאַמלט מוזיקער, שרייבער, מאָלער, קינסטלער, אַקטיאָרן, וואָס האָבן געמיטלעך פאַרבראַכט און אַרומגערעדט אַ בייע שפּיל פאַרן קעניגלעכן טעאַטער. דער קאָמיש־אויסזעענדיקער בחור האָט געוועקט אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. ווען דער בעל־הבית האָט אים געפרעגט וואָס זיין באגער איז, האָט ער געענטפערט, אַז ער וויל מען זאָל אים אַנשטעלן ווי אַ זינגער און טענצער אין קעניגלעכן טעאַטער. און תוך כדי דיבור האָט ער אויסגעטאָן דעם גרויסן קאַפּעלוש, גענומען אים אין האַנט אַריין און אָנגעהויבן צו זינגען און האָפּקען פאַר דער דאָזיקער מסיבה. דער קאַפּעלוש האָט אים געדינט ווי אַ טאַמבורין.

עס ווייזט אויס, אַז זיין זינגען און טאַנצן, צוזאַמען מיט זיין מאָדנעם

הילוך, האָבן אַרויסגערופן קאַמיזם און דער עולם קינסטלער האָט געשמאַק געלאַכט און אפשר אויך געחוזקט.

ווען דער יונגער אַנדערסען האָט דאָס באַמערקט, האָט ער ראַפּטעם אויפגעהערט טאַנצן און זיך צעוויינט. דאָס האָט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף דער פאַרזאַמלטן עולם. זיי האָבן נישט בלויז זיך פאַראינטערעסירט מיט אים, נאָר אים תיכף גענומען אונטער זייער אַפּוטרופּסות. זיי האָבן דערקענט אין דעם יונגן אַנדערסען עפּעס אַן אייגנאַרטיקייט. אַנדערע האָבן אַפילו פאָרויסגעזאָגט, אַז פון אים וועט עפּעס אויסוואַקסן.

הגם אַנדערסען איז שוין געווען אַ דערוואַקסענער בחור, פון דעסטוועגן האָט ער געהאַט גאָר קנאַפּע קענטעניש. די פאַרזאַמלטע האָבן, קודם כל, באַשלאָסן אים אַוועקשיקן אין אַ שול, וווּ ער זאָל זיך לערנען עלעמענטאַרע ידיעות.

אַזוי ווי ער האָט נאָך פון קינדערווייז אָן ליב געהאַט צו שרייבן, האָט ער אין דעם ערשטן יאָר פון זיין לערנען זיך אין דער גרויסשטאָטישער שול אָנגעשריבן אַ פּאָעמע, וואָס האָט געהייסן „דאָס גוססדיקע קינד".

בקיצור איז דער אינהאַלט פון דער פּאָעמע אַזאַ: אַ קראַנק קינד בעט זיך ביי דער מוטער, אַז זי זאָל נישט וויינען, ווייל די טרערן ברענען אַזוי שטאַרק אויף איר פּנים. ער זאָגט איר צו, אַז ער וועט שוין שטענדיק זיין געזונט און ער פרעגט זיין מוטער, צי עס איז אמת, אַז מלאכים פליען מיט די גוטע קינדער אין הימל אַרייך. און פּלוצלונג זאָגט דאָס קינד: מאַמע, איך בין אַזוי מיד, איך מוז צומאַכן די אויגן; זע מאַמע, אָט קומט דער מלאך.

דער יונגער אַנדערסען האָט געוויזן דאָס ליד דעם דירעקטאָר פון שול, וואָס איז אויך געווען אַ וויסנשאַפטלער. דער דירעקטאָר האָט עס פאָרגע־לייענט מיט אַ איראָניע און צום סוף דאָס צוריקגעשליידערט דעם יונגן אַנדערסענען מיט אַ שטאַרקן אויסרייד, הלמאי ער פאַרנעמט זיך מיט אַזעלכע נאַרישקייטן.

דאָס ליד איז היינט־צו־טאָג איבערגעזעצט אויף אַ היפּשער צאָל שפּראַכן. דער דירעקטאָר ווייזט אויס, איז נישט געווען קיין גרויסער מבין אויף ליטעראַטור.

עס האָט לאַנג געדויערט ביז וואַנען די קריטיקער האָבן אָנערקענט האַנס קריסטיאַן אַנדערסענס מעשהלעך. אמתע מבינים האָבן אַפילו תיכף

ואָך דעם ווי ער האָט פאַרעפנטלעכט די ערשטע קינדער־מעשהלעך, אָנגעוויזן אויף זיין טאַלאַנט. מ׳האָט אָבער געהאַט צו אים גרויסע טענות, הלמאי ער שרייבט נישט ריכטיק אין דעם פשוטן גראַמאַטיקאַלישן זין. ווען דער רעדאַקטאָר האָט געוואָלט „אויסבעסערן" זיין שפּראַך און דערקלערט אים, אַז אַזוי שרייבט מען נישט, האָט האַנס קריסטיאַן אַנדערסען געענטפערט: איך שרייב נישט, ווי מען שרייבט, נאָר ווי איך שרייב.

האַנס קריסטיאַן אַנדערסען האָט זיינע מעשהלעך נישט געשריבן, ווי מען שרייבט, נאָר ווי מען רעדט, ווי מען דערציילט, און נישט, ווי מען רעדט צו דערוואַקסענע, נאָר, ווי מען רעדט צו קינדער. דאָס דערציילן האָט אַ גאַנצע מחנה פון מיטהעלפער — אינעם קנייטש פון מויל, אין דער מימיק פון פנים, אין די האַנט־באַוועגונגען, אין דעם טאָן, ווי דאָס וואָרט ווערט אַרויסגעזאָגט, לאַנג אָדער קורץ, שאַרף אָדער מילד, ערנסט אָדער שפּאַטיק. דער, וואָס דערציילט אַ מעשה פאַר קינדער, מוז נישט ווילנדיק דערציילן מיט אַ סך באַוועגונגען און מיט אויסדרוק אין פנים און אין די אויגן, ווייל דאָס קינד הערט ניט בלויז דאָס מעשהלע, נאָר זעט עס. דער וואָס ווענדט זיך שריפטלעך צו קינדער, מוז קענען אויסדריקן די אינטאָנאַציע, די פּלוצלונגדיקע הפסקות, די האַנט־באַוועגונגען, די מוראדיקע מינע, דאָס שמייכלען, דאָס זינגען, דאָס מאָלן אין זיין מעשהלע.

כדי פאַרשטאַנען צו ווערן פון אַזעלכע יונגע לייענערס, ווי די, צו וועמען אַנדערסען האָט זיך געווענדט, האָט ער געדאַרפט באַנוצן די איינפאַכסטע ווערטער, די פשוטסטע פאַרשטעלונגען, יעדן אַבסטראַקטן באַגריף דערקלערן קלאָר מיט רייד. אָבער זוכנדיק אַזוי דאָס פשוטע, האָט ער געפונען דאָס דיכטערישע, און דערגרייכנדיק דאָס קינדישע, ווייזט זיך אַרויס, אַז גראָד דאָס קינדישע איז דאָס פּאָעטישע.

אָט ווען מיר דערציילן אַנדערסענס אַ מעשה, און מיר וועלן דערפילן פאַר וואָס ער האָט געקראָגן דעם לייענער פון אַלע פעלקער.

אַ מוטער איז געזעסן לעבן איר קראַנק קינד און האָט שטיל געוויינט. פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּן אין טיר, און אַריינגעקומען איז אַ מאַן אַנגעטאָן אין אַ פעלץ, ווייל אין דרויסן איז געווען זייער קאַלט. די מוטער איז צוגעגאַנגען צו דעם פרעמדן מענטשן און אים געפרעגט, אויב גאָט וועט לאָזן לעבן איר קינד. דער פרעמדער האָט אַזוי מאָדנע געשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז די מוטער האָט נישט פאַרשטאַנען זיין ענטפער.

זי האָט גענומען אַ ביסל וואַסער און אַריינגעשטעלט אין אויוון, כדי צו מאַכן טיי פאַר דעם פרעמדן מענטשן, און אַליין האָט זי זיך אַוועקגעזעצט לעבן דעם קראַנקן קינד, וואָס האָט אַזוי שווער געאָטעמט. אַזוי ווי די מוטער איז שוין נישט געשלאָפן עטלעכע טעג, איז זי איינגעשלאָפן אויף עטלעכע רגעס. אַז זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט זי געזען, אַז דאָס קינד איז נישטאָ. אַז זי האָט זיך אומגעקוקט אין שטוב האָט זי דערזען, אַז דער פּרעמדער איז אויך נישטאָ. אַ פאַרצווייפלטע איז די מוטער אַרויסגעלאָפן אין גאַס. אין דרויסן איז געווען פינצטער, בלויז אַ פרוי, אָנגעטאָן אין שוואַרצע קליידער האָט זיך אַרומגעדרייט הין און צוריק לעבן איר טיר. די מוטער האָט ביי איר געפרעגט:

— זאָג מיר, איך בעט דיך, האָסטו געזען עמעצן אַוועקגיין מיט מיין קינד?

— יאָ, דער טויט איז געווען ביי דיר און ער האָט צוגענומען דיין קינד. און ער גייט גיכער פאַר דעם גיכסטן ווינט, און ער גיט קיין מאָל נישט צוריק דאָס וואָס ער נעמט צו — האָט די פרוי אין די שוואַרצע קליידער געזאָגט.

— זאָג מיר, וועלכן וועג איז ער געגאַנגען? — האָט די מוטער זיך געבעטן.

— איך וועל דיר זאָגן, אויף וועלכן וועג ער איז אַוועקגעגאַנגען, אויב דו וועסט פאַר מיר זינגען די אַלע שיינע לידער, וואָס דו פלעגסט זינגען פאַר דיין קינד; איך בין די נאַכט.

— אָן אַנדערש מאָל וועל איך פאַר דיר זינגען — האָט די מוטער זיך געבעטן, אָבער די נאַכט איז געווען שטום.

דאַן האָט די מוטער פאַרבראָכן די הענט און האָט געזונגען. און עס זענען געווען אַ סך לידער, אָבער נאָך מער טרערן.

און די נאַכט האָט געזאָגט:

— גיי גלייך מיט אָט דעם וועג; דאָרט האָב איך געזען דעם טויט אַוועקגיין מיט דיין קינד.

און די מוטער איז געגאַנגען, ביז זי איז געקומען אין געדיכטן וואַלד אַריין, ווו די וועגן האָבן זיך געקרייצט אין פיר ריכטונגען. די מוטער האָט נישט געוווסט אויף וועלכן וועג זי זאָל גיין. איז דאָרטן געשטאַנען

אַ דאָרנבוים און גרויסע שטיקער אייז זענען געהאַנגען אויף זיינע צווייגן. האָט די מוטער זיך געווענדט צו דעם דאָרנבוים און געזאָגט:

דאָרנבוים, זאָג מיר, איך בעט דיך, ווו איז דער טויט אַוועק מיט מיין קינד?

און דער דאָרנבוים האָט געענטפערט:

— איך וועל דיר נישט זאָגן, סיידן דו וועסט מיך פריער אָנוואַרעמען, ווייל איך ווער געפרוירן.

און די מוטער האָט אָנגעוואַרעמט דעם בוים, און די דערנער זענען אַריין אין איר לייב, און דאָס אייז איז צעגאַנגען, און אין מיטן ווינטער האָבן אָנגעהויבן צו בליען בלומען — אַזוי וואַרעם איז געווען דער מוטערס באַטריבט האַרץ.

און דער דאָרנבוים האָט געזאָגט:

— גיי גלייך צום וואַסער־צו, דאָרטן האָב איך געזען ווי דער טויט איז אַוועק מיט דיין קינד.

און די מוטער איז געגאַנגען ביז זי איז געקומען צום וואַסער. האָט זי געוואָלט אויסטרינקען דאָס וואַסער, אָבער דאָס איז געווען אוממעגלעך פאַר אַ מענטש צו טאָן. האָט די מוטער זיך געווענדט צום וואַסער און געזאָגט:

— וואַסער, זאָג מיר ווּהין איז דער טויט אַוועק מיט מיין קינד?

האָט דאָס וואַסער געענטפערט און געזאָגט:

— גיב אונדז דיינע שיינע פערלדיקע אויגן, וועלן מיר דיר זאָגן ווּהין דער טויט איז אַוועק מיטן קינד.

האָט די מוטער אָנגעהויבן וויינען, און זי האָט אַזוי לאַנג געוויינט ביז זי האָט אויסגעוויינט אירע אויגן און דעמאָלט האָבן די כוואַליעס זי אַריבערגעבראַכט אויף דער אַנדערער זייט.

דאָרט האָט זיך געצויגן אַ וווּנדערלעך, לאַנג הויז, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ באַרג מיט אַ וואַלד מיט לעכער, אָבער די אָרעמע מוטער האָט דאָס נישט געקענט זען, זי האָט דאָך אויסגעוויינט אירע אויגן.

— זאָג מיר, ווו קען איך געפינען דעם טויט, וואָס האָט צוגענומען מיין קינד? — האָט זי שטיל געוויינט.

— אַהער איז ער נאָך נישט געקומען, — האָט געזאָגט די אַלטע

פרוי, וואָס האָט אַכטונג געגעבן אויף דעם טויטס גרויסן טרייב־הויז. — ווי אַזוי האָסטו געטראָפן דעם וועג אַהער און ווער האָט דיר געהאָלפן?

— גאָט האָט מיר געהאָלפן, — האָט זי געענטפערט. — ער איז בארמהאַרציק, און דו וועסט אויך זיין אַזוי. זאָג מיר, ווו קען איך געפינען מיין קינד?

— איך ווייס נישט ווו — האָט די פרוי געענטפערט. — און דו קענסט דאָך נישט זען. אַ סך בלומען און ביימער זענען פאַרוועלקט געוואָרן היינטיקע נאַכט. דער טויט וועט באַלד קומען און זיי איבערפלאַנצן. דו ווייסט מסתמא, אַז יעדער מענטש האָט זיין לעבנס־בוים אָדער בלום, לויט דעם ווי עס גייט דעם מענטשן. אין יעדן בוים און אין יעדער בלום קלאַפּט דאָס האַרץ. אַ קינדער־האַרץ קלאַפּט אויך! גיי און הער זיך איין און אפשר וועסטו דערקענען דיין קינדס האַרץ. אָבער וואָס וועסטו מיר געבן, כדי איך זאָל דיר זאָגן וואָס נאָך דו זאָלסט טאָן?

— איך האָב גאָרנישט וואָס דיר צו געבן, — האָט געזאָגט די באַטריבטע מוטער. — איך וועל אָבער גיין פאַר דיר ביז צום סוף פון דער וועלט!

— פון דאָרטן דאַרף איך גאָרנישט, — האָט די פרוי געזאָגט, — אָבער דו קענסט מיר געבן דיינע לאַנגע שוואַרצע האָר, זיי זענען שיין און זיי געפעלן מיר, און איך וועל דיר געבן דערפאַר מיינע גרויע האָר.

די מוטער האָט מיט פרייד אָוועקגעגעבן אירע שוואַרצע האָר און האָט געקראָגן דער אַלטערס שניי־ווייסע האָר.

און זיי זענען אַריין אין דעם טויטס גאָרטן־הויז. און דאָרטן זענען געוואַקסן זייער אַ סך ביימער און בלומען. אויך וואַסער־פלאַנצן זענען דאָרטן געוואַקסן. אַנדערע זענען געווען פריש און אַנדערע האַלב־קראַנק. עס זענען געשטאַנען גרויסע פּאַלמעס און אייכנביימער. יעדער בוים און בלום האָט געהאַט זיין נאָמען און געווען אַ מענטשנס לעבן. עס זענען אויך געווען בלומען, וואָס האָבן געבליט און אַרויסגעגעבן פרישע, שמעקענדיקע ריחות, אַנדערע בלומען האָבן געהאַט געלע פאַרוועלקטע בלעטער.

די אָרעמע מוטער האָט זיך געבויגן איבער אַלע בלומען, צוגעלייגט דאָס אויער און צווישן מיליאָנען בלומען האָט זי דערהערט, אין וועלכער בלום עס קלאַפּט דאָס האַרץ ווי ביי איר קינד.

און די אַלטע פרוי האָט צו איר געזאָגט:

— ווען דער טויט וועט קומען, לאָז אים נישט אָוועקרוקן די בלום, זאָג אים, אַז דו וועסט אויסרייסן די בלומען, און פאַר דעם האָט ער מורא. וואָרעם — רייסט מען אַרויס אַ בלום, מוז אַ מענטשן־קינד שטאַרבן, און דער טויט מוז אָפּגעבן אַ דין וחשבון צו גאָט פאַר יעדן מענטשן.

מיט אַ מאָל איז דורכגעלאָפן אַ שטאַרקער, אייז־קאַלטער ווינט. האָט די מוטער פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער טויט געקומען.

— ווי אַזוי האָסטו געקענט קומען פריער פאַר מיר? האָט דער טויט געפרעגט.

— איך בין אַ מוטער — האָט זי געענטפערט.

און די מעשה ענדיקט זיך מיט דעם, אַז דער טויט האָט צוריקגעגעבן דער מוטער די אויגן, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון וואַסער, נאָך קלאָרער און ליכטיקער ווי זיי זענען געווען. ער האָט זי צוגעפירט צו אַ ברונעם און איר געוויזן צוויי מזלות: דאָס צוקונפטיקע לעבן פון צוויי קינדער — איינס איז געווען איר קינד.

איין לעבן איז געווען פול מיט ליכטיקייט, פרייד און לייטזעליקייט, און דאָס צווייטע לעבן איז געווען פול מיט פינצטערניש. און כאָטש דער טויט האָט דאָך איר געזאָגט, אַז די בלום וואָס זי האָט געוואָלט אויסרייסן, איז דאָס לעבן פול מיט פרייד, דאָך האָט די פאַרצווייפלטע מוטער אויפגעהויבן די הענט צום הימל און אויסגערופן:

— גאָט אין הימל, הער זיך נישט איין צו מיין געבעט. — און דער טויט איז אַוועק מיט איר קינד אין דעם אומבאַקאַנטן לאַנד אַריין.

אין דער וועלט־ליטעראַטור געפינט זיך נישט נאָך אַזאַ מוסטער פון מוטער־ליבע צו אַ קינד, ווי די, וואָס האַנס קריסטיאַן אַנדערסען שילדערט אין זיין „די געשיכטע פון אַ מוטער“.

זי איז דערציילט ביבליש־תמימותדיק, מענטשלעך־וואַרעם און פאַנטאַסטיש־רייך, אַזוי, אַז דאָס אוממעגלעכע ווערט מעגלעך און דאָס איבערנאַטירלעכע ווערט נאַטירלעך.

און אָט איז נאָך אַ מעשה אַנדערסענס, וואָס שטראַלט מיט ראַפינירטן הומאָר, די קלאַסיש־סאַטירישע מעשה: דעם קעניגס נייע קליידער.

מיט אַ סך יאָרן צוריק האָט געלעבט אַ קעניג, וואָס האָט זייער ליב געהאַט שיינע נייע קליידער. ער האָט אויסגעגעבן אַ פאַרמעגן, כדי צו

זיין שיין אָנגעטאָן. אים האָט נישט געאַרט צי ער האָט אַ סך, צי ווייניק סאָלדאַטן. נאָך ווייניקער איז ער געווען פאַראינטערעסירט אין טעאַטער־שפּילן, אָדער רייטן אויף פערד, סיידן ער האָט זיך געקאָנט איבערנעמען מיט זיינע קליידער. יעדע שעה אין טאָג האָט ער אָנגעטאָן אַ נייעם בגד. און פּונקט ווי מען פלעגט געוויינלעך זאָגן וועגן אַ קעניג, אַז ער איז אין באַראַטונגס־צימער, אַזוי פלעגט מען וועגן אים תמיד זאָגן: „דער קעניג איז אין קליידער־צימער!"

אין דער גרויסער שטאָט ווו דער קעניג האָט געוווינט, איז אַלע מאָל געווען פריילעך. יעדער טאָג פלעגן קומען אַהין אַ סך פרעמדע מענטשן.

איין טאָג זענען געקומען אין שטאָט אַריין צוויי שווינדלער; זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי זענען וועבער און זיי האָבן דערציילט, אַז זיי קענען וועבן די שענסטע שטאָפן און סחורות, וואָס מען קען זיך נאָר פאָרשטעלן; נישט בלויז די פאַרבן און די מוסטערן זענען אויסערגעוויינלעך שיין, נאָר אויך די קליידער, וואָס ווערן געניייט פון די שטאָפן, האָבן אַ ווונדערבאַרע אייגנשאַפט: זיי זענען אומזעבאַר פאַר יענע מענטשן, וואָס טויגן נישט אויף זייער אַמט, און אויך פאַר יענע וואָס זענען נאַריש.

„דאָס וועלן שוין זיין איין מאָל טייערע קליידער", האָט דער קעניג געטראַכט. „דורך אָנטאָן זיי וועל איך קענען אויסגעפינען, וועלכע מענטשן אין מיין לאַנד טויגן נישט פאַר דעם אַמט וואָס זיי פאַרנעמען, און איך וועל דערקענען, וועלכע מענטשן זענען נאַריש און וועלכע זענען קלוג! יאָ, אָט די שטאָפן דאַרף מען תיכף וועבן פאַר מיר!". און ער האָט געגעבן די צוויי שווינדלער אַ סך געלט, אַז זיי זאָלן אָנהייבן די אַרבעט.

די שווינדלער האָבן באַלד אַוועקגעשטעלט צוויי וועב־מאַשינען, געמאַכט אַן אָנשטעל, ווי זיי וואָלטן געאַרבעט, אָבער אין דער אמתן זענען די וועב־שטולן געווען ליידיק. זיי האָבן כסדר פאַרלאַנגט די פיינסטע זייד, דאָס טייערסטע גינגאָלד. דאָס אַלץ האָבן זיי אַריינגעלייגט אין זייערע קעשענעס און געאַרבעט אויף די ליידיקע וועב־שטולן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

„איך וועל אַוועקשיקן דעם אַלטן ערלעכן מיניסטער צו די וועבער", האָט דער קעניג געטראַכט. „ער וועט צום בעסטן קענען זען ווי אַזוי די

שטאָפּן זעען אויס, ווייל ער האָט שכל, און קיינער איז נישט אַזוי פּאַסיק אויף זיין אמט ווי ער!".

און דער אַלטער, קלוגער מיניסטער איז אַוועק אין זאַל, וווּ די צוויי שווינדלער זענען געזעסן און געאַרבעט אויף די ליידיקע וועב־שטולן.

„מיין גאָט!" האָט געטראַכט דער אַלטער, קלוגער מיניסטער, און פונאַנדערגעעפנט ברייט די אויגן.. „איך קאָן דאָך גאַרנישט זען!" אָבער זאָגן דאָס האָט ער נישט געזאָגט.

ביידע שווינדלער האָבן אים געבעטן, אַז ער זאָל אַזוי גוט זיין און צוקומען נענטער, און זיי האָבן אים געפרעגט, צי די מוסטערן זענען נישט ווונדערלעך שיין און די פאַרבן טייער. זיי האָבן אים אָנגעוויזן אויף די ליידיקע וועב־שטולן — און דער אָרעמער, אַלטער מיניסטער האָט נאָך ברייטער געעפנט די אויגן, אָבער ער האָט גאַרנישט נישט געקענט זען, עס איז דאָרט גאַרנישט געווען צו זען.

„מיין גאָט!" האָט ער געטראַכט. „בין איך טאַקע אַזוי נאַריש! דאָס האָב איך קיין מאָל נישט געגלויבט. אָבער קיין שום מענטש טאָר דאָס נישט וויסן! טויג איך נישט אויף מיין אַמט? ניין, דאָס וועט באַין אופן נישט זיין, אַז איך זאָל דערציילן, אַז איך זע נישט די שטאָפּן!"

„נו, וואָס זאָגט איר וועגן דעם"? האָט געזאָגט דער, וואָס האָט געוועבט.

„אָ, דאָס איז גרויסאַרטיק, פּראַכטפול, ווונדערלעך שיין!" האָט געזאָגט דער אַלטער מיניסטער און געקוקט דורך די ברילן. „אָט דער דאָזיקער מוסטער און די דאָזיקע פאַרבן! אָ, איך וועל זאָגן דעם קעניג, אַז עס געפעלט מיר שטאַרק!"

„עס פרייט אונדז זייער!" האָבן ביידע וועבער געזאָגט, און זיי האָבן אָנגערופן די פאַרבן פון דעם זעלטענעם מוסטער.

דער אַלטער מיניסטער האָט זיך גוט צוגעהערט, כדי ער זאָל קאָנען נאָכזאָגן דאָס אייגענע, ווען ער וועט צוריקקומען צום קעניג. און אַזוי האָט ער טאַקע געטאָן.

אַצינד האָבן די שווינדלער פאַרלאַנגט נאָך געלט, מער זייד און נאָך גאָלד, וואָס זיי דאַרפן צו דער אַרבעט. אַלצדינג האָבן זיי באַהאַלטן אין זייערע קעשענעס. אויף די וועבשטולן האָבן זיי נישט אַרויפגענומען אפילו

נישט קיין פאָדעם, אָבער זיי האָבן פאַרגעזעצט צו וועבן אויף די ליידיקע שטולן.

דער קעניג האָט באַלד ווידער געשיקט אַ געטרייען באַאַמטן, כדי צו זען, ווי אַזוי עס גייט מיט דעם וועבן און צי די סחורות זענען שוין באַלד פאַרטיק. איז דעם באַאַמטן געגאַנגען פּונקט ווי דעם אַלטן מיניס־טער: ער האָט געקוקט און געקוקט, נאָר אַזוי ווי עס זענען בלויז געווען ליידיקע וועב־שטולן, האָט ער גאָרנישט געקענט זען.

„איז עס נישט קיין וווּנדערלעך שיין שטיק סחורה?" האָבן ביידע שווינדלער געפרעגט און אָנגעוויזן אויף דער שיינקייט פון דעם טייערן מוסטער, וואָס איז אין דער אמתן גאָר נישט געווען.

„נאַריש בין איך נישט" האָט ער זיך געטראַכט, „אפשר בין איך נישט פּאַסיק פאַר מיין גוטן אַמט? אָבער קיינער טאָר דערפון נישט וויסן!" און ער האָט שטאַרק געלויבט די סחורה, וואָס ער האָט גאָרנישט געזען און זיי פאַרזיכערט, אַז די פּראַכטפולע שטאָפן און טייערע מוסטערן האָבן אים פאַרשאַפט אַ סך פרייד.

און ער איז צוריקגעקומען צום קעניג און אים געזאָגט, אַז דאָס זענען די טייערסטע שטאָפן, וואָס די וועבער וועבן פאַר אים.

אַלע מענטשן אין שטאָט האָבן גערעדט וועגן דער פּרעכטיקער סחורה.

אַצינד האָט דער קעניג אַליין געוואָלט זען די שטאָפן בשעת זיי זענען נאָך געווען אויף די וועב־שטולן. איז ער אַהין צוזאַמען מיט זיינע אויס־דערוויילטע באַגלייטער. צווישן זיי זענען אויך געווען די צוויי קלוגע באַאַמטע, וואָס זענען שוין פריער דאָרטן געווען.

ביידע לוסטיקע שווינדלער האָבן נאָך אַלץ געוועבט אויף וואָס די וועלט שטייט, נישט האָבנדיק אפילו קיין איין פאָדעם אין די וועב־שטולן.

„איז עס נישט גרויסאַרטיק?" האָבן געזאָגט די ביידע ערלעכע באַאַמטע. „זאָל נאָר אייער מאַיעסטעט אַ קוק טאָן און זען די טייערע מוסטערן און די שיינע פאַרבן!" און זיי האָבן אָנגעוויזן אויף די ליידיקע וועב־שטולן, ווייל זיי האָבן געגלויבט, אַז די אַנדערע קענען יאָ זען.

„וואָס איז דאָס?" האָט דער קעניג געטראַכט. „איך זע דאָך גאָרנישט! עס איז דאָך שרעקלעך. בין איך טאַקע אַזוי נאַריש? אָדער אפשר בין איך גאָרנישט פּאַסיק צו זיין אַ קעניג? דאָס איז דאָך די שרעקלעכסטע זאַך, וואָס עס האָט מיך געקענט טרעפן!"

„יאָ, דאָס איז דאָך באמת שיין" האָט געזאָגט דער קעניג. „מיין שטאַרקסטע אָנערקענונג אייך!" און ער האָט צופרידן געשאָקלט מיטן קאָפּ און באַטראַכט די ליידיקע וועב־שטולן. אָבער ער האָט נישט געוואָגט צו זאָגט, אַז ער זעט גאָרנישט.

דעם קעניגס באַגלייטער האָבן געקוקט און געקוקט און אויך גאָרנישט געזען, און זיי האָבן אויך געזאָגט פּונקט ווי דער קעניג: „יאָ, דאָס איז דאָך באמת שיין!".

און זיי האָבן אים געעצהט, אַז ער זאָל צו דער פּראָצעסיע, וואָס דאַרף פּאָרקומען, אָנטאָן די קליידער, וואָס וועלן געמאַכט ווערן פון אָט די טייערע שטאָפן.

„דאָס וועט דאָך זיין פּראַכטפול שיין!" אַזוי איז געגאַנגען פון מויל צו מויל, און אַלע זענען געווען שטאַרק צופרידן פון דעם.

דער קעניג האָט געגעבן יעדן שווינדלער אַ ריטער־קרייץ, וואָס זיי זאָלן אָנשפּילען אויף זייערע לאַצן, און זיי אויך געגעבן דעם טיטל וועבער־ריטער.

די גאַנצע נאַכט פאַר דעם פּאַרמיטאָג, וואָס די פּראָצעסיע האָט געזאָלט פּאָרקומען, זענען די שווינדלער געווען וואַך און אָנגעצונדן זעכצן ליכט. די מענטשן האָבן געקענט זען, אַז זיי זענען באַשעפטיקט מיטן אויספאַרטיקן דעם קעניגס נייע קליידער.

זיי האָבן געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי זיי וואָלטן גענומען די סחורה פון די וועבשטולן, צעשניטן אין דער לופטן מיט גרויסע שערן, גענייט מיט נאָדל און פאָדים, און צום סוף פריידיק אויסגערופן: „די קליידער זענען פאַרטיק!"

דער קעניג איז געקומען אַהין, באַגלייט פון זיינע אָנגעזעענסטע קאַמער־דינער. ביידע שווינדלער האָבן אויפגעהויבן די הענט אין דער לופטן, ווי זיי וואָלטן עפּעס געהאַלטן, און געזאָגט: „אָט זעט אַ פּאָר הויזן! אָט איז אַ ראָק, און אָט איז דער מאַנטל!" און אַזוי כסדר. „זיי זענען אַזוי לייכט ווי שפּינוועבס. עס זעט כמעט אויס ווי מען וואָלט גאָרנישט געטראָגן אויפן קערפּער. אָבער אַזוי ווייזט זיך עס בלויז אויס!"

„יאָ!" האָבן געזאָגט די אָנגעזעענע קאַמערדינער, אָבער זיי האָבן גאָרנישט געקענט זען, ווייל עס איז גאָרנישט געווען.

„וועט זיין מאַיעסטעט, דער קעניג, זיין אַזוי גוט און זיך אויסטאָן די

קליידער". האָבן געזאָגט די שווינדלער, וועלן מיר אייך אָנטאָן די נייע קליידער".

דער קעניג האָט אויסגעטאָן די קליידער און די שווינדלער האָבן געמאַכט מיט די הענט, ווי זיי וואָלטן אים כלומרשט אָנגעטאָן נייע קליידער, אַרומ־געגנומען אים אַרום דער טאַליע און כלומרשט פעסט פאַרבונדן.

געווען דאָרטן אויך אַ שלעפּע, און דער קעניג איז צוגעגאַנגען צום שפּיגל, אַריינגעקוקט און זיך געדרייט.

„אַך, ווי עס קליידט אייך אַזוי שיין! ווי עס ליגט פּראַכטפול!" האָבן אַלע געזאָגט. „וואָס פאַר אַ מוסטער! וואָס פאַר אַ שיינע פאַרבן! אַ טייערער מלבוש!"

„אין דרויסן שטייען זיי שוין מיט דעם טראָן־הימל, וואָס זיי וועלן טראָגן איבער אייער מאַיעסטעט אין דער פּראָצעסיע!" האָט געזאָגט דער צערעמאָניע־מייסטער.

„יאָ, זייער פיין!" האָט געזאָגט דער קעניג. „ליגט עס גוט אויף מיר אויסגעגאָסן?" האָט ער געפרעגט. און ער איז נאָך אַ מאָל צוגעגאַנגען צום שפּיגל, ווי ער וואָלט וועלן זיך גוט באַטראַכטן אין זיין גאַנצן הילוך.

די קאַמער־יונגען, וואָס האָבן געזאָלט טראָגן די שלעפּע, האָבן כלומרשט אָנגענומען פון דיל, די שלעפּע און געטראָגן זי אין דער לופטן. זיי האָבן נישט געוואַגט אַרויסצוווייזן עפּעס אַ חשד, אַז זיי זעען גאָרנישט.

און אַזוי איז דער קעניג געגאַנגען אין דער פּראָצעסיע אונטער דעם טייערן הימל־טראָן, און אַלע מענטשן אויף דער גאַס און אין די פענצטער האָבן געשעפּטשעט: „אַך, ווי פּראַכטפול־שיין דעם קעניגס נייע קליידער זענען! וואָס פאַר אַ שיינע שלעפּע ער האָט אויף זיין מאַנטל! עס ליגט אויף אים ווי אויסגעגאָסן!"

קיינער האָט נישט געוואָלט אַרויסווייזן, אַז ער זעט גאָרנישט; מען וואָלט דאָך דאַן געמיינט, אַז ער איז נאַריש. זיי זענען נאָך קיין מאָל פריער נישט געווען אַזוי באַגייסטערט פון קעניגס קליידער.

„אָבער דער קעניג האָט דאָך גאָרנישט אויף זיך, ער גייט דאָך נאַקעט!" האָט אַ קליין קינד געזאָגט.

„גאָט אין הימל, הער די שטים פון דעם אומשולדיקן קינד!" האָט געזאָגט דער פאָטער, און איינער האָט איינגערוימט דעם צווייטן, וואָס דאָס קינד האָט געזאָגט: „דער קעניג האָט גאָרנישט אויף זיך, ער איז נאַקעט!"

„דער קעניג גייט נאַקעט!‟ האָט צום סוף אָנגעהויבן שרייען דאָס גאַנצע פאָלק.

און אַ ציטער איז דורכגעגאַנגען דעם קעניג איבערן גאַנצן לייב, ווייל אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיי זענען גערעכט, אָבער ער האָט געטראַכט: „איך מוז אויסהאַלטן די פּראָצעסיע!‟

און ער האָט זיך געהאַלטן נאָך שטאָלצער, און די קאַמערדינער האָבן געטראָגן די שלעפּע, וואָס איז אין דער אמתן גאָרנישט געווען.

מיר האָבן דאָ איבערגעזעצט די מעשה פון דעניש.

דער מענטש איז געבענטשט נישט בלויז מיט אַ זכרון צו געדענקען, נאָר אויך מיט זייער אַ גרויסער מעלה צו פאַרגעסן. אָפּגעהיט זאָל דער מענטש ווערן ווען ער וואָלט געדענקט אַלצדינג, וואָס ער האָט געלייענט, געזען און געהערט. באַזונדערס שטאַרק פאַרגעסן מענטשן די שול־ביכער. אויב איינער קען שעקספּירן, למשל, איז עס דרך־כלל נישט יענער שעקס־פּיר וואָס ער האָט געלערנט אין שול, נאָר וואָס ער האָט אַליין געלייענט. נישט תמיד האָט די שול געניג כוח אַרויסצורופן אָנרעגונג און אינטערעס. אַנדערש איז אָבער מיט האַנס קריסטיאַן אַנדערסען. זיינע מעשהלעך געדענקט מען פון די סאַמע ערשטע קינדער־יאָרן. מען קען פאַרגעסן דעם נאָמען פון אַ שרייבער, אָבער נישט די מעשה; דער וואָס האָט פאַרשטע־דעניש פאַר ליטעראַטור, וועט זי אויך לייענען אין די רייפע יאָרן און ערשט דעמאָלט דערפילן דעם סימבאָלישן ווערט. אָבער האָט איינער אַפילו אין די קינדער־יאָרן געלייענט „דעם קעניגס נייע קליידער‟, וועט ער די מעשה נישט פאַרגעסן; ער וועט זי אויסנוצן, ווען עס וועט אים אויסקומען צו ריידן, מאַכן אַ טרעפלעכן פאַרגלייך, געדענקען דעם מוסר־השכל. דאָס איז דאָך אַ מעשה פאַר אַלע צייטן פאַר אַלע לענדער און פאַר אַלע מענטשן־קינדער.

ווייניק מענטשן ווייסן אפילו, אַז ער איז געווען אַ דענער. אין רוסלאַנד זענען אַנדערסענס מעשהלעך געווען אַזוי פּאָפּולער, אַז ער איז כמעט באַ־טראַכט געוואָרן פאַר אַ רוסישן שרייבער. און אין אַמעריקע ווערן כסדר אַרויסגעגעבן אַנדערסענס מעשהלעך מיט פאַרשידענע קינסטלערישע אי־לוסטראַציעס און מען קוקט אויף אים כמעט ווי אויף אַן אַמעריקאַנישן שרייבער, און אַזוי אין אַלע לענדער. אַזאַ מדרגה האָט נאָך קיין שום אַנדער שרייבער נישט דערגרייכט.

עס איז זיכער נישט קיין צופאַל, וואָס האַנס קריסטיאַן אַנדערסענס מעשהלעך, הגם זיי זענען געשריבן געוואָרן אויף אַ שפּראַך פון זייער אַ קליין פאָלק, זענען געוואָרן אַ „בעסטסעלער", וואָס דויערט שוין באַלד נײַנציק יאָר, זינט האַנס קריסטיאַן אַנדערסען איז געשטאָרבן — ער איז געשטאָרבן אין 1875 — ריכטיקער — נאָך העכער אַ צענדליק יאָר פאַר זײַן טויט, איז ער שוין געוואָרן דער פּאָפּולערסטער שרײַבער.

האַנס קריסטיאַן אַנדערסען האָט זיך אַזוי פאַרטיפט אין דער פאַנטאַזיע פון קינד און ממילא אין דער פאַנטאַזיע פון מענטשן, אַז אַלצדינג ווערט ווי לעבעדיק, מען זעט די געשעענישן מיט די אויגן און מען קען זיי אָנטאַפּן מיט די הענט. מיר האַלטן אין דעם אָטעם ביז די מעשה ווערט פאַרענדיקט.

האַנס קריסטיאַן אַנדערסענען האָט געצויגן צו קינדער, ער האָט ליב געהאַט קינדער, ווײַל זײַן האַרץ האָט געצויגן צו די שוואַכע, צו די הילפֿלאָזע; צו די, מיט וועמען מען דאַרף מיטפילן; צו די, וועמען מען דאַרף אַרויסווײַזן צאַרטקייט און רחמנות; און אַליין זייענדיק אַ קינד פון אָרעמע עלטערן, האָט ער אין די מערסטע פון זײַנע מעשהלעך געשילדערט אָרעמע קינדער.

אַ גרויסער פּסיכאָלאָג און מענטשן־קענער האָט געזאָגט וועגן קינדער די דאָזיקע טיפע ווערטער:

„דאָס קינד, אַזוי יונג ווי דאָס איז, ווערט געבוירן אַלט. יעדעס קינד איז אַ ריי דורות עלטער פון זײַנע אמתע יאָרן. די קולטור פון יאָרהונדערטער האָט אַרויפגעלייגט איר ירושה־שטעמפּל אויף אַ קינד פון דער גרויסער שטאָט. וויפל קאַמפן, וויפל דורות לעבן האָבן נישט פאַרפּײַנערט דאָס פּנים פון אַזאַ קינד, געמאַכט די שטריכן, נערוון און די פײַנקייט אַלט־קלוג".

*

האַנס קריסטיאַן אַנדערסען האָט קיין מאָל נישט חתונה געהאַט. ער איז פאַרבליבן אַן אַלטער בחור, און ווי יעדער אַלטער בחור, איז ער געווען זייער אומצופרידן און קאַפּריזנע.

ער איז דווקא יאָ געווען פאַרליבט, עטלעכע מאָל איז ער געווען פאַרליבט. און כאָטש ער האָט געהאַט גרויסע חסידים און פאַרערערס, האָט ער אין לעבן קיין מזל נישט געהאַט. די פרויען און מיידלעך, אין וועלכע ער איז געווען פאַרליבט, זענען געווען גלײַכגילטיק צו אים, אפשר דערפאַר,

וואָס אַנדערסען איז אויסערלעך נישט געווען קיין שיינער. ער האָט געהאַט זייער לאַנגע פיס און געווען אומגעלומפּערט הויך. האָט ער זיך געדונגען אַ באַקוועמע וווינונג אין דער הויפּטשטאָט פון לאַנד און אַ באַלעבאָסטע האָט אַכטונג געגעבן סיי אויף אים, סיי אויף זיין באַלעבאַטישקייט.

ווען עס איז געפייערט געוואָרן זיין פופציק־יאָריקער ליטעראַרישער יובילײ, האָט דאָס גאַנצע לאַנד אים צוגעטיילט גרויס כבוד; צווישן די געהויבענע געסט וואָס האָבן אים באַזוכט יענעם אָוונט איז אויך געווען די קעניגלעכע משפּחה. אין דער שפּעטער נאַכט־שעה, ווען אַלע האָבן אים שוין געהאַט פאַרלאָזט, האָט זיך אַנדערסען אַן אומעטיקער אַוועקגעזעצט לעבן שרייב־טיש. די באַלעבאָסטע איז צו אים צוגעגאַנגען און געפרעגט פאַר וואָס ער איז אַזוי טרויעריק — ער דאַרף דאָך זיין צופרידן, וואָס דאָס גאַנצע לאַנד האָט ממש פאַרפלייצט זיין וווינונג מיט בלומען, מיט באַגריי־סונגען און יובל־אויסדרוקן, אפילו דער קעניג אַליין האָט דאָך אים באַזוכט! האָט אַנדערסען געענטפערט זיין באַלעבאָסטע אין אַן אומעטיקן טאָן: „פופציק יאָר ווי איך שרייב, פופציק יאָר פון מיין לעבן האָב איך אַוועקגע־געבן פאַרן פאָלק, און איצט בין איינער אַליין, אַלע זענען אַוועקגעגאַנגען, אַלע האָבן מיך פאַרלאָזט — איך בין עלנט!“.

ביי דעם אויבנדערמאָנטן ליטעראַרישן יובילײ פון האַנס קריסטיאַן אַנדערסען, האָט מען דעמאָלט אויך, נאָך ביי זיין לעבן, אויפגעשטעלט אַ כטאַטוע פון אים אין דעם שענסטן גאָרטן פון דער הויפּטשטאָט. קיין שום אַנדער מענטשן האָט מען ביי זיין לעבן פריער אַזאַ כבוד נישט אַרויסגעוויזן. אָבער בעת אַנדערסען האָט געזען די סקיצע פון דער סטאַטוע, וואָס האָט פאַרגעשטעלט ווי ער, אַנדערסען, דערציילט אַ מעשהלע פאַר צוויי קינדער, וואָס הערן זיך צו צו אים מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם, איז ער געווען שטאַרק ברוגז און אויסגערופן: „ניין, איך וועל נישט דערלאָזן אויפשטעלן אַ סטאַטוע, וואָס שטעלט מיך אַרויס ווי בלויז אַ שרייבער פאַר קינדער“.

אַנדערסען האָט אויך געשריבן ראָמאַנען, נאָוועלן, דראַמעס און קאָמע־דיעס. ער איז אָבער פאַרבליבן דער גרויסער מייסטער בלויז פון דער קינדער־מעשה.

*

האַנס קריסטיאַן אַנדערסען האָט געהאַט זייער אַ שטאַרקן שלאָף. יעדן פרימאָרגן פלעגט אים די באַלעבאָסטע דאַרפן אויפוועקן, אויב נישט האָט

ער געקאָנט אַריינשלאָפן אין טאָג אַריין. איין מאָל האָט ער געלייענט, ווי מען האָט איינעם, וואָס איז געלעגן אין אַ הינערפּלעט אָנגענומען פאַר טויט און מען האָט, פאַרשטייט זיך, שוין געגרייט זיך אים מקבר צו זיין, אָבער אין דער לעצטער מינוט האָט זיך דער „טויטער״ אויפגעכאַפּט פון דעם הינער־פּלעט. פון דעמאָלט אָן פלעגט זיך אַנדערסען נוהג זיין, ווען עס איז אים אויסגעקומען צו שלאָפן אין דער פרעמד, אויף אַזאַ אופן: ער פלעגט אָנשרייבן מיט גרויסע אותיות: אויב איך וועל זיך נישט אויפכאַפּן אינדער־פרי, בעט איך אייך, אַז איר זאָלט וויסן זיין, אַז איך בין נישט געשטאָרבן, און איר זאָלט למען השם מיך נישט באַגראָבן — דאָס איז ביי מיר בלויז אַזאַ שטאַרקער שלאָף.

עס ווערט דערציילט אַז האַנס קריסטיאַן אַנדערסען איז געווען זייער אַ גרויסער נאַשער; פּונקט ווי אַ קינד האָט ער שטאַרק ליב געהאַט כלערליי איינגעמאַכטסן. מאַכט זיך אַ מאָל אַזאַ מעשה:

אויף איינער פון זיינע נסיעות אין אַ פרעמדער שטאָט, אין רוים, איז ער געווען פאַרבעטן אין אַן אַנגעזען הויז. אָבער ער האָט די באַלעבאָסטע פון הויז נישט געקענט. די באַלעבאָסטע האָט אָבער אַנדערסענען גוט געקענט און אפילו געוווּסט וועגן זיינע שוואַכקייטן. זי האָט אים דערפאַר מכבד געווען מיט אַ שיינער פּאָרציע איינגעמאַכטס. אַנדערסען באַטראַכט די איינ־געמאַכטס, קוקט אויף דעם מיט זשעדנע אויגן און ער רירט זיך צו דעם נישט צו. וווּנדערט זיך די באַלעבאָסטע און עס וווּנדערן זיך די געסט פאַר וואָס אַנדערסען כאַפּט זיך נישט צו זיין באַליבט מאַכל. ענדלעך האָט אַנדערסען אָנגענומען אַ לעפל איינגעמאַכטס און געוואָלט עס שוין נעמען צום מויל, אָבער אין דער לעצטער רגע ווענדט ער זיך צו איינעם פון זיינע אָנהענגער, וואָס פלעגט אים באַגלייטן אויף זיינע אויסלענדישע רייזעס מיט די ווערטער: „איך האָב מורא, אַז די באַלעבאָסטע האָט על פּי טעות אַריינגעטאָן סם אָדער אַנדערע שעדלעכע שטאָפן אין דעם איינגעמאַכטס נאָ, פאַרזוך עס. איך וויל זען צי בין איך גערעכט אָדער איך מאַך אַ טעות״.

אַז ער שטעלט אין קאָן דאָס לעבן פון אַ פריינד, האָט ער זיך, פּונקט ווי אַ קינד — נישט געכאַפּט.

ווען האַנס קריסטיאַן אַנדערסען איז געשטאָרבן, איז אין דענעמאַרק געווען אַ נאַציאָנאַלער טרויער־טאָג; דער 33 יאָריקער געאָרג בראַנדעס האָט צו מאָרגנס נאָך אַנדערסענס טויט געשריבן אַ קריטיש־אַנאַליטישע עסיי.

אין שייכות מיט די יידישע טיפּן, וואָס אַנדערסען שילדערט מיט אַ באַזונדער־דערער ליבע, האָט געאָרג בראַנדעס צווישן אַנדערן געשריבן: „פּאַר האַנס קריסטיאַן אַנדערסען זענען די יידן געווען אַ מין עקזאָטישער עלעמענט אין זיין דיכטער־לעבן. און באַזונדערס האָט די יידישע פרוי געהאַט אויף אים אַ ווירקונג און שטאַרקע צוציונג, ווי קינסטלערישער שטאָף".

*

האַנס קריסטיאַן אַנדערסען האָט געהאַט אַ נאָענטן פריינד, די יידישע פרוי הענריעטאַ וואָלף, וואָס פלעגט זיך אָפט איבערגעמען מיט איר איידעלן און פיינעם געפיל. איר האָט דער גרויסער דיכטער אין זינען געהאַט, בעת ער האָט געשריבן „די פּרינצעסין אויפן אַרבעסל". האַנס קריסטיאַן אַנדערסען האָט זיך אפילו אין זיין פאַנטאַזיע נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז דאָס מעשהלע וועט ווערן אַזוי וועלט־באַרימט.

דאָס איז אַ טיפע סאַטירע, אַן אָפּשפּעטונג פון די כלומרשטע ראַפּינירטע געפילן פון דער רייכער פוסטער אַריסטאָקראַטיע.

אויך קינדער פאַרשטייען דאָס מעשהלע נישט בלויז ווי דער דיכטער האָט עס געשריבן. בעת זיי לייענען דאָס באַווייזט זיך אַ שמייכל אויף זייערע ליפּן, ווי אַ באַהאַלטענע אנונג וועגן דעם דיכטערס כוונה. און אָט איז „די פּרינצעסין אויפן אַרבעסל" ווי דער אומשטערבלעכער קינדער־שרייבער האָט דאָס געשריבן:

אַ מאָל איז געווען אַ פּרינץ, וואָס האָט געוואָלט חתונה האָבן מיט אַ פּרינצעסין, זי האָט אָבער געדאַרפט זיין אַן אמתע פּרינצעסין. איז ער אויסגעפאָרן איבער דער גאַנצער וועלט, כדי צו געפינען אַזאַ פּרינצעסין. אָבער אומעטום איז עפּעס געווען אַ שטער. פּרינצעסינס זענען טאַקע געווען גענוג, אָבער ער איז נישט געווען זיכער, צי זיי זענען אמתע פּרינצעסינס. תמיד האָט זיך עפּעס געמאַכט, וואָס איז נישט געווען ווי עס באַדאַרפט צו זיין. איז ער צוריקגעקומען אַהיים און איז געווען זייער אומעטיק, ווייל ער האָט דאָך אַזוי שטאַרק געוואָלט חתונה האָבן מיט אַן אמתער פּרינצעסין.

איין מאָל אין אַן אָוונט איז געווען אַ מוראדיקער געוויטער, עס האָט געבליצט און געדונערט, געגאָסן ווי מיט צעבערס, געווען אַ שרעק און אַן אימה אַרויסצוגיין.

פּלוצלונג האָט אימעצער אָנגעקלאַפּט אויף דעם שטאָט־טויער. דער

אַלטער קעניג איז אַרויסגעגאַנגען עפענען דעם טויער. אין דרויסן איז געשטאַנען אַ פּרינצעסין — אָבער, מיין גאָט, ווי זי האָט אויסגעזען אין דעם רעגן־שטורעם: דאָס וואַסער האָט זיך געגאָסן פון אירע האָר גלייך אויף דער נאָז און פון אירע קליידער אין די שיך אַריין און אַרויסגערונען דורך די קליידער — און דאָך האָט זי געזאָגט, אַז זי איז אַן אמתע פּרינצעסין.

„גוט, מיר וועלן באַלד אויסגעפינען!" האָט געטראַכט די אַלטע קעניגין. זי האָט אָבער קיינעם גאָרנישט געזאָגט. זי איז אַריין אין שלאָפצימער און האָט אַראָפּגענומען אַלע איבערבעטן פון בעט און אַנידערגעלייגט אַן אַרבעסל אויף די ברעטער פון בעט. דערנאָך האָט זי גענומען צוואַנציק מאַטראַצן און אַרויפגעלייגט אויפן אַרבעסל. און אויף די מאַטראַצן האָט זי אויסגעשפּרייט צוואַנציק איבערבעטן.

דאָרטן האָט די פּרינצעסין געדאַרפט שלאָפן.

אין דער פרי האָט מען זי געפרעגט ווי אַזוי זי איז געשלאָפן.

„שרעקלעך שלעכט!" האָט די פּרינצעסין געזאָגט. „איך האָב כמעט די גאַנצע נאַכט נישט צוגעמאַכט קיין אויג. איין גאָט ווייסט וואָס עס איז דאָרטן געווען אין בעט! איך בין געלעגן אויף עפּעס האַרטס, אַזוי, אַז דער גאַנצער קערפּער איז מיר ברוין און בלוי — עס איז עפּעס שרעקלעכס!"

דעמאָלט האָבן זיי ערשט געקענט זען, אַז דאָס איז געווען אַן אמתע פּרינצעסין, זי האָט דאָך דורך די צוואַנציק מאַטראַצן און דורך די צוואַנציק איבערבעטן דערפילט אַן אַרבעסל. אַזאַ איידעלן קערפּער קאָן קיינער נישט האָבן סיידן אַן אמתע פּרינצעסין.

דער פּרינץ האָט חתונה געהאַט מיט איר, וואָרעם איצט האָט ער געוווּסט, אַז ער האָט געפונען אַן אמתע פּרינצעסין.

און דאָס אַרבעסל האָט מען אַוועקגעלייגט אין אַ קונסט־מוזיי, ווו מען קען עס נאָך איצטער זען — אויב עמעצער האָט עס נישט צוגענומען.

*

אין ניו־יאָרק וועט אין צענטראַל־פּאַרק אויפגעשטעלט ווערן אַ סטאַטוע פון האַנס קריסטיאַן אַנדערסען צו זיין 150־יאָריקן געבוירנטאָג. דער פּאַרק־קאָמישאָנער, ראָבערט מאָזעס, וואָס האָט אַ שם פאַר נישט דערלאָזן אויפשטעלן קיין שום נייע סטאַטועס אין די שטאָטישע פּאַרקן, האָט שוין געגעבן זיין הסכמה פאַר דער אַנדערסען־סטאַטוע. די סטאַטוע ווערט געמאַכט

פון דעם באַקאַנטן סקולפּטאָר געאָרג לאָבער, און וועט אויסזען לינקאָלן־מעסיק. די סטאַטוע וועט זיין זיבן פוס הויך, וועט קאָסטן פינף און זיבעציק טויזנט דאָלאַר און איז אַ מתנה פון דעם דעניש־אַמעריקאַנישן פרויען־פאַראיין. די אַנדערסען־סטאַטוע וועט אויך זיין באַצירט מיט איינע פון זיינע באַרימטע קינדער־מעשיות — „די מיאוסע קאַטשקע".

„טאָג־מאָרגען זשורנאַל" יולי 1953.

קאַרין מיכאַעליס

דאָס דענישע פאָלק און די גאַנצע ציוויליזירטע מענטשהייט באַערן איצט דעם אָנדענק פון דער באַרימטער דענישער שרייבערין, קאַרין מיכאַעליס. זי איז געשטאָרבן אין עלטער פון 77 יאָר.

קאַרין מיכאַעליס, די פאַרשטאָרבענע שרייבערין איז זייער באַרימט מחוץ די גרענעצן פון איר לאַנד. זי איז איינע פון די ליכטיקסטע פערזענ־לעכקייטן, וואָס דענעמאַרק האָט אַרויסגעגעבן.

אין 1939 איז קאַרין מיכאַעליס געקומען קיין אַמעריקע צום 15־טן מאָל. אין משך פון די היטלער־יאָרן האָט זי פון דאַנען אָנגעפירט אַן אומדערמידלעכן קאַמף קעגן „גרעסטן שונא פון דער מענטשהייט", ווי זי האָט גערופן די דייטשן. זי האָט געוועקט און געמוטיקט איר לאַנד דורך אָפטע ראַדיאָ־רעדעס קיין דענעמאַרק. זי פלעגט האָבן קאָנטאַקט מיט די דענישע מאַטראָזן און זיי אויפגעפאָדערט אַריינצוטרעטן אין דער ווידער־שטאַנד־אַרמיי און קעמפן ביז מען וועט פאַרטרייבן דעם שונא.

אין פעברואַר 1945 האָט דער שרייבער פון די שורות געהאַט אַ לענגערן שמועס מיט דער גרויסער שרייבערין און קעמפערין פאַר מענטשן־רעכט, קאַרין מיכאַעליס.

קאַרין מיכאַעליס' קאַמף צו פאַרניכטן די נאַציס איז פון באַזונדערער באַדייטונג, ווען מען איז באַקאַנט מיט דער אַרבעט פון דער דאָזיקער גרויסער הומאַניסטין. זי האָט בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה אָנגע־פירט אין אייראָפּע אַ פאַרצווייגטע הילפס־טעטיקייט, באַזונדערס צווישן יידישע פליטים.

זי האָט מיר געוויזן אַ פּיעסע, וואָס זי האָט אָנגעשריבן — אַ דראַמע וועגן די יידן אין דענעמאַרק אונטער דעם נאַצי־רעזשים. זי האָט געשילדערט אין דער דראַמע די טראַגעדיעס וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט בשעת די דענישע איינגעוואָרצלטע יידן פון דורות זענען, צוזאַמען מיט די רוסישע יידן, געצווונגען געווען אין משך פון געציילטע שעהען איבערצולאָזן אַלץ, און אין אין פינצטערע נעכט זיך אַוועקלאָזן אויף אומזיכערע שיפלעך אין דעם שכנותדיקן נייטראַלן לאַנד שוועדן. זי האָט געהאַט אַ שטאַרק געפיל פאַר יידן, האָט זי אַזוי טיף־רירנדיק איבערגעגעבן די דראַמעס פון יידישע משפחות אויף די שיפלעך, ווי מולטערס, אויף וועלכע די דייטשן האָבן כסדר געשאָסן. די העראָאישקייט און מסירת־נפש פון אַ סך דענער, בשעת זיי האָבן געראַטעוועט די זעקס טויזנט יידן. די אַכזריות פון די דייטשן און דעם טיפן בטחון און אמונה פון די יידן, אפילו אין אָנגעזיכט פון דער גרעסטער סכנה. זי איז געווען זיכער, אַז די דאָזיקע דראַמע וואָלט שטאַרק געהאָלפן, אַז אַמעריקע זאָל דערקענען דעם גאַנצן מהות פון די דייטשן. זי איז אַוועקגעפאָרן מיט דער דראַמע קיין האָליוווד און זיך געווענדט צו אַ באַוווּסטער פילם־קאָמפּאַניע, וואָס האָט יידישע דירעקטאָרן. זיי האָבן זי זייער פיין אויסגעהערט, אָבער צום סוף איר געלאָזט וויסן אַז זיי זענען נישט פאַראינטערעסירט אַריינצוברענגען אין דער קינאָ־אינדוסטריע יידישע דראַמעס.

בשעת די דייטשן האָבן פאַרכאַפּט דענעמאַרק האָבן די גרעסטע דענישע שרייבערס תיכף אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן נאַציזם. אַ דאַנק דעם האָבן זיי שטאַרק משפּיע געווען אויף דער באַפעלקערונג סיי גייסטיק, סיי מאָראַליש. אַ סך שרייבער האָבן אפילו אויסגעביטן זייערע פּענעס אויף ביקסן און אויפרייס־שטאָפן. עטלעכע יונגע דענישע שרייבערס זענען אויך דערמאָרדעט געוואָרן פון די דייטשן. קאַרין מיכאַעליס האָט מיר געוויזן די שריפטן פון אַ יונגן מאַטראָז, קום מאַלטעברון, וואָס איז נאָך נישט געווען קיין צוויי און צוואַנציק יאָר בעת די דייטשן האָבן אים דערמאָרדעט.

אין 1935 האָט קאַרין מיכאַעליס אָנגעשריבן אַ וווּנדערלעך קינדער־בוך „ביבי“, וואָס האָט אַרויסגערופן גרויס אָנזען. זי שרייבט דאָרט מיט אַ סך פאַרשטענדעניש און ליבשאַפט אויף וועגן יידישע קינדער מיט פאַר־חלומטע אויגן און גוטע נשמות, וואָס „ביבי“ באַגעגנט אויף איר וואַנדער־וועג.

*

קאַרין מיכאַעליס איז געבאָרן געוואָרן אין דענעמאַרק אין יאָר 1872. איר ערשטע דערציילונג האָט זי פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1898. פון דעמאָלט אָן האָט זי פאַרעפנטלעכט אַ סך גרעסערע נאָוועלן ווי „דאָס קינד און די מאַמע", „די יונגע פרוי", „זיבן שוועסטער", „די קליינע ליגנערקע", אָבער דאָס בוך וואָס האָט דער שרייבערין באַרימט געמאַכט, האָט זי פאַרעפנט־לעכט אין יאָר 1910 אונטערן טיטל „דער געפערלעכער עלטער". דאָס בוך האָט אַרויסגערופן אַ היפּשע סענסאַציע, הגם דאָס איז נישט געווען די כוונה פון דער שרייבערין. עס איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף עטלעכע און צוואַנציק שפּראַכן.

די העלדין פון דעם ווערק איז אַ פרוי אין די פערציקער, אַ פרוי וואָס טרעט אַרויס קעגן דעם אָנגענומענעם קאָנווענציאָנאַליזם. די שרייבערין שילדערט אירע אינטימע איבערלעבונגען, געפילן און געדאַנ־קען. איר בליק אויפן לעבן איז געווען אַ רעבעלירנדיקער און אַ געוואַגטער. זי האָט פאַרטיידיקט פּראָבע־חתונות, וואָס זאָלן דויערן עטלעכע וואָכן. איר שטאַנדפּונקט האָט אַרויסגערופן אַ סך אויפזען און דיסקוסיעס.

תּיכּף ווי די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט, איז זי אַוועקגעפאָרן צו איר באַליבט פאָטערלאַנד. דאָרט האָט זי פאַרגעזעצט שרייבן איר אויטאָביאָ־גראַפיע אויף אַן אייגנאַרטיקן, פאַנטאַסטישן אופן.

קאַרין מיכאַעליס איז געווען אין נאָענטער פריינטשאַפט מיט די גרעסטע גייסטער פון סקאַנדינאַוויע און פון אַנדערע לענדער, מיט איבסען, סטרינדבערג, גריג, רילקע, ביאָרנסאָן, ד'אליציא און אַנדערע.

זייער אַ טשיקאַוון אַנעקדאָט האָט קאַרין מיכאַעליס דערציילט בעת עס איז אין ניו־יאָרק געפייערט געוואָרן דער הונדערטיאָריקער יובילעי פון געאָרג בראַנדעס. ער פלעגט זיין די צענטראַלע פיגור אויף יעדן צוזאַמענ־קום פון שרייבער און קינסטלער. ער פלעגט אויך זיין דער הויפּט־רעדנער ביי אַלע צוזאַמענקונפטן. איין מאָל זענען געווען פאַרזאַמלט ביי אים אין דער היים אַ היפּשע צאָל שרייבער, קינסטלער, אַקטיאָרן און סתּם אָנגע־זעענע מענטשן. עס איז געווען צוליב עפּעס אַ יום־טובדיקער געלעגנהייט. ווי תּמיד איז געאָרג בראַנדעס געווען די צענטראַלע פיגור. ער האָט אין זיין שמועס אַרויסגעוויזן אַ סך ערודיציע, בקיאות און חריפות. און ווייל

דער עולם האָט הנאה געהאַט פון זיינע בליציקע געדאַנקען, האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט אוזורפירט דעם גאַנצן אָוונט פאַר זיך און קיינער האָט ממש נישט געקאָנט קומען צום וואָרט. פלוצלונג מאַכט ער צום גאַנצן פאַרזאַמלטן עולם:

— איך בין זייער אַ פאַרנומענער מענטש. איך האַלט אין מיטן שרייבן אַ ריי ווערק. איך בין שוין אויך אַן עלטערער מענטש און איר וועט מיר מוחל זיין, וואָס איך מוז זיך צוריקציען פון אייער געזעלשאַפט.

און ער איז אַרויס פון צימער. דער פאַרזאַמלטער עולם האָט זיך טאַקע געפילט שטאַרק באַליידיקט, אָבער אַלע האָבן געקענט זיינע קאַפריזן און מען האָט אים באַלד מוחל געווען.

מען פאַרגלייכט קאַרין מיכאַעליס גאַנץ אָפט צו האַנס קריסטיאַן אַנדערסען. עס איז פאַראַן אין איר שרייבן יענע טיפע און נאַאיווע פשטות, וואָס איז עכט פאָעטיש, באַזונדערס אין אירע אויטאָביאָגראַפישע און קינדער־ביכער. פונקט ווי האַנס קריסטיאַן אַנדערסען, האָט זי ליב געהאַט קינדער, פייגל און בלומען. זי האָט נישט געקענט פאַרטראָגן קיין שלעכטס. זי האָט געמאַכט גאָר אָפטע נסיעות. אין אַמעריקע איז זי געווען אַ סך מאָל. אומעטום איז זי געווען אין דער היים. איר פאַרמעגן, וואָס זי האָט געקראָגן פון אירע ביכער און אַקציעס, האָט זי אויסגעגעבן אויף צו העלפן אָרעמע און היימלאָזע. זי האָט געשריבן זייער גיך. אַזוי גיך, ווי זי האָט געקראָגן אַן אידעע, האָט זי געקאָנט אָנשרייבן אַ ראָמאַן, צי אַ שפּיל.

אין יאָר 1901, ווען זי איז קוים דריי יאָר געווען אַ שרייבערין, האָט זי אָנגעשריבן צוויי ראָמאַנען, „דאָס קינד" און „די מאַמעשי", וואָס ביידע ביכער זענען תיכף איבערזעצט געוואָרן אויף דרייצן שפּראַכן. איר בוך „דער געפערלעכער עלטער", וואָס מיר האָבן פריער דערמאָנט, איז אפילו איבערגעזעצט געוואָרן אויף יאַפּאַנעזיש. הגם דאָס בוך האָט נישט קיין גרויסן ליטעראַרישן ווערט, פון דעסטוועגן האָט עס אַרויסגערופן פיל אויפמערקזאַמקייט פון קאָפּענהאַגען ביז מאָסקווע און פון סאַן־פראַנציסקאָ ביז טאָקיאָ.

עס האַנדלט זיך וועגן דעם עראָטישן קריזיס, וואָס טרעט אַריין אין דעם לעבן פון דער פרוי אין די פערציקער יאָרן, בעת דער אַזוי גערופענער פיזיאָלאָגישער איבערגאַנגס־צייט. ביז דעמאָלט האָט מען זיך נישט געקאָנט מאָלן, אַז אַזאַ טעמע זאָל ווערן ליטעראַרישער שטאָף. די פערציק־

יאָריקע איז מער נישט באַטראַכט געוואָרן, ווי אַ פרוי. מען האָט געקוקט אויף איר ווי בלויז אויף אַ הויז־פרוי און מוטער. אירע עראָטישע געפילן האָבן געְרוט אין דער טונקלקייט, און די דענישע דיכטערין האָט דאָס צום ערשטן מאָל אַרויסגענומען אויף דער ליכט. זי האָט דורכגעבראָכן אין דער נאַטוראַליסטישער נאָוועלע אַ וועג פאַר אַ טעמע, וואָס בלויז די מעדיצין און דאָקטוירים האָבן זיך ביז דעמאָלט מיט איר באַשעפטיקט. איר בוך איז דעריבער דיסקוטירט געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט.

פאַרשטייט זיך, אַז אַ סך שרייבער האָבן איר שפּעטער געפּרוּווט נאָכטאָן.

קאַרין מיכאַעליס איז שטאַרק באַליבט געווען ווי אַ מענטש.

„אַ האַרץ”, האָט זי געשריבן, „איז אַ סך קליגער ווי אַ מוח. עס ווייסט אַלצדינג פון זיך אַליין”. און דאָס איז ווי אַנגעמאָסטן אויף איר קונסט. זי האָט אירע ביכער געשריבן, קודם כל, מיט האַרץ.

יידישע מאָטיוון ביי מאיר אהרן גאָלדשמידט, עדוואַרד בראַנדעס און געאָרג בראַנדעס

בלויז געציילטע דענישע שרייבער האָבן באַקומען אַ וועלט־נאָמען. זיי זענען: דער באַרימטער שרייבער פון קינדער־מעשהלעך האַנס קריסטיאַן אַנדערסען, דער רעליגיעזער פילאָזאָף סוירען קירקעגאַרד און דער דעניש־יידישער ליטעראַטור־קריטיקער געאָרג בראַנדעס. ליבהאָבער פון ליטע־ראַטור קענען אויך די שריפטשטעלער גרונטוויג, עלענשלעגער, י. פּ. יאַקאָבסען און מאיר אהרן גאָלדשמידט. זיי אַלע געהערן צו די שרייבער פון ניינצנטן יאָרהונדערט און זייער ליטעראַרישע השפּעה האָט דערגרייכט איבער די גרענעצן פון סקאַנדינאַוויע.

צווישן די דענישע שרייבער פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט זענען פאַראַן בלויז צוויי אינטערנאַציאָנאַל־באַרימטע נעמען. זיי זענען מאַרטין אַנדערסען־נעקסע, דער מחבר פון די פּראָלעטאַרישע נאָוועלן „פּעלע דער

זיגער" און "דיטע מענטשנקינד", וואָס זענען די רעפּרעזענטאַטיוועסטע נאָוועלן פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם און יאָהאַנעס וו. יענסען — אַ דאַרוויניסטישער עוואָלוציאָניסט. זיין פאַרשיידנאַרטיקער טאַלאַנט האָט זיך אויסגעדריקט ווי אַ נאָוועליסט, לירישער פּאָעט, מחבר פון קורצע דערציילונגען און עסייאיסט. אין יאָר 1944 האָט יאָהאַנעס וו. יענסען געקראָגן דעם נאָבעל־פּריז פאַר ליטעראַטור. זיי בײדע זענען געווען די אָנגעזעענסטע שעפער פון דער איצטיקער דענישער ליטעראַטור. זיי זענען געשטאָרבן מיט עטלעכע יאָר צוריק אין די הויכע אַכציקער. הגם מאַרטין אַנדערסען־נעקסע איז זינט דעם אויפקום פון באָלשעוויזם געווען אידעאיש גאָר נאָענט צום קאָמוניזם, האָט מען אים אָבער רעספּעקטירט אין גאַנץ סקאַנדינאַוויע. געשטאָרבן איז נעקסע ווי אַ פרומער קריסט, מיט אַ גלח ביי דער זייט.

די צוויי דעניש־יידישע שרייבער, דער פּאָעט הענריק הערץ און דער פּראָזע־מייסטער מאיר אהרן גאָלדשמידט פאַרנעמען אַ גרויס אָרט אין דער דענישער ליטעראַטור. די דאָזיקע צוויי שרייבער האָבן זיך באַוויזן נאָך דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וואָס האָט פּראָקלאַמירט מענטשן־רעכט און געוועקט אומעטום אַ שטרעבן צו עמאַנציפּאַציע.

הענריק הערץ (געבוירן אין 1799, געשטאָרבן דעם 25טן פעברואַר, 1870), האָט באַהאַלטן זיין יידישע אָפּשטאַמונג, כּדי צו ווייזן דעם באַפרייער זיין דאַנקבאַרקייט. צום סוף האָט ער זיך גאָר אָפּגעשמדט. ער ווערט גערעכנט פאַר דעם אָנגעזעענסטן פּאָעט פון יענער צייט. ער איז ווייך און רייצנדיק אין זיינע ווערק. ער שרייבט נאַציאָנאַלע דענישע לידער; ער טרעט אויף ווי אַ פאָלקאָמער דענער אין אַלע זיינע פּאָעטישע שאַפונגען, פּונקט ווי קיין טראָפּן יידיש בלוט וואָלט נישט געפלאָסן אין זיינע אָדערן.

געאָרג בראַנדעס שרייבט וועגן אים:

„עס איז מיאוס פון אַ שרייבער ווי הענריק הערץ, וואָס איז געבוירן געוואָרן אַ ייד, אַזוי אויסצומיידן דאָס באַהאַנדלען יידישע טעמעס אָדער יידישע העלדן און אַפילו נישט דערמאָנען קיין יידישע נעמען, ווי עס וואָלט געפעס אַ חרפּה געווען צו זיין אַ ייד. נישט איין אַקאָרד איז צוליב דעם פאַרלוירן געגאַנגען פון זיין לירע".

מאיר אהרן גאָלדשמידט איז שטורמיש און באַקלאָגנדיק אין דער דענישער ליטעראַטור. אין זיין נשמה שפּיגלט זיך אָפּ דער אומרו, די



בענקשאַפט פון יידישן פאָלק. דערפאַר איז ער געווען איינזאַם אין זיין לעבן, אין זיין שאַפן; דערפאַר איז ער געווען אַ היימלאָזער אין זיין לאַנד. די באַפרייאונג האָט זיך אים אויסגעוויזן גיכער ווי אַ חסד, איידער אַן אינער־לעכער געפיל פון רעכט און יושר.

ביי דריי געלעגנהייטן האָט געאָרג בראַנדעס געשריבן וועגן מאיר אהרן גאָלדשמידט. דאָס לעצטע מאָל — אַ טאָג נאָך מאיר אהרן גאָלד־שמידטס טויט, דעם 16טן אויגוסט, 1887. צו אים האָט גאָר געאָרג בראַנדעס געהאַט טענות, הלמאי ער קאָקעטירט צופיל מיט די יידישע טעמעס, מיט דעם יידישן לעבנסשטייגער און דעמאָנסטרירט צו פיל זיין יידישן געמיט און יידישן וועזן. דאָך האָט בראַנדעס באַטראַכט מאיר אהרן גאָלדשמידטן פאַר אַ גרויסן קינסטלער, וואָס האָט אַ סך באַרייכערט די דענישע ליטע־ראַטור, אויך אַ דאַנק די יידיש־דענישע טעמעס און קאָנפליקטן. בראַנדעס האָט געשריבן: „אין מאיר אהרן גאָלדשמידטס נאָוועלן געפינט זיך נישט קיין איין און איינציקע פאָרמלאָזע שורה. אַזאַ גרויסער סטיליסט איז ער". און געאָרג בראַנדעס איז געווען גאַנץ פאָרזיכטיק מיט זיינע קריטישע אַנאַליזן. אָבער ער האָט נישט געוואָלט, אַז דער דאָזיקער גרויסער פּראָזע־מייסטער זאָל אַזוי פיל עקספּלואַטירן אין זיינע ווערק יידישע העלדן, יידישע טיפּן, יידישן יום־טוב, יידישן לעבנס־שטייגער און יידישן געמיט־צושטאַנד. בראַנדעס האָט אין דעם געזען צופיל געקינצלטקייט, דעמאָנסטראַציע און מאַניפעסטאַציע, שיער נישט עקסהיביציאָניזם.

געאָרג בראַנדעס איז אין יענער צייט, אין 1887, געווען דער אָפּגאָט נישט נאָר פון דער דענישער אינטעליגענץ, נאָר טיילווייז אויך פון דער אייראָפּעאישער. דענישער סטודענטן פלעגן אים באַגעגענען מיט פאַקלען, דעם „פּראָמעטעאוס", וואָס האָט געבראַכט ליכט און קולטור אין זיין לאַנד, דענעמאַרק. ווי אַזוי זשע האָט ער געקאָנט אויפטרעטן ווי אַ ייד? דאָס וואָלט דאָך געמיינט חלילה זיך צו איזאָלירן און באַגרענעצן, בשעת זיין טענדענץ איז געווען גייסטיקע עקספּאַנסיע.

אָבער מאיר אהרן גאָלדשמידט (וואָס האָט געלעבט אין דער אייגענער דענישער סביבה, נאָר מיט צוויי־דריי צענדליק יאָר פריער) האָט אויסגע־קליבן פאַר זיין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט און דערנאָך פאַר זיין ליטעראַרישן שאַפן דעם טאָפּל־שווערן און אומדערשראָקענעם וועג. לכתחילה האָט ער געקעמפט מיט יוגנטלעכער ליידנשאַפט קעגן דער

פּאָליטישער רעאַקציע פון זיין לאַנד און דעם עקאָנאָמישן יאָך פון די אָרעמע פאָלקס־מאַסן. דערנאָך האָט גאָלדשמידט אַריינגעבראַכט אין דער דענישער ליטעראַטור יידישע טענער, יידישע טעמעס, און געשילדערט יידישע טיפּן און קאָנפליקטן מיט אַזאַ קינסטלערישער דערהויבנקייט, אַז ער האָט באַלד געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון גאַנצן לאַנד.

זיין גרעסט ווערק איז „אַ ייד". דאָס ערשטע יידישע בוך אין דענעמאַרק און אין גאַנץ סקאַנדינאַוויע, וואָס איז נישט נאָר געשריבן געוואָרן פון אַ יידן, נאָר אויך דורכגעלעבט פון אַ יידישער נשמה. אין בוך ווערן געשילדערט די קינדער־יאָרן פון דעם יונגן יידן, יאַקאָב בענדיקסען אין אַ קליינער, ענגער דענישער פּראָווינץ־שטאָט, די יינגלשע יאָרן אין דער הויפּטשטאָט פון לאַנד, די שטורעם־ און קאַמף־יאָרן פון דעם יוגנטלעכן יאַקאָב בענדיקסען אין דער היים און אויף נסיעות. דאָס בוך פאַרענדיקט זיך מיט די טרויעריקע ווערטער, וואָס אַ פריינד זיינער זאָגט אויף זיין קבר: ער האָט געגלויבט אין דער אייביקער פּאָעזיע און אין תחית המתים.

„אַ ייד" איז אַ ליבע־דערקלערונג צו דער יידישער היים, צום יידישן שטאַם און צו דער יידישער נאַטור. עס שטראָמט דורך דעם ווערק אַ האָפענונגסלאָזער געפיל פון פאַרלוירנקייט און פאַרלאָזנקייט און פון פריי־אַרויסגערופענער איינזאַמקייט. דאָס בוך איז געשריבן געוואָרן אין אַ צייט, וואָס זיין אַ ייד האָט אויך געמיינט אַ קאַמף קעגן דער אייגענער יידישער געזעלשאַפט.

שרייבט העגרי נאַטאַנסען, וואָס איז אַליין געווען אַ פילבאַרער יידישער שרייבער, הגם ער האָט געשריבן בלויז אויף דעניש (די נאַציס האָבן אים אומגעבראַכט אין יאָר 1943): „אין דער צייט פון מאיר אהרן גאָלדשמידט האָט צו זיין אַ ייד געמיינט — אָדער באַהאַלטן זיין אָפּשטאַם אָדער זיך אָפּזאָגן פון יידישער קרובהשאַפט".

דאָס בוך „אַ ייד" איז אַ קלאָג־ליד איבער די יידישע ליידן און יידישן גורל. דאָס איז אַ מענטשלעכער און דיכטערישער דאָקומענט פון העכסטן ווערט, אַ געטריי הארץ אין מיטן פון היימלאָזיקייט און גלות; אַן אומרואיקע נשמה, וואָס קען נישט געפינען קיין רו און דערפאַר מוז זי שטאַרבן, צעשפּאָלטן און צעשפּליטערט פון דער סביבה, ווו זי באַגעגנט כסדר קעלט און אומפאַרשטענדעניש.

הגם דער דאָזיקער ראָמאַן, „אַ ייד" באַהאַנדלט אַזוי אָפן, דערפאַר אַזוי

עכט, „דאָס יידישע וועזן״, האָט עס בשום אופן נישט געשטערט, אַז מאיר אהרן גאָלדשמידט זאָל אַריינגענומען ווערן אין דעם פּאַנטעאָן פון דער דענישער, קלאַסישער ליטעראַטור.

דער שרייבער פון די שורות איז געווען אין קאָפּענהאַגען אין דער צייט ווען עס איז דאָרט געפייערט געוואָרן דער הונדערט־יאָריקער געבוירנטאָג פון מאיר גאָלדשמידט. דאָס איז געווען אין אָקטאָבער, 1919. דאָס דענישע פאָלק האָט געפייערט מאיר אהרן גאָלדשמידטס הונדערט־יאָריקן געבוירנטאָג אויף אַ נאַציאָנאַלן שטייגער. אויפן חשבון פון דער רעגירונג זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן זיינע געזאַמלטע ווערק אין אַ פּרעכטיקער אויסגאַבע. עס זענען אויך דערשינען עטלעכע ביכער מיט אָפּשאַצונגען וועגן זיינע ווערק, זיין לעבן און טעטיקייט. מ. א. גאָלדשמידטס איינציקער שוישפּיל איז געשפּילט געוואָרן אין קאָפּענהאַגענער קעניגלעכן טעאַטער פאַר אַ יום־טובדיק געקליידטן עולם. זיין ביוסט איז געשטאַנען אויף דער בינע, און דער עולם, די אָנגעזעענסטע דענישע אינטעליגענץ, האָט שטייענדיק אויסגעהערט דעם הספד. אַ פּרעכטיקע סטאַטוע פון מאיר אהרן גאָלדשמידטן איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין דער שענסטער געגנט פון קאָפּענהאַגען (נישט ווייט פון דעם אָרט ווו ער האָט געוווינט אויף דער עלטער). אויף דער סטאַטוע איז אויסגעקריצט אַ מנורה.

די דענישע יידן, וואָס האָבן אים נישט ליב געהאַט צוליב זיין כסדר־דיקער „מאַניפעסטאַציע פון דער יידישער נשמה און יידישן וועזן״, האָבן אויך געביטן זייער באַציונג. די דעניש־יידישע „צייטשריפט פאַר יידישער געשיכטע און ליטעראַטור״, האָט אַוועקגעגעבן אַ סך פּלאַץ פאַר גאָלד־שמידט־פאָרשונג. באַזונדערס האָבן דאָס געטאָן יוליוס סאַלאָמאָן, דער רעדאַקטאָר פון דער דערמאָנטער שריפט און פּראָפעסאָר דוד סימאָנסען, דער יידישער עסקן, אָריענטאַליסט און אויבער־ראַבינער פון דענעמאַרק.

מאיר אהרן גאָלדשמידטס ראָמאַן „אַ ייד״ און זיינע אַנדערע נאָוועלן אויף יידישע טעמעס, האָבן אַרויסגערופן ביי די דענישע יידן גרויס פאַרבי־טערונג, נישט בלויז דערפאַר, וואָס דער יידיש־נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין איז דאָרט געקומען צום אויסדרוק. היות ווי גאָלדשמידט האָט, ווי אַן אמתער רעאַליסט און קינסטלער, געשילדערט די יידן מיט אַלע זייערע מעלות און אויך חסרונות, האָט זיך די ביטערקייט מצד די דענישע יידן נאָך מער פאַרשטאַרקט.

געבוירן איז מאיר אהרן גאָלדשמידט דעם 26טן אָקטאָבער, 1819 אין דעם קליינעם דענישן שטעטל וואָרינגבאָרג, אין דעם זעלבן יאָר און חודש, ווען ס׳איז אין דענעמאַרק פאָרגעקומען אַ פּאָגראָם אויף יידן אין אַ קליינעם מאַסשטאַב, נישט געקוקט דערויף וואָס נאָך אין יאָר 1814 האָט דער דענישער קעניג, פרעדעריק דער זעקסטער, געגעבן די יידן אין דענעמאַרק פולע גלייכבאַרעכטיקונג. די דענישע רעגירונג האָט אָנגעווענדט אַלע מיטלען אונטערצודריקן דעם פּאָגראָם און אַכטונג געבן, אַז ער זאָל זיך מער נישט איבערחזרן.

צו זעקס יאָר פאַרלאָזט ער דאָס פּראָווינץ־שטעטל און קומט אין דער הויפּטשטאָט פון לאַנד, קאָפּענהאַגען, ווו ער טרעט אַריין אין אַ דענישער שול. מאיר אהרן גאָלדשמידטס עלטערן זענען געווען פרומע, ערלעכע יידן (דער פאָטער איז געווען אַ סוחר) און געהאָפט, אַז זייער זון וועט ווערן אַ דאָקטער. צוליב דעם וואָס דער יונגער גאָלדשמידט האָט צום איינטריט־עקזאַמען פון אוניווערסיטעט נישט געוואָלט ענטפערן אויף פראַגעס פון רעליגיע, ווייל לויט דער קאָנסטיטוציע פון לאַנד, האָט מען אַ יידן נישט געדאַרפט עקזאַמינירן אין קאַטעכיזם, איז ער דורכגעפאַלן. דאָס האָט געהאַט אַ דעצידירנדיקע ווירקונג אויף זיין געמיט.

ווען ער איז אַלט געווען אַכצן יאָר האָט ער אַרויסגעגעבן אַ דענישע צייטשריפט, אָבער צוליב דעם וואָס ער האָט דאָרט פאַרעפנטלעכט עטלעכע שאַרפע אַרטיקלען קעגן דער רעגירונג, ווערט ער פאַרמשפּט צו אַ געלט־שטראָף און צו זיין אַ יאָר אונטער צענזור.

אין יאָר 1840, בעת גאָלדשמידט איז אַלט געווען בלויז 21 יאָר, האָט ער געגרינדעט די ערשטע פּאָליטישע צייטשריפט נישט בלויז אין דענע־מאַרק, נאָר אין גאַנץ סקאַנדינאַוויע. די אידעע פון זיין צייטשריפט איז געווען דער אידעאַליסטישער סאָציאַליזם. גאָלדשמידט איז אין זיין צייט־שריפט געשטאַנען אין קאַמף קעגן אַלעמען און אַלע קעגן אים. ער האָט נישט דורכגעלאָזט קיין איינציקע געשעעניש, פּאָליטישע, ליטעראַרישע, געזעל־שאַפטלעכע, וואָס ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זי איז פאַלש און שעדלעך, אַז ער זאָל זי נישט אָנגרייפן. די דאָזיקע אָנגריפן זענען געווען בייסיק און שאַרף. זיי האָבן געצויגן די אויפמערקזאַמקייט אין אַלע שיכטן פון לאַנד. ער האָט אָנגעפירט אַ קאַמף קעגן די באַרימטסטע פערזענלעכקייטן פון דענעמאַרק צוליב זייער פּראָווינציאַליזם, און באַזונדערס קעגן דעם גרויסן

דענישן רעליגיעזן דענקער, סוירען קירקעגאָרד. אָבער צום שטאַרקסטן האָט ער, נאַטירלעך אָנגעגריפּן די רעאַקציאָנערע רעגירונגס־פּאָרעם פון זיין לאַנד. כמעט יעדן צווייטן נומער פלעגט מען קאָנפיסקירן. מען האָט אים אפילו עטלעכע מאָל פאַרמשפּט צו תפיסה אויף ברויט און וואַסער און ענדלעך איז ער פאַרמשפּט געוואָרן צו זיין לעבנסלענגלעך אונטער צענזור. אָבער אַזוי ווי אין יאָר 1848 איז אָפּגעשאַפט געוואָרן אין דענעמאַרק די צענזור און עס איז איינגעפירט געוואָרן פרייע פּרעסע, איז במילא בטל געוואָרן די שטראָף. מאיר אהרן גאָלדשמידט ווערט דעריבער אויך באַטראַכט ווי דער פאַרקעמפער פאַר פרייער פּרעסע אין דענעמאַרק.

דעם ראָמאַן „אַ ייד" האָט מאיר אהרן גאָלדשמידט אָנגעשריבן ווען ער איז געווען זעקס און צוואַנציק יאָר. אַזוי גיך ווי ער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן, איז ער תיכף אָנערקענט געוואָרן פון דער גאַנצער קריטיק ווי איינס פון די גרעסטע ווערק פון דער דענישער ליטעראַטור. אפילו זיינע פּאָליטישע קעגנער האָבן געהאַט בלויז לויבווערטער פאַרן דאָזיקן ראָמאַן. נאָכן אָנשרייבן דאָס דאָזיקע ווערק, האָט ער געהאַט אַ געפיל ווי ער וואָלט זיך באַפרייט פון אַ שווערער משא.

זיין בוך איז, אין אַ געוויסער מאָס, אויך געווען אַן אָנקלאַגע קעגן דער דענישער געזעלשאַפט. כאָטש די יידן אין דענעמאַרק האָבן שוין דעמאָלט געהאַט גלייכבאַרעכטיקונג, פון דעסטוועגן האָט מען זיי נישט באַהאַנדלט ווי גלייכע, מיט אַלע דענישע בירגער. דער עיקר האָט זיך דאָס געפילט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן.

די סיבה, וואָס האָט גורם געווען, אַז ער זאָל אָנשרייבן דאָס בוך „אַ ייד" איז געווען אַזאַ: מאיר אהרן גאָלדשמידט איז געווען אַ זעלנער אין דער דענישער אַרמיי. ער האָט זיך, פאַרשטייט זיך, געפילט, אין אַלע פּרטים, ווי אַ גלייכער מיט זיינע קריסטלעכע חברים־סאָלדאַטן. ער איז שוין דעמאָלט אַרויסגעטראָטן מיט פּאָליטישע מאַמרים און ליטעראַרישע עסייען און איז געווען אַ סך מער באַהאַוונט אין דער פּאָליטיק און ליטע־ראַטור פון זיין לאַנד, ווי ס'רוב פון זיינע חברים־סאָלדאַטן. מען האָט דעמאָלט גראָד געשיקט זיין אָפּטיילונג קיין יוטלאַנד. די סאָלדאַטן זיינען איינגעשטאַנען אין פּריוואַטע דענישע היימען. אָבער אים, מאיר אהרן גאָלדשמידטן, האָט מען געשיקט צו דעם איין און איינציקן ייד, וואָס האָט געוווינט אין יוטלאַנד, אַז ער זאָל דאָרטן איינשטיין. דאָס האָט שטאַרק

געווירקט אויף דעם זייער־סענסיטיוון יונגן גאָלדשמידט. ער האָט זיך געשטעלט די פראַגע: מיט וואָס בין איך אַנדערש פון מיינע קריסטלעכע חברים־סאָלדאַטן? פאַר וואָס האָט מען מיך אויסגעטיילט פון אַלע אַנדערע? זיכער נישט דערפאַר כדי איך זאָל אָפּהיטן כשרות! און ער האָט נאָך אין דער זעלביקער נאַכט פּיבערהאַפט זיך געזעצט שרייבן דאָס בוך „אַ ייד".

נאָך דעם ווי ער האָט פאַרעפנטלעכט דעם ראָמאַן, האָט ער פאַרלאָזט דענעמאַרק, זיך אַ צייט לאַנג אויפגעהאַלטן אין האַמבורג, לייפּציג, ווענעדיק און רוים. אומעטום האָט ער זיך באַקענט מיט די פירנדיקע גייסטער פון זיין צייט. ווען ער איז צוריקגעקומען קיין דענעמאַרק האָט ער ווידער געגרינדעט אַ צייטשריפט „צפון און דרום", וווּ ער האָט רעאַגירט אויף אַלע דערשיינונגען פון דעם דעמאָלטיקן גייסטיקן לעבן.

אין דער הקדמה צו דער צווייטער אויפלאַגע פון „אַ ייד" שרייבט גאָלדשמידט: „ווען עמעצער מיינט, אַז איצטער, נאָך דעם יאָר 1849, ווען יידן האָבן אין דענעמאַרק געקראָגן פולשטענדיקע גלייכבאַרעכטיקונג, איז דער ,יידישער שטאָף' פון מיין ראָמאַן פאַרעלטערט, מאַכט ער אַ טעות. די פאָלקסשטימונגען און אינסטינקטן האָבן זיך ליידער נישט געענדערט".

פאַר יידישע שפּראַך־פאָרשער האָט דער ראָמאַן „אַ ייד", פּונקט ווי זיינע אַנדערע יידישע דערציילונגען, נאָוועלן און ראָמאַנען, גאָר אַ באַזונ־דערע באַדייטונג. דאָרטן געפינען זיך טויזנטער יידישע ווערטער און אויס־דרוקן. די יידישע און העברעאישע ווערטער זענען געדרוקט אין אַלע אויסגאַבעס מיט דער לאַטיינישער טראַנסקריפּציע, דערביי ווערט אָנגעגעבן דער טייטש פון די ווערטער, אָפט מאָל פון גאַנצע פּסוקים, אויף דעניש. אין גאָלדשמידטס צייט האָט מען נאָך אין די סקאַנדינאַווישע לענדער גערעדט טיילווייז יידיש.

נאָך איידער גאָלדשמידט האָט צום ערשטן מאָל פאַרלאָזט דענעמאַרק, האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ ריי מייסטערהאַפטע דערציילונגען, ווי למשל: „זכרונות פון מיין פאָטערס הויז", „דער בויפלאַץ", „מעשר" און זיין שיינע דערציילונג „אהרן און אסתר", וווּ ער ווייזט אַרויס אַ ליבע צום יידישן פאָלק, צו די יידישע מנהגים, אמונה און דינים.

גאָלדשמידט האָט אין זיינע דערציילונגען און ראָמאַנען קיין מאָל נישט געשילדערט פּערזאָנען אין זייער אויסערלעכן אויסזען, אָבער דורך

אינערלעכער כאַראַקטעריסטיק האָט ער תמיד פאַרקערפערט אויך „דאָס דרויסנדיקע".

אין יאָר 1863 האָט זיך גאָלדשמידט אין גאַנצן צוריקגעצויגן פון פּאָליטיק און זיך נאָר אָפּגעגעבן מיט ליטעראַרישע אַרבעטן. ער פאַרעפנטלעכט דעם ערשטן היסטאָרישן ראָמאַן אין דענעמאַרק „היימלאָז", און אַ ריי קלענערע נאָוועלן און דערציילונגען, ווי: „דערציילונגען און ראָמאַנען", „ליבעס־געשיכטעס פון אַ סך מדינות", „ארווינג" און זיין גרויסע יידישע דערציילונג „אברהמל נאַכטיגאַל".

„היימלאָז" איז אַ דערציילונג, וואָס שילדערט דעם גייסטיקן און אינערלעכן וווּקס פון אַ פּאָעטיש־באַגאַבטן מענטשן, און „ארווינג" איז אַ דערציילונג וועגן אַ מענטשן, וואָס האָט געזוכט אַן אידעאַלע געזעל־שאַפט און דעם זין פון לעבן. אין דער דערמאָנטער דערציילונג „ארווינג" זאָגט גאָלדשמידט: „אַ מענטש איז וועזן, וואָס שטאַרבט אויף אַזאַ אופן, אַז ער זאָל אויפשטיין תחית המתים, אַז זיין נשמה זאָל זיין אומשטערבלעך". דאָס איז פּאַקטיש געווען גאָלדשמידט שטרעבן — צו זיין אַ מענטש, צו זיין אַן עטישע פּערזענלעכקייט.

אויף איין אָרט זאָגט געאָרג בראַנדעס וועגן אים: „מאיר אהרן גאָלדשמידט איז געווען אַן ערלעכער און אויפריכטיקער זוכער פון אמת און פאַר אים, דעם סובטילן דיכטער, איז שיינקייט אַ פאָרעם פון אמת".

אויף די עלטערע יאָרן איז גאָלדשמידט באַהערשט געוואָרן פון אַ ראָמאַנטישער מיסטיק. דאָס איז געווען אַ פּועל־יוצא פון די שטימונגען פון זיין געמיט און נשמה נאָך פון זיין פריסטער יוגנט אָן. אין די לעצטע צוואַנציק יאָר פון זיין לעבן האָט זיך מאיר אהרן גאָלדשמידט כסדר באַשעפטיקט מיט דער נעמעסיס־אידעע: פאַראַן עפּעס אינעם לעבן פון דעם מענטשן, וואָס וואַכט און רעגירט איבער אַלצדינג. עס איז זייער סימפּטאָמאַטיש ווי אַזוי גאָלדשמידט האָט געשאַפן זיינע געניאַלע דערציילונגען, נאָך דעם ווי דער נעמעסיס־געדאַנק האָט אים אין גאַנצן באַהערשט.

זיין באַרימטע דערציילונג — „כמעט אַ זשעני" (וואָס שילדערט ווי אַזוי אַ טיף־צאַרטע נשמה ווערט אַ פיש־הענדלער) האָט ער געשאַפן אויף אַזאַ אופן: בשעת ער איז געגאַנגען אויף זיין טעגלעכן שפּאַציר, האָט ער באַגעגנט אַ פיש־הענדלער, וואָס איז געשטאַנען לעבן אַ וועגעלע פיש

און געשריען: אַל! אַל! (אַ מין לאַנגער, דינער פיש). אין מיטן שרייען — „אַל", האָט זיך זיין קול איבערגעריסן.

מאיר אהרן גאָלדשמידט האָט זיך נישט געקענט באַפרייען פון דעם דאָזיקן קלאַנג „אַל" ביז וואַנען די מעשה איז פאַרטיק געוואָרן.

די דערציילונג „מענדל הערץ", האָט ער אָנגעשריבן אויף דעם אופן: אין זיין געבוירן־טאָג איז גאָלדשמידט געזעסן איינער אַליין אין אַ געדריקטער שטימונג. פּלוצלונג האָט ער געקראָגן פון אַ פריינד אַ פריידיקן בריוו. אין דעם אייגענעם אָוונט האָט ער אָנגעשריבן די דערציילונג. אַזוי אַרום האָט ער געשאַפן אַ סך אַנדערע דערציילונגען, וואָס ווערן באַטראַכט פאַר קונסט־ווערק.

ווען מען לייענט מאיר אהרן גאָלדשמידטס ווערק, קען זיך אויסדוכטן, אַז בלויז אויף דער פאָרעם אַליין האָט דער דיכטער געדאַרפט אַרבעטן זייער אַ סך, ער האָט געדאַרפט אַ סך פיילן, בכדי אַרויסצוקריגן אַזאַ סטיל. און דאָך איז עס אַ פאַקט, אַז מאיר אהרן גאָלדשמידט האָט קיין מאָל נישט איבערגעשריבן זיינע דערציילונגען, ראָמאַנען און עסייען.

געאָרג בראַנדעס שטעלט זיך שטאַרק אָפּ אויף דעם דאָזיקן גאָלד־שמידט־פענאָמען, שרייבנדיק וועגן זיין פּראַכטפולן סטיל.

*

וועגן מאיר אהרן גאָלדשמידטס יידישקייט, ווי מיר האָבן געזען, קען נישט זיין קיין שקלא וטריא. האָט ער דאָך אָנגעהויבן זיין אויטאָביאָגראַפיע אויף אַזאַ נאַטירלעכן יידישן שטייגער, הגם ער האָט געשריבן אויף דעניש, — „איך שטאַם פון שבט לוי". דאָס קען נישט געזאָגט ווערן וועגן די ברידער געאָרג און עדוואַרד בראַנדעס.

עדוואַרד בראַנדעס, וואָס איז געווען מיט עטלעכע יאָר יינגער פון זיין ברודער, געאָרג, האָט פאַרנומען גאַר אַ באַדייטנדיק אָרט אין דעם גייסטיקן און פּאָליטישן לעבן פון זיין לאַנד. בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז עדוואַרד בראַנדעס געווען דער פינאַנץ־מיניסטער און געפירט דאָס נייטראַלע דענעמאַרק דורך אירע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע קריזיס־יאָרן.

עדוואַרד בראַנדעס איז אויך געווען אַן אָנגעזעענער עסייאיסט און פּובליציסט (ער פלעגט בלויז שרייבן פון צייט צו צייט), וואָס יעדע עסיי

זיינע אין דער ליבעראַלער צייטונג „פּאָליטיקען" האָט געוועקט אויפמערקזאַמקייט אין גאַנץ סקאַנדינאַוויע. באַזונדערס צוליב דער באַהאַוונטקייט אין די ענינים, וואָס ער פלעגט באַרירן און צוליב זיין עלאָקווענטן סטיל און שאַרפזין.

עדוואַרד בראַנדעס איז אויך געווען אַ גרויסער קענער פון טעאַטער און אַליין געשריבן אַ סך טעאַטער־שפּילן. איין פּיעסע זיינע — „מאַכמעד" האָט פּאַר' אונדז גאָר אַ גרויסע באַדייטונג. דאָרט ווערט געשילדערט מיט אַ סך ערודיציע און מיט שפּאַנונג דער אויפקום פון איסלאַם און מאַכמעדס באַציאונג צו יידן און יידישער אמונה. טראַגיש און דראַמאַטיש־רירנדיק זענען די סצענעס פון קידוש־השם פון דער קליינער אָבער שטאָלצער יידישער קהילה, מעדינאַ.

אַן אומפאַרגעסלעכע סצענע, איז דער היסטאָרישער פאַקט, וואָס עדוואַרד בראַנדעס ברענגט אַרויס — מאַכמעדס אָנפאַלן אויף די יידן פון מעדינאַ און די בתי־מדרשים אין אַ פרייטיק צו נאַכט, בעת זיי זענען נישט געווען צוגעגרייט און צוליב שבת האָבן זיי נישט געטראָגן קיין כלי־זין. מען אַרעסטירט אַלע יידן און מען ברענגט זיי צו מאַכמעדן. ער פרעגט יעדן יידן באַזונדער, צי ער וויל אנערקענען אַללאַ און אים, מאַכמעדן. אָבער איינער נאָכן אַנדערן ענטפערן די יידן, אַז זיי וועלן נישט פאַרלאָזן זייער אמונה.

ווען מאַכמעד האָט אויף אַזאַ אופן איינציקווייז אויסגעקוילעט די יידן פון מעדינאַ, האָט ער און זיינע אָנהענגער, אין רעליגיעזן עקסטאַז זיך געלאָזט מיט בלוטיקע שווערדן אויף די אַראַבער פון מעקאַ, זיי באַזיגט און געצוווּנגען צו אנערקענען אים פאַר דעם איינציקן, אמתן משיח און אַללאַ פאַר דעם איינציקן גאָט.

עדוואַרד בראַנדעס איז געווען אַ בקי אין סעמיטישע שפּראַכן און אין סאַנסקריט. ער האָט אויף דאָס ניי איבערגעזעצט דעם תנ"ך פון לשון קודש אויף דעניש.

אַ סברה, אַז עדוואַרד בראַנדעס האָט געהאָלפן זיין עלטערן ברודער געאָרג לייענען חיים נחמן ביאַליקס שירים. פריינד פון דער העברעאישער ליטעראַטור און פאַרערער פון ביאַליקן האָבן געהאָפט, אַז ווען געאָרג בראַנדעס וועט זיך באַקענען מיט ביאַליקן און שרייבן וועגן אים, וועט ער אפשר קריגן דעם נאָבעל־פּרייז. זיי האָבן דערפאַר באַזאָרגט געאָרג בראַנדעסן

מיט די איבערזעצונגען פון ביאַליקס שירים. באַזונדערס האָט זיך מיט דעם מתעסק געווען דער אויבעררבינער פון דענעמאַרק, דער רב הכולל פּראָפעסאָר דוד סימאָנסען.

געאָרג בראַנדעס, וואָס האָט געקענט העכער אַ טוץ שפּראַכן, האָט אָבער נישט געקענט ביידע יידישע שפּראַכן — העברעאיש און יידיש, און דעריבער נישט געקאָנט לייענען אין אָריגינאַל ביאַליקן; במילא האָט געאָרג בראַנדעס נישט געשריבן יענע גרויסע און טיפע אַרבעט וועגן ביאַליקן, וואָס מען האָט דערוואַרט.

וואָס שייך געאָרג בראַנדעס איז נאָך לעת־עתה נישט געמאַכט געוואָרן קיין גענויע און טיפע אויספאָרשונג וועגן זיין שייכות מיטן יידישן פאָלק און וועגן זיין יידישער פּערזענלעכקייט.

אַ יונגער דעניש־יידישער וויסנשאַפטלער ד״ר י. יאַקאָבסען, האָט אין די „ייוואָ־בלעטער״ פון 1943, צו געאָרג בראַנדעסעס הונדערט־יאָריקן געבוירנטאָג (וואָס איז אויסגעפאַלן אין 1942), פאַרעפנטלעכט אַן אינטע־רעסאַנטע אַרבעט אויף דער טעמע. ער האָט אָבער דאָרטן בלויז באַרירט דעם ענין. ליידער איז דער דאָזיקער פיל־צוזאָגנדיקער יונגער יידישער געלערנטער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, צוזאַמען מיט זיין פרוי, נאָך דעם ווי היטלער האָט פאַרכאַפּט דענעמאַרק. אויך דער שרייבער פון די שורות האָט ביי אַ סך געלעגנהייטן אָנגעוויזן אויף געאָרג בראַנדעסעס שייכות צום יידישן פאָלק.

צום דריטן יאָרצייט פון געאָרג בראַנדעס, האָט הענרי נאַטאַנסען אַרויסגעגעבן אַ בוך אונטערן נאָמען — „געאָרג בראַנדעס, אַ פּאָרטרעט״, ווו עס געפינט זיך אַ סך אינטערעסאַנטער מאַטעריאַל וועגן געאָרג בראַנדעסן און די יידן. וולאַדימיר גראָסמאַן באַרירט אָפּט דעם ענין און גאָר לעצטנס האָט אַ דענישער היסטאָריקער, פּעטער פּ. ראָדע פאַרעפנט־לעכט אין דער דענישער צייטונג „פּאָליטיקען״, צוויי לענגערע אַרטיקלען וועגן בראַנדעס׳ יידישער פּערזענלעכקייט און זיין שייכות צו ארץ־ישראל. קיין באַזונדער נייער מאַטעריאַל געפינען זיך נישט אין די דערמאָנטע צוויי אַרטיקלען. מען געפינט אויך אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל וועגן בראַנ־דעס און די יידן, אין גערטרוד רונגס בוך „מיט בראַנדעסן און בריוו פון אים״.

איך וועל דאָ דערמאָנען, וואָס געאָרג בראַנדעס האָט געשריבן וועגן

יידישע פּערזענלעכקייטן און יידישע ענינים מיט אַ סך וואַרעמקייט און פאַרשטענדעניש. געאָרג בראַנדעס אַליין רעכנט אויס זיינע יידישע ווערק צו דעם שרייבער פון די שורות. דער דאָזיקער בריוו איז פון אַ היסטאָ־רישער באַדייטונג, ווייל ער גיט אַ שליסל צו געאָרג בראַנדעסעס יידישער נשמה.

אָט איז דער גאַנצער בריוו, אין אַ ווערטלעכער איבערזעצונג:

קאָפּענהאַגען, דעם 5טן יולי 1918.

חשובער ישראל כאַלעווא:

איר מעגט איבערזעצן די אָפּהאַנדלונג וועגן מיינע עלטערנס גלויבן, וואָס געפינט זיך אין מיין בוך „נאַפּאָלעאָן און גאַריבאַלדי״. איך גלויב, אַז איר האָט טעות, ווען איר זאָגט, אַז מען האָט נאָך גאָרנישט איבערגעזעצט פון מיינע ווערק אויף יידיש. אָט האָט אַ געוויסער הער שאַיאַק, וואָס וווינט דאָ אין שטאָט, מיר אָנומלטן געשריבן, אַז ער האָט איבערגעזעצט מיינע צוויי אַרטיקלען אויף יידיש.

אָבער מאָדנע איז, וואָס איך בין מיין גאַנץ לעבן פאַרהאַסט און פאַר־פאָלגט געוואָרן פון דער יידישער פּרעסע. אָנגעהויבן האָט עס זיך אַרום דעם יאָר 1895, בשעת מאַקס נאָרדוי האָט מיך אין „ענטאַרטונג״ אָנגערופן „די ווידערלעכסטע (מיאוסטע, העסלעכסטע — י. ז.) דערשיינונג דער גאַנצן אייראָפּעאישן ליטעראַטור״, און פאַרזיכערט, אַז אויב די עלטערן אין קאָפּענהאַגען וואָלטן געוווּסט וואָס איך לערן זייערע זין אין דעם קאָפּענהאַגענער אוניווערסיטעט וואָלטן זיי מיך דערהרגעט אין מיטן גאַס. נאָך דער דאָזיקער דירעקטער אויפפאָדערונג צו מאָרד, האָט די יידישע פּרעסע, באַזונדערס דער טייל, וואָס איז געשטאַנען אונטער מאַקס נאָרדויס השפעה פאַרגעזעצט די פאַרפאָלגונגען אויף דעם זעלבן אופן.

אַ סך באַדייטנדיקער, ווי די קליינע אָפּהאַנדלונג וואָס איר דערמאָנט, זיינען די ביכער, וואָס געפינען זיך אין מיינע שריפטן וועגן בערנע און היינע, אין זעקסטן טייל פון „די הויפּטשטרעמונגען״. דאָס בוך וועגן לאַסאַל, דאָס בוך וועגן לאָרד ביקאָנספילד. מיינע אָפּהאַנדלונגען וועגן תנ״ך, דאָס אַרטיקל „פּאָלקסליידן און אוטאָפּיעס״, די אָפּהאַנדלונג וועגן די יידן אין רומעניע. זיי געפינען זיך אין די בענד 6 ,7, 11 און 17. אויף וויפל איך

ווייס זענען זיי נישט איבערגעזעצט אויף יידיש (סיידן מען האָט זיי איבער־געזעצט, נאָר כדי מיר נישט צו צאָלן קיין האָנאָראַר, האָט מען מיר קיין מאָל נישט געלאָזט וויסן וועגן דעם און מיר נישט צוגעשיקט קיין שום עקזעמפּלאַר).

אין דער לעצטער צייט ווער איך ממש טעגלעך באַהאָגלט פון יידישע זשורנאַליסטן, וואָס ווענדן זיך צו מיר, אַז איך זאָל אַרויסזאָגן מיין מיינונג וועגן דעם אָדער יענעם ענין, באַזונדערס פון דער אַמעריקאַנער פּרעסע. ווען איך האָב ווען־עס־איז געענטפערט, האָט די צענזור אויסגעשטראָכן כמעט דאָס גאַנצע אַרטיקל. מיינע מיינונגען האָבן זעלטן ווען דאָס מזל צו געפעלן צענזאָרס.

מיט דרך־ארץ, געאָרג בראַנדעס.

„מיינע עלטערנס גלויבן" האָט אַ שייכות מיט דעם, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט אים נישט דערלויבט צו פאָרן קיין פּעטערבורג און מאָסקווע אויף אַ לעקציע־טור, כאָטש די בילעטן צו די לעקציעס זענען שוין געווען אויספאַרקויפט. מען האָט אים נישט דערלויבט צו פאָרן צוליב זיין יידישער אָפּשטאַמונג.

דעם בריוו צו מיר האָט געאָרג בראַנדעס געשריבן מיט זיין געפּערלטן כתב־יד. ווען איך האָב אים געדאַנקט פאַר דער דערלויבעניש און בריוו, האָט ער מיר געענטפערט, אַז ער וואָלט וועלן, איך זאָל אים באַזוכן. איך האָב נאָך דעם אַ סך מאָל באַזוכט געאָרג בראַנדעסן.

זיין בריוו פאָדערט אַן אויפקלערונג: אַ יידישער סטודענט פון קאָפּענהאַגענער אוניווערסיטעט — איך, אין יענער צייט — ווענדט זיך צו אים, אַז ער זאָל אים דערלויבן איבערצוזעצן זיינס אַן אָפּהאַנדלונג. וואָס טוט דער כמעט 77־יאָריקער זקן, געאָרג בראַנדעס? אַנשטאָט ענטפערן קורץ, אַז ער גיט אים די דערלויבעניש, האָט ער זיך גענומען אויסרעכענען כמעט אַלע זיינע ווערק פון יידישן אינהאַלט (דאָס איז, נאַטירלעך, געווען, נאָך איידער מאַקס מייזעל האָט אַרויסגעגעבן געאָרג בראַנדעסעס געזאַמלטע ווערק).

געאָרג בראַנדעס האָט, וויזט אויס, שטאַרק געוואָלט, אַז יידישע יידן זאָלן וויסן, אַז ער האָט אַ סך געשריבן וועגן יידן. פון מיינע שפּעטערדיקע באַזוכן ביי געאָרג בראַנדעסן אין הויז האָב איך אויך אויסגעפונען, אַז

דאָס אומבאַקאַנטע פאָלק פאַר אים, וואָס רעדט יידיש, אינטערעסירט אים זייער שטאַרק. ער וואָלט אויך וועלן, אַז זיי זאָלן קענען זיינע ווערק. דאָ ליגט פאַרבאָרגן אַ פיל טיפערער פאַרלאַנג ווי בלויז, אַז יידן זאָלן קענען זיינע ווערק.

דער בריוו פאָדערט אויך אַן אויפקלערונג פון ציוניסטישן קוקווינקל:

ווי באַקאַנט איז מאַקס נאָרדוי געווען צווישן דער קליינער צאָל וואָס האָט זיך אָפּגערופן אויף טעאָדער הערצלס ווענדונג צו באַטייליקן זיך אין ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס. הערצל האָט זיך אויך, ווייזט אויס, געווענדט צו געאָרג בראַנדעסן און אים פאַרבעטן צום ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס. פאַר וואָס געאָרג בראַנדעס האָט זיך נישט באַטייליקט, ווערט טיילווייז קלאָר פון בראַנדעסעס בריוו און אין דער ווייטערדיקער אויפ־קלערונג: מאַקס נאָרדוי, דער מחבר פון „די קאָנווענציאָנעלע ליגנס" און „פּאַראַדאָקסן", האָט, כידוע, אין „ענטאַרטונג" דערגרייכט די העכסטע און גרעסטע מדרגה פון נעגירן די גאַנצע מאָדערנע וועלט־ליטעראַטור.

אין די „קאָנווענציאָנעלע ליגנס", וואָס איז געוואָרן אין גאַנץ אייראָפּע די באַקאַנטסטע פּראָזע, האָט נאָרדוי געמאַכט אַ תל־עולם פון כמעט דער גאַנצער מענטשלעכער קולטור, ווי אַ שטייגער פון: פאָלק, רעליגיע, געזעלשאַפט, קיניגטום, פאַמיליע, פריינדשאַפט וכדומה. אַלצדינג איז בלויז פוסטע איינרעדענישן, ליגנס. אין דער „ענטאַרטונג" האָט ער זיך גענומען צו דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור, זי געוואָלט ממש אָפּווישן פון דער ערד, זי זאָל מער קיין תקומה נישט האָבן. סיי די אייראָפּעאישע ליטעראַטור און סיי די שרייבער זענען צעפוילט, פאַרדאָרבן, אוממאָראַליש, דעגענערירט. מאַקס נאָרדוי האָט צעפאַלמעסט יעדן שרייבער און יעדעס גרויסע ווערק, אָנווייזנדיק די צעפוילטקייט.

ער האָט זיך אויך אַ נעם געטאָן צו געאָרג בראַנדעסן. בראַנדעס האָט אין יענער צייט, אַרום דעם יאָר 1895, געהערט צו דער קליינער גרופּע אינטעלעקטואַלן, וואָס האָבן געפּאַנגען די הערצער פון דער גאַנצער אייראָ־פּעאישער אינטעליגענץ. האָט מאַקס נאָרדוי אויסגעלאָזט זיין צאָרן אויף געאָרג בראַנדעסן, אים אָנגערופן מיט די ערגסטע עפּיטעטן. געאָרג בראַנדעס האָט שוין דאַן געהאַט פאַרעפנטלעכט זיינע ביכער וועגן „בערנע", „היינע", „לאַסאַל" און „ביקאָנספילד־דיזראַעלי". דאָס איז געווען אַ צייט ווען עס איז אויפגעקומען דער מאָדערנער דייטשער אַנטיסעמיטיזם, פון

„שטעקערס געגנאַדע". דער אַנטיסעמיטיזם האָט אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן זיין סם צווישן דער אינטעליגענץ. געוואָרד בראַנדעס׳ ביכער וועגן די ידישע פּערזענלעכקייטן זענען געווען אַן אומדירעקטער, אָבער אַ שטאָל־צער ענטפער די אַנטיסעמיטן.

בעת מאַקס נאָרדוי האָט געשריבן זיין „ענטאַרטונג" האָט אייראָפּע נאָך נישט געוווסט, אַז ער איז אַ ייד. טעאָדאָר הערצל, דער דרייפוס־פּראָצעס, דער צעווילדעוועטער אַנטיסעמיטיזם האָבן, ווי באַקאַנט, אויפ־געוועקט אין מאַקס נאָרדוי זיין טיף־יידיש געפיל. ער איז צוגעשטאַנען צו טעאָדאָר הערצלען, צום ציוניזם. דאָס איז נישט געווען קיין קליינע איבעררעאַשונג פאַר אייראָפּע.

ווען טעאָדאָר הערצל האָט זיך געווענדט צו געאָרג בראַנדעסן און אים געבעטן, אַז ער זאָל זיך באַטייליקן אין דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, האָט בראַנדעס גוט געוווסט, אַז מאַקס נאָרדוי וועט זיין אַ הויפּט־מחותן אויף דעם קאָנגרעס. געאָרג בראַנדעס׳ ענטפער צו הערצלען איז דעריבער געווען זייער אַ לאַקאָנישער, אַז ער וועט זיך נישט באַטייליקן. בראַנדעס האָט גוט געקענט טעאָדאָר הערצלען פון „די נייע פרייע פּרעסע", ווי דעם ראַפינירטן אייראָפּעאישן פעליעטאָניסט. דאָך האָט ער נישט אָנגעגעבן קיין שום מאָטיוו פאַר וואָס ער באַטייליקט זיך נישט. עס לייגט זיך דעריבער אויפן שכל, אַז נאָרדויס אָנגריף אויף בראַנדעסן איז געווען די הויפּט־סיבה.

ווי ווייט בראַנדעס האָט נאָכגעפאָלגט טעאָדאָר הערצלען און זיין שליחות, קען אונדז ווייזן דער פאַקט, אַז גלייך נאָך דעם ווי טעאָדאָר הערצל האָט פאַרעפנטלעכט „אַלטניילאַנד" האָט בראַנדעס אָנגעשריבן אַן אַרטיקל „פאָלקסליידן און אוטאָפּיעס". אָט איז בלויז אַ קורצע ציטאַט פון בראַנדעס׳ אָפּהאַנדלונג וועגן „אַלטניילאַנד":

„זאָלן פּראַקטישע אויטאָריטעטן פון נאָענטן מזרח משפטן, אויף ווי ווייט דאָס וואָס ווערט דאָ (אין „אַלטניילאַנד") געשילדערט ווי שוין דער־גרייכט, קאָן אויף אַן אמת דערגרייכט ווערן, אויב נישט אין צוואַנציק יאָר אַרום, ווי עס געשעעט אין ראָמאַן, איז לפּחות אין הונדערט יאָר אַרום; וואָרעם, נאָך אַלעמען איז, אין אַזאַ גרויסער געשעעניש, די פראַגע פון צייט נישט דער סאַמע עיקר".

און בראַנדעס ענדיקט:

„עס וועט געשען מיטן ציוניזם ווי מיטן סאָציאַליזם. די באַוועגונג וועט זיך אַרויסווייזן באַדייטנדיקער ווי דער עצם־ציל; הגם דער סאָציאַליסטישער צוקונפט־שטאַט ווערט מער און מער פאַרלוירן, פון אָנבליק, האָט די באַוועגונג גורם געווען צו אָרגאַניזירן אַ גאַנצן קלאַס. כאָטש דער ציוניסטישער צוקונפט־שטאַט לאָזט זיך נישט לייכט רעאַליזירן, האָט די באַוועגונג געגעבן אַ גרויסן טייל יידן מוט, אָנהאַלט און אינהאַלט. עס איז על כל פנים תמיד דאָ אַ מעגלעכקייט, אַז עס זאָל זיך ווידער אַ מאָל אַנטוויקלען אין יענעם היסטאָרישן לאַנד אַ מאָדערנע יידישע קולטור. אָבער לעת־עתה זענען די פאַרשידענע פעלקער, נאַציאָנאַליטעטן און גלויבנס באַזונדערס פאַרנומען מיט פאָראורטיילן און מיט פאַרביטערן איינער דעם אַנדערן דאָס לעבן".

אגב, דערציילט בראַנדעס אין דער דערמאָנטער עסיי, אויף אַ וואונדערלעך־פאַרכאַפּנדיקן אופן, דעם אינהאַלט פון „אַלטניילאַנד". צווישן די שורות קען מען באַמערקן, אַז געאָרג בראַנדעס האָט שוין דעמאָלט געהאַט געוויסע פאַרשטענדעניש און אַפילו סימפּאַטיעס פאַר דעם ציוניסטישן אידעאַל. עטלעכע יאָר איידער בראַנדעס איז געשטאָרבן האָט ער פאַרעפנטלעכט אַן אָפּהאַנדלונג פול מיט לויב פאַרן ציוניזם. געאָרג בראַנדעס האָט, פאַרשטייט זיך, געשריבן וועגן יידן נישט דווקא בלויז אין זיינע ווערק וועגן יידישע פערזענלעכקייטן. אין זיין גרויס ווערק וועגן „יוליוס צעזאַר" האָט בראַנדעס אַ גאַנץ קאַפּיטל וועגן יוליוס צעזאַרס באַציאונג צו די יידן. בלויז עטלעכע שורות דערפון וועל איך דאָ ציטירן (אַלע ציטאַטן, וואָס איך ברענג, זענען איבערגעזעצט פון דענישן אָריגינאַל):

„עס איז נאַטירלעך און פאַרשטענדלעך, אַז די יידן האָבן פיינט געהאַט פּאָמפּעוסן און אים געהאַסט. ער איז באַפאַלן זייער פירשט אַריסטובול, באַלאַגערט און פאַרכאַפּט ירושלים בעת צוועלף טויזנט יידן זענען געפאַלן, פאַרטיידיקנדיק זייער שטאַט (אין יאָר 63). פּאָמפּעוס האָט אַראָפּגעריסן די מויערן פון ירושלים און זיך אַריינגעריסן אין בית המקדש. ער האָט אויך אַרויפגעלייגט אַ גרויסן אָפּצאָל אויף די איינוואוינער פון ירושלים און באַרויבט אַלע האַפן־שטעט פון יידישן לאַנד".

„די יידן האָבן דעריבער געוווסט, אַז זיי האָבן אין יוליוס צעזאַרן אַ פריינד. ווען זיין לאַגע אין מצרים איז געווען זייער אַ געפערלעכע, ווייל יוליוס צעזאַר האָט זיך דאָרטן געפונען מיט גאָר אַ קליינער צאָל סאָלדאַטן,

דערצו נאָך אָן דער מינדעסטער ידיעה פון רוים, אין מיטן פון אַ פיינטלעך פאָלק, האָבן די יידן אין זייער לאַנד באַשלאָסן אים צו קומען צו הילף". דערנאָך רעכנט בראַנדעס אויס בפרטיות ווי אַזוי די יידן האָבן געהאָלפן צעזאָרן.

אין זיין ווערק וועגן שעקספּירן שרייבט בראַנדעס, אַז אין דער אייגענער צייט, וואָס דזשעסיקא ביי שעקספּירן גייט אַזוי לייכט איבער צו קריסטנטום, האָבן זיך געפונען טויזנטער יידן, וואָס האָבן בעסער געוואָלט שטאַרבן אויף קידוש־השם, ווי פאַרלאָזן זייער יידישע אמונה. בראַנדעס רעכנט גענוי אויס, ווו יידן זענען אַלץ אומגעקומען אויף קידוש־השם.

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז געאָרג בראַנדעסעס קעגנער האָבן אים אויף שריט און טריט געגעבן צו פילן, אַז ער איז אַ ייד. בראַנדעסעס ענטפערס זענען תמיד געווען מוטיק־שטאָלצע. בעת ער איז אַרויסגעטראָטן מיט זיינע „הויפטשטרעמונגען אין דער ליטעראַטור פון נייצנטן יאָרהונ־דערט" האָט ד"ר פלאָוג, וואָס האָט געהאַט אַמביציעס צו פאַרנעמען דעם פּראָפעסאָר־אַמט פון עסטעטיק אין קאָפּענהאַגענער אוניווערסיטעט, גע־שריבן: „מיר מיינען, ווען בראַנדעס זאָל זיך גוט פאַרטראַכטן, דאַרף ער נישט אָנגרייפן די דענישע געזעלשאַפט און וועלן חרוב מאַכן אַלצדינג, וואָס זי האָט אויפגעבויט. ער דאַרף גוט געדענקען, אַז די דאָזיקע געזעל־שאַפט האָט אַרויסגעוויזן זיינע עלטערן און אורעלטערן גאַסט־פרייהייט און זיי באַשיצט. דערפאַר דאַרף ער בעסער אַרבעטן פאַר איר אַנטוויקלונג און נישט פאַר איר צעשטערונג".

הגם די יידן אין דענעמאַרק האָבן שוין אין בראַנדעס' צייט לאַנג גענאָסן אַלע בירגערלעכע רעכט, האָט בראַנדעס געענטפערט סאַרקאַסטיש דעם פּראָפעסאָר פלאָוג און איראָניזירט איבער די כלומרשטע פרייהייטן, וואָס יידן האָבן אַמאָל גענאָסן. אָט איז אַ קליינער אויסצוג פון געאָרג בראַנדעס' ענטפער: „וואָס שייך די גאַסט־פרייהייט, וואָס פלאָוגס עלטערן און אורעלטערן האָבן אַרויסגעוויזן מיינע עלטערן און אורעלטערן, בין איך זייער דאַנקבאַר. עס איז באמת אַ גרויסע חוצפה פון מיר אין אַ לאַנד, ווו מיינע עלטערן זענען אַזוי פריינדלעך אויפגענומען געוואָרן, צו ריידן און שרייבן וועגן דער געשיכטע פון דער ליטעראַטור און דערקלערן, וואָס קאָנסטאַנט און מאַדאַם דע סטאַעל האָבן געמיינט מיט זייער קאַמף קעגן

דער געזעלשאַפט. איך האָב בכן געדאַרפט שרייבן וועגן דעם גליקלעכן און פרידלעכן צוזאַמענלעבן. ווען איך זאָל זיך נאָר גוט באַזינען ווי גרויס־מוטיק פלאוגס עלטערן און אורעלטערן האָבן געהאַנדלט קעגן מיינע עלטערן און אורעלטערן און דערלויבט זיי צו טאָן יעדע באַשעפּטיקונג (מיטן אויסנאַם פון כמעט אַלע בכבודיקע באַשעפטיקונגען) און צו באַקליידן יעדן אַמט (מיטן אויסנאַם פון כמעט אַלע אַמטן) דעמאָלט צעגייט מיין האַרץ פאַר פרייד און איך קען מער קיין וואָרט נישט שרייבן קעגן אָט דער געזעלשאַפט״.

*

געאָרג בראַנדעס האָט פאַרעפנטלעכט זיין בוך וועגן דיזראַעלי אָדער לאָרד ביקאָנספילד אין יאָר 1878, דעמאָלט, ווען דיזראַעלי האָט געשפילט די גרעסטע ראָלע אין דער אייראָפּעאישער פּאָליטיק. אויף דעם בערלינער קאָנגרעס פון יאָר 1877, ביים סוף פון דער רוסיש־טערקישער מלחמה, איז דיזראַעליס השפעה געווען אַנטשיידנדיק. געאָרג בראַנדעס דערציילט, וואָס פאַר אַן איינדרוק לאָרד ביקאָנספילד האָט געמאַכט אויף אים, ווען ער האָט אים געזען אין בערלין:

„ביקאָנספילד איז שוין דעמאָלט געווען שוואַך, די איבער־אָנשטרענגונג האָט מען געקענט לייענען פון יעדער מינע פון זיין פּנים. בעת מען האָט אַריינגעקוקט אין זיין בלייך און מאָגער־געוואָרן פּנים, האָט מען זיך דערמאָנט אָן דעם גרויסן קאַמף, וואָס ער האָט געמוזט פירן זיין גאַנץ לעבן. אַלע אַנטוישונגען, וואָס ער האָט געליטן, די ליידן וואָס ער איז אויסגעשטאַנען, דעם שטאָלצן מוט דורך וועלכן ער האָט אויסגעקעמפט דעם זיג, זיין מיטגעפיל מיט דעם אָרעמאַן, פאַר וועמען ער האָט זיך תמיד אָנגענומען, דעם קאַמף וואָס ער האָט געפירט פאַר רעכט און גערעכטיקייט פאַר זיין אייגן אונטערדריקט פאָלק, פאַר דעם יידישן פאָלק. תמיד איז ער שטאָלץ געווען אויף זיין יידישער אָפּשטאַמונג. ער אַליין האָט געצוווּנגען, אַז מען זאָל אויפהערן צו באַהאַנדלען זיין פאָלק אַזוי גרויזאַם. אַז איך האָב אים געזען, איז ער מיר אויסגעקומען אין שענסטן און איידלסטן ליכט״.

דאָס, וואָס עס האָט אַזוי שטאַרק געצווּנגען געאָרג בראַנדעסן צו פאַראינטערעסירן זיך מיט דעם יידיש־ענגלישן שטאַטסמאַן, נישט געקוקט

אויף דעם פּאָליטישן חילוק צווישן זיי, איז בלי שום ספק דער פאַקט, וואָס דיזראַעלי איז געווען אַ ייד. דאָס האָט אָנגעפילט בראַנדעסן מיט אַ געפיל פון שטאָלץ, ווייל אין ביקאָנספילדן האָבן נאָך געלעבט אַלע אַלטע, טעאָקראַטישע, שטאָלצע חלומות פון דעם יידנטום. פאַר ביקאָנספילדן זענען די יידן נאָך געווען אַן אויסדערווילט פאָלק, מיט דער גרויסער פאַרגאַנגע־הייט, מיט דער גרויסער שליחות, דאָס איינציקע פאָלק, וואָס האָט געקענט פאַרענטפערן די שווערע פראָבלעמען פון דער צייט.

געאָרג בראַנדעס הייבט אַרויס וואָס דיזראַעלי האָט געענטפערט זיינע קריסטלעכע שול־חברים בעת זיי פלעגן אים מיט פאַראַכטונג רופן ייד.

אָט וואָס ער האָט זיי געזאָגט: „איר רופט מיך ייד! צי ווייסט איר נישט, אַז בעת דאָס פאָלק פון וועלכן איך שטאַם, דאָס יידישע פאָלק, האָט שוין געהאַט אַ בליענדיקע קולטור הינטער זיך, זייט איר נאָך געווען ים־רויבער, ווילדע, אָן קליידער, און ווי חיות געוווינט אין די וועלדער? געהערט דען נישט אַ האַלבע קולטור פון יעדן פאָלק צום יידנטום? צי לערנט איר נישט מיט אייערע זין די אַלטע יידישע געשיכטע, און דערנאָך ערשט די געשיכטע פון אייער אייגן פאָלק? און אפילו אייער גאָטס זון איז דאָך נישט קיין אַנדערער, ווי אַ זון פון אַ יידישער טאָכטער. און די גאַנצע רעליגיע אייערע, דאָס קריסטנטום, איז דאָך נישט מער ווי אַ פּראָדוקט פון יידנטום!"

אין סוף פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט האָבן די רומענער ברוטאַל באַהאַנדלט די יידן און זיי באַרויבט פון יעדער מענטשנרעכט. אין יענער צייט האָט געאָרג בראַנדעס פאַרעפנטלעכט אַ ריי אַרטיקלען קעגן די רומענישע אכזריותן. די אַרטיקלען האָבן אויפגעשטורעמט די עפנטלעכע מיינונג פון אייראָפּע און אַמעריקע. געאָרג בראַנדעס הייבט אָן מיט דעם פאָלגנדיקן מאָטאָ:

ברעך אויס אין הויכע קלאָגן,
דו פינצטער מאַרטירער־ליד,
וואָס איך האָב אַזוי לאַנג געטראָגן
אין מיין פלאַמשטילן געמיט.

(היינריך היינע)

און בראַנדעס שרייבט:

„פון דעם קעניג, קעניגין אָדער פון די מיניסטאָרן אין לאַנד, קאָנען די אומגליקלעכע רומענישע יידן נישט דערוואַרטן קיין שום הילף. זיי קאָנען אויך נישט דערוואַרטן קיין שום הילף פון דער רומענישער אינטע־ליגענץ, וואָס העלפט פייניקן און אויסראָטן די יידן. אָבער זייער מצב איז דאָך נישט האָפענונגסלאָז. ווען אַלע יידן פון אַמעריקע און פון אייראָפּע וואָלטן מסכים געווען זיי צו פאַרטיידיקן און ווען זיי וואָלטן געווען באַוווסט־זיניק פון זייער מאַכט און זי טאַקע אָנגעווענדט, וואָלטן זיי תיכף געקאָנט בייקומען די רעדלפירער פון דער באַרבאַריש־קליינער מלוכה. די צייט איז שוין פאַרביי, ווען דאָס יידישע פאָלק איז געצוווּנגען געווען צו לאָזן זיך פייניקן, נישט געבנדיק קיין זיפץ אַפילו. אַנטקעגן דעם מאָדערנעם באַרבאַריזם און זיין פרעכער גרויזאַמקייט קאָנען די יידן נישט האַנדלען אַנדערש, ווי זיך פילן אַלע געטראָפן צוזאַמען מיט די פאַרפאָלגטע". און ער זעצט פאָר:

„די געשיכטע פון די יידן איז פון מיטלאַלטער אָן אַ ליידנסגעשיכטע, וואָס האָט נישט קיין גלייכן צו זיך ביי קיין שום פאָלק פון דער וועלט. אַלץ, וואָס די מענטשלעכע געשיכטע האָט נאָר געקאָנט אַרויסברענגען: צביעות, אכזריות, פאַרפאָלגונגס־לוסט, מוראדיקע גרוילטאָטן און בלוט־דורשט, איז אויסגעגאָסן געוואָרן אויף דעם נישט גרויסן, אָבער גייסטיק־שטאַרקן פאָלק". און בראַנדעס ענדיקט די אַרטיקלען, וואָס האָבן אויפגעדעקט פאַר דער וועלט דעם באַרבאַריזם פון דער רומענישער מלוכה, מיט די ווערטער:

„די יידן אין רומעניע געפינען זיך אין אַזאַ שרעקלעכן מצב, אַז זיי האָבן נישט אין גאַנצן לאַנד קיין איינציקע צייטונג, וואָס זאָל זיך אָננעמען זייער עוולה. זיי וואָגן נישט צו שרייבן מיט אַן אונטערשריפט אין אייראָ־פּעאישע צייטונגען וועגן זייערע יסורים. זיי האָבן מורא צו שיקן מאַטע־ריאַלן און דאָקומענטן; זיי שרעקן זיך אַפילו אויפצושרייבן אויף אַ קאָנווערט דעם נאָמען פון אַ באַקאַנטן אויסלענדער און אים שיקן אַ בריוו. זיי בעטן, מען זאָל נישט דערמאָנען זייערע נעמען. אונטער אַזעלכע מוראדיקע אומשטענדן לעבן די יידן אין רומעניע".

„אָבער די יידן אין די אַנדערע לענדער קאָנען און מוזן זיי קומען צו הילף. די רומענישע אַנטיסעמיטן מוזן געשטעמפלט ווערן פאַר באַרבאַרן,

ווי זיי זענען. אַ חוץ דעם קאָן די יידישע פינאַנץ־וועלט (נישט געקוקט, וואָס איר כוח ווערט אַזוי שטאַרק איבערגעטריבן, איז זי דאָך אַ באַדייטנ־דיקער כוח), אָפּזאָגן דער רומענישער מלוכה, וואָס איז צוליב איר אייגענער שולד ביזן גרונט צעפוילט, צו באַרגן געלט, אַזוי לאַנג ווי די מלוכה האָט נישט דערפילט די התחייבותן, אונטער וועלכן די גרויסמאַכטן האָבן אין יאָר 1877 אָנערקענט איר אומאָפּהענגיקייט. די רומענישע אַנטיסעמיטן, וואָס הערן נישט אויף צו שרייען, אַז די יידן זענען געלט־גייציק, האָבן נאָר איין און איינציקן באַגער אויף דער וועלט, און דאָס איז דער באַגער נאָך געלט״.

געאָרג בראַנדעס האָט מיט אַ סך באַגייסטערונג געשריבן וועגן איוב, שיר השירים, קהלת, רות, מגילת אסתר, יהודית, שושנה, יונה הנביא, זרובבל און די נביאים. וועגן די נביאים האָט בראַנדעס געשריבן צווישן אַנדערן: „דער הויפּט־יסוד פון תנ״ך איז דער גייסט פון די נביאים. דאָס איז דאָס שטרעבן נאָך פולקומענקייט, שלימות און געניאַליטעט. דער דאָזיקער גייסט איז נאָך נישט געשטאָרבן. דאָס איז דער מאָדערנער גייסט, דער אייביקער גייסט. די נביאים עמוס, ישעיה, הושע, מיכה האָבן אין זיך פאַרקערפּערט דעם אידעאַל פון דער מענטשהייט. זייער אידעאַל האָט נישט פאַרלאַנגט קיין שום קרבן, נישט פון פאַרנונפט און נישט פון געוויסן. זיי האָבן געבראַכט אַ גאָט אין הימל, וואָס האָט נישט געוואָלט וויסן פון קיין שום מזבח, פון קיין שום קרבנות, פון קיין לויב־געזאַנגען — נישט פון כהנים, נישט פון לוויים. זייער אידעאַל איז געווען, אַז דאָס וואָס איז נישט באַגרינדעט אויף גערעכטיקייט, מוז צו גרונט גיין״.

וועגן חיים נחמן ביאַליק האָט געאָרג בראַנדעס געשריבן אַ לענגערע קריטישע אַרבעט. איך וועל דאָ ציטירן בלויז עטלעכע שורות:

„דער יאָמער פון דער גאַנצער מענטשהייט גרייפט דעם לעזער, אַ דריי טויזנט־יאָריקער יאָמער, דעסטילירט, קאָנצענטרירט, געמישט מיט האָפענונגען און וויזיעס, געטלעכע איינבילדונגען, בענקענישן און געבעטן. אַ רייכע אומווירקלעכקייט, ווי אַ ראָם אַרום איין איינציקער ווירקלעכקייט — פיינלעכער מאַרטירערטום״.

„עס ליגט אַ יום־טובדיקייט און ערנסטקייט פון אַ תפילה, אַפילו הינטער דעם, וואָס איז דאָ פערזענלעך״. און בראַנדעס ענדיקט:

„ביאַליק איז דער גייסט ביי וועמען די נייע העבראַאישע לייענער

געפינען נאַרונג. דער דיכטער, וואָס קען זייער שמערץ, זייערע הכנעה־דיקייטן, זייערע ווונטשן און וואָס באַפרידיקט זייער באַדערפעניש, אָנזאָגנ־דיק אַ צוקונפט אין מאָרגנליכט, אין שלום און פרייהייט אויף ציונס ערד".

עס איז זיכער נישט קיין צופאַל, וואָס געאָרג בראַנדעס האָט אין זיינע יידישע פערזענלעכקייטן וועגן היינריך היינע, לודוויג בערנע, לאָרד ביקאָנספילד, פערדינאַנד לאַסאַל און אַנדערע, אַזוי בולט אַרויסגעבראַכט די שייכות צו זייער יידישער דערציונג און סביבה. ער האָט דאָס געטאָן מיט אַ באַזונדערער כוונה. זייער שטאַרק פילט זיך דאָס אין בראַנדעס' בוך איבער לאַסאַלן. בראַנדעס שרייבט:

„בעת דער פופצן־יאָריקער לאַסאַל האָט געהערט וועגן עלילת דם (22סטן מאַי 1840) אין דמשק, האָט ער פאַרצייכנט אין זיין טאָגבוך: „עס איז שרעקלעך צו לייענען, עס איז שרעקלעך צו הערן. די האָר שטעלן זיך קאַפויער, און אַלע געפילן פון האַרץ פאַרוואַנדלען זיך אין רציחה. אַ פאָלק, וואָס קען דאָס פאַרטראָגן, איז עלנט. נקמה דאַרף עס נעמען און נישט זיך לאָזן פייניקן און דערנידעריקן. נקמה דאַרף עס נעמען פאַר דעם אומשולדיקן בלוט. איך פאַרשטיי נישט פאַר וואָס די יידן אין דמשק ווילן נישט בעסער שטאַרבן אויפן שלאַכט־פּלאַץ, איידער פון די מאַטער־נישן, וואָס מען פאַרשאַפט זיי. צי איז דען פאַראַן אַ רעוואָלוציע, וואָס וואָלט געווען מער באַרעכטיקט, ווי ווען די יידן אין דמשק וואָלטן געמאַכט אַן אויפשטאַנד, אָנגעצונדן די גאַנצע שטאָט אין אַלע עקן, און עקספּלאָדירט דעם אויפרייס־פּולווער און דערהרגעט זיך צוזאַמען מיט זייערע פייניקער". „דו פחדנותדיק פאָלק, פאַרדינסט נישט קיין בעסערן גורל! דו פאַרשטייסט נישט, ווי אַזוי צו שטאַרבן. פאַרשטייסט נישט, וואָס דאָס הייסט גערעכטע נקמה. באַגרייפסט נישט, וואָס עס הייסט אַליין אומקומען, אָבער אויך באַגראָבן דיינע שונאים, און צערייסן זיי נאָך אין דער גסיסה".

בעת די שוידערלעכע בילבולים, אַז יידן געברויכן קריסטלעך בלוט, זענען ווידער אַרויפגעשווומען, האָט לאַסאַל געשריבן: „ווידער אַ מאָל די מיאוסע מעשיות, אַז יידן געברויכן קריסטלעך בלוט. די זעלבע געשיכטע, וואָס מיר האָבן געהערט אין דמשק הערן מיר אויך אין ראַדאָם, אין לעמבערג, אָבער ווען מען קומט מיט דער זעלבער באַשולדיקונג פון אַלע עקן וועלט, דוכט זיך מיר, אַז מען גיט אונדז אַן אָנדייטונג, אַז די צייט

איז באַלד געקומען, ווען מיר זאָלן זיך אמתדיק העלפן מיט קריסטלעך בלוט. העלף דיר אַליין און גאָט וועט דיר העלפן".

„עס איז געווען אין לאַסאַלן עפּעס פון אַ צעזאַר. ער איז באַשאַפן געוואָרן צו הערשן. נאָר אַזוי ווי ער איז נישט געבוירן געוואָרן קיין פּרינץ אָדער אַן אַדעלמאַן, נאָר ווי אַ קינד פון מיטלשטאַנד און פון אַ פאָלק, וואָס מען האָט דערנידעריקט, איז ער געוואָרן אַ דענקער, דעמאָקראַט און אַן אַגיטאַטאָר".

אין דער נאָכשריפט צו בראַנדעס' בוך וועגן „פּוילן", וואָס איז דערשינען אין יאָר 1888, שרייבט ער: „ווען פּוילן וועט ווידער אַ מאָל אויפגעריכט ווערן, דעמאָלט וועט אויך אַ טראָפּן פון מיין בלוט זיין אין דעם בלוט, וואָס וועט העלפן אויפבויען דאָס פרייע פּוילן". אין זיין דאָזיקן בוך דריקט בראַנדעס אויס זיין טיפע באַגייסטערונג פאַר פּוילן, פאַר איר קולטור, און זיין טיפער און איינציקער פאַרלאַנג — ווידער צו זען פּוילן ווי אַ פריי לאַנד און אומאָפּהענגיק פאָלק.

אין קיין שום אָרט און אין קיין שום לאַנד איז בראַנדעס נישט אַזוי יום־טובדיק אויפגענומען געוואָרן, ווי בעת ער האָט באַזוכט וואַרשע אין יאָר 1887. מען האָט אים באַשטימט פאַר ערן־פּאָרזיצער אין די וויכטיקסטע פּוילישע אינסטיטוציעס און פאַראיינען. אמת, בראַנדעס האָט אָפּגעצאָלט פאַר די אַלע כיבודים. ער האָט אומדערמידלעך געאַרבעט אין משך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט פאַר דער באַפרייונג פון פּוילן.

אָבער נאָך דעם ווי די פּאָליאַקן האָבן מיט אַזאַ רויער רציחה אויפגעהעצט די רוסישע באַאַמטע אויף די יידן, „באַווייזנדיק" אַז די יידן זענען שפּיאָנען און שולדיק אין אַלע רוסישע מפּלות, האָט דער זעלבער געאָרג בראַנדעס אָנגעגריפן די פּאָליאַקן, הגם ער האָט געוווסט, אַז ווי נאָר ער וועט אָנווייזן די פּאָליאַקן אויף זייער אכזריות, רייסט ער איבער יעדע באַציונג און פאַרבינדונג מיט זיי. אַ גאַנץ פאָלק וועט אים ווערן אַ שונא.

בראַנדעס' אַרויסטרעטונגען קעגן די פּוילישע אכזריותן האָבן אָנגעמאַכט אַ רושם אויף דער גאַנצער וועלט. מען האָט אים אויסגעשלאָסן פון אַלע פּוילישע פאַראיינען. אַ האָגל אָנגריפן האָבן זיך באַוויזן אין דער גאַנצער פּוילישער פּרעסע. ער איז באַשולדיקט געוואָרן, אַז די יידן האָבן אים אונטערגעקויפט; אַז זיין קאַמף פאַר פּוילנס אומאָפּהענגיקייט איז

נישט געווען מער ווי צביעות, וואָס ער האָט לחלוטין גאָרנישט נישט געמיינט.

בראַנדעס האָט נישט געענטפערט אויף די אַלע אָנגריפן. אַ גרויסע טייל פון די געבילדעטע פּאָליאַקן, וואָס האָבן געוווּסט די באַדייטונג פון בּראַנדעס׳ אָנקלאַגע, האָט געהאַלטן אין איין שרייבן אין דער אויסלענדישער פּרעסע, אַז בראַנדעס איז שלעכט אינפאָרמירט און געפּאָדערט, אַז בראַנדעס זאָל צוריקציען זיינע באַשולדיקונגען. בראַנדעס האָט אין אַ צייט אַרום גענטפערט די דאָזיקע פּוילישע אינטעליגענטן. דאָ ברענג איך אַ טייל פון דעם ענטפער:

„וואָס איך האָב אַ מאָל געשריבן וועגן די פּאָרפּאָלגונגען, וואָס די יידן — וואָס זייער גורל איז אויסגעפאַלן צו לעבן צווישן די פּאָליאַקן — ליידן, איז אמת; איך האָב אַזאַ גרויסן באַוויז־מאַטעריאַל, אַז קיין שום זאַך אין דער וועלט קאָן זיי נישט ריינוואַשן. איך האָב לעצטנס געזען פאָטאָגראַפיעס פון פּאַסכאַ־אייער, וואָס די פּאָליאַקן האָבן געשיקט צו די סאָלדאַטן אין פּוילן אין די יום־טוב־טעג פון פּסח. אויף דעם אויבערשטן טייל פון איי איז — אָנשטאָט אַ פאַרפּוצונג — געווען אַ בילד, וואָס שטעלט פאָר אַ יונגע פרוי, וואָס איז צוגעבונדן פעסט צו אַ טיש, אַרום איר זיצן פיר פּוילישע יידן, וואָס צאַפּן אויס מיט זייג־מכשירים איר בלוט, וואָס דאַרף אָנגעווענדט ווערן פאַר די יידישע מצות. אויף דער צווייטער זייט פון איי ווערן די סאָלדאַטן, אין דער פּוילישער שפּראַך, אויפגעהעצט נקמה צו נעמען פון די יידן“.

*

געאָרג בראַנדעס האָט נישט איבערגעלאָזט נאָך זיך קיין שום מאַטעריעלע ירושה. ער האָט קוים בצימצום פאַרדינט אויף חיונה. דערצו האָט ער געוווינט אין אַ טומלדיקער גאַס אין צענטער פון שטאָט, ווו ער האָט זיך כסדר געהערט דער בריאַזג פון וועגענער. דאָס הויז, ווו דער באַרימטער קריטיקער האָט געוווינט, איז געווען אַן אַלטס, אָבער די צימערן זענען געווען גרויסע און הויכע. אַלע צימערן זענען געווען אָנגעפילט מיט ביכער־שרענק, וואָס זענען געווען אויסגעשטעלט אין ציכטיקייט און אָרדענונג.

אין זיין אַרבעט־צימער האָט געאָרג בראַנדעס געהאַלטן זיינע אייגענע ווערק, קודם־כל די דענישע אויסגאַבעס און פאַרשיידענע איבערזעצונגען

אויף אַ קימאַ־לן פון ווינציקסטנס צוויי טוצן שפּראַכן. אַ ריי איבערזעצונ־גען האָט געאָרג בראַנדעס אַליין רעדאַקטירט, דהיינו: די דייטשע, ענגלישע, פראַנצויזישע און איטאַליענישע. די דאָזיקע שפּראַכן האָט ער פולשטענדיק באַהערשט. ער האָט, פאַרשטייט זיך, אויך געקענט די אַנטיקע שפּראַכן, לאַטיין און גריכיש, אָבער געשריבן זיינע ווערק האָט ער בלויז אויף דעניש.

לעבן דער רוסישער איבערזעצונג, אויף וועלכער ער האָט זיך שטאַרק באַקלאָגט, ווייל די איבערזעצערס האָבן פאַרפלאַכט זיינע געדאַנקען, אָדער גאָר פאַלש איבערגעזעצט, איז געשטאַנען די יאַפּאַנישע איבערזעצונג; און לעבן פון דער יאַפּאַנישער איז געשטאַנען די יידישע איבערזעצונג פון געאָרג בראַנדעס׳ ווערק, וואָס דער פאַרלאַג מאַקס נ. מייזעל פון ניו־יאָרק האָט אַרויסגעגעבן אין 1919 אין צוועלף בענד.

ביים שרייבטיש זענען געלעגן שטויסנווייז אָנגעוואָרפן בריוו, זשור־נאַלן, כלערליי ליטעראַרישע אויסגאַבעס און ביכער, וואָס ער האָט געקראָגן צוגעשיקט פון שרייבערס פון דער גאַנצער וועלט.

געאָרג בראַנדעס האָט זיך זייער איבערגענומען מיט דער דאָזיקער וועלט־פּאָסט און נישט אומזיסט האָט ער געקוקט אויף זיך ווי אויף אַ וועלט־בירגער. אַלע אַכט טעג פלעגט ער סיסטעמאַטיש אָפּרייניקן די שטויסן, וואָס די פּאָסט פלעגט אים טעגלעך ברענגען.

ווען געאָרג בראַנדעס האָט געקראָגן די יידישע איבערזעצונג פון זיינע ווערק, האָט ער געשיקט נאָך מיר און מיך געבעטן איבערצוזעצן די הקדמה, וואָס חיים ליבערמאַן האָט געשריבן אין ערשטן באַנד. איך האָב פאָרזיכטיק גענומען איבערזעצן: „שוין אַ סך יאָרן ווי דאָס יידישע פאָלק קוקט אַרויף צו זיין זון, מיט שטאָלץ אויף זיין גרויסקייט, אָבער מיט פאַרדרוס אויף זיין ווייטקייט״ (ציטירט פון אויסנווייניק, לויט דעם דעמאָל־טיקן איינדרוק). דאָ האָט מיך געאָרג בראַנדעס אָפּגעשטעלט און בייז אויסגערופן: „איך בין קיין מאָל נישט געווען ווייט פון יידישן פאָלק, כאָטש מיינע יידישע קעגנער האָבן מיך געוואָלט דערווייטערן פון אים, און מיינע קריסטלעכע קעגנערס און שונאים האָבן דווקא געוואָלט, אַז איך זאָל מאַניפעסטירן מיין יידישקייט״. געאָרג בראַנדעס האָט גלייך דערנאָך אָנגעהויבן צוזאַמענקלייבן פון די טיפע פאַליצעס אַלצדינג, וואָס ער האָט געשריבן וועגן יידן (פונקט ווי ער האָט פריער געהאַט געטאָן שריפטלעך, אויסרעכענענדיק זיינע וויכטיקסטע יידישע ווערק, אין דעם פריער־

געבראַכטן בריוו צו מיר) און דערביי געמאַכט שאַרפע קאָמענטאַרן. עס האָט זיך באַקומען אַ גאַנצע ליטעראַטור נישט בלויז פון אַ גרויסן, מוטיקן שריפטשטעלער, נאָר אויך פון אַ שטאָלצן ייד.

בראַנדעס האָט געהאַט אַ פענאָמענאַלן זכרון. ער האָט געאַרבעט זעכצן שעה אין מעת־לעת, אָפט נאָך מער. ער האָט זעלטן ווען זיך באַנוצט מיט אַ סעקרעטאַר. ער האָט אויך נישט געהאַט קיין שרייבמאַשינקע. אין מיטן דער נאַכט פלעגט ער אַליין אַרונטערגיין און אַוועקשיקן דאָס אָנגעשריבענע צו דעם באַקאַנטן סקאַנדינאַווישן פאַרלאַג „גילדענדאַל״, אָדער אין דער צייטונג „פּאָליטיקען״, צי אין אַ זשורנאַל. פון די שכירות וואָס ער פלעגט קריגן פון זיין פאַרלעגער האָט ער נישט געקענט אויסקומען. ער האָט דעריבער אויך געמוזט שרייבן אַרטיקלען. איך האָב שוין אַ מאָל געשריבן, ווי אָנגעלייגט עס זענען געווען ביי אים די פיר הונדערט דאָלאַר, וואָס דער חשובער מאַקס מייזעל האָט אים צוגעשיקט „ראַיאַלטי״ פאַר דער איבערזעצונג.

בראַנדעס האָט פאַרעפנטלעכט, צווישן זיינע הויכע זיבעציקער־אכציקער יאָרן, אַ חוץ צענדליקער עסייען, אַ בוך וועגן דער ערשטער וועלט־מלחמה („די דעבאַטע מיט קלעמאַנסאָ״), זיינע ווערק וועגן „וואָלטער״, „געטע״, יוליוס צעזאַר״ און „מיקעל אַנדזשעלאָ״ — דאָס זענען טויזנט־זייטיקע ווערק — און אַ בוך „יעזוס — אַ לעגענדע״.

געאָרג בראַנדעס איז געווען אַ רעוואָלוציאָנער. ער האָט נישט אויסבאַהאַלטן זיין קעגנערשאַפט צום פּאָליטישן רעזשים פון זיין לאַנד דענעמאַרק, און פון אַנדערע לענדער, נאָר אדרבא, ער האָט שטאַרק באַקעמפט די רעאַקציע און די גייסטיקע אָפּגעשטאַנענקייט פון סקאַנדינאַוויע. ער האָט אויך נישט געמאַכט קיין סוד פון דעם, וואָס ער איז אַן אַטעאיסט. צוליב זיין „אַטעאיזם״ האָט ער נישט געקראָגן די רעגולערע פּראָפעסאָר־שטעלע פון עסטעטיק אין קאָפּענהאַגענער אוניווערסיטעט. צוליב דעם האָט ער אויף אַ צייט לאַנג פאַרלאָזט דענעמאַרק און זיך באַזעצט אין דייטשלאַנד. ער האָט זיך אומגעקערט אין זיין היימלאַנד נאָך דעם ווי די אָנגעזעענסטע אינטעלעקטואַלן פון לאַנד האָבן זיך געווענדט צו אים מיט אַ ספּעציעלן אַדרעס און געבעטן אים אַהיימצוקומען.

ווען געאָרג בראַנדעס איז שוין געווען אַ זקן אין די זיבעציקער האָט ער אין דעם קריסטלעכן לאַנד דענעמאַרק, אַרומגערינגלט פון אַ קריסטלע־

כער סביבה, פאַרעפנטלעכט דאָס פריער דערמאָנטער בוך „יעזוס — אַ לעגענדע". דאָרט באַווייזט ער מיט אַן אַ שיעור היסטאָרישע ראיות און דאָקומענטן, אַז די גאַנצע מעשה יעזוס איז בלויז אַ פיקציע.

געאָרג בראַנדעס איז געשטאָרבן דעם 19טן פעברואַר, 1927. אין דענעמאַרק, ווי בכלל אין סקאַנדינאַוויע, איז יענער טאָג געווען אַ נאַציאָנאַלער טרויער־טאָג. דער העכער 85־יאָריקער געאָרג בראַנדעס האָט איבערגעלאָזט אַ צוואה, אַז מען זאָל אים קרעמירן און זיינע רייכע ביבליאָטעק מיט אַלע כתב־ידן, מאַנוסקריפטן און זעלטענע אויסגאַבעס יקר המציאות, זאָל מען איבערגעבן אין רשות פון דער קאָפּענהאַגענער קעניגלעכער ביבליאָטעק. ער איז געווען גייסטיק שעפעריש ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן.

„אידישער קעמפער", תשי"ט

העגרי נאַטאַנסען

בשעת היטלער האָט נאָך געבושעוועט, איז אָנגעקומען פון דענעמאַרק אַ ידיעה אַז הענרי נאַטאַנסען, דער יידישסטער שריפטשטעלער פון גאַנץ סקאַנדינאַוויע, איז געשטאָרבן. שפּעטער האָט מען זיך דערוווּסט די פּרטים, ווי אַזוי ער איז אומגעקומען דורך די נאַצי־רוצחים. די נאַצישע רוצחים האָבן אים געטריבן צו זעלבסטמאָרד, וואָס ער איז באַגאַנגען אין שוועדן, ווו ער האָט זיך געפונען מיט די אַנדערע דעניש־יידישע פּליטים.

עס איז קיין שום ספק נישט, אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען מען וועט הענרי נאַטאַנסענס ווערק איבערזעצן אויף יידיש און אויף העברעאיש, דאַן וועט זיך די יידישע וועלט ערשט דערוויסן, וואָס פאַר אַן אייגנאַרטיקער און טיפער יידישער שרייבער און ליכטיקע יידישע פּערזענלעכקייט ער איז געווען.

הענרי נאַטאַנסען אַליין האָט געהאַט אַן אינערלעכן גלויבן, אַז סוף כל סוף וועט אים די יידישע וועלט באַמערקן און ער וועט געלייענט ווערן אויך פון יידישע לייענער. אמת, גלייך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה

האָט אַ צאָל יידישע זשורנאַליסטן, ציוניסטישע טוער און יידישע שרייבער, וואָס האָבן זיך דעמאָלט אויפגעהאַלטן אין קאָפּענהאַגען, זיך באַקענט מיט הענרי נאַטאַנסענען און זיי זענען געריררט געוואָרן פון זיין שיינער פּערזענ־לעכקייט און וואַרעם יידיש האַרץ, אָבער הענרי נאַטאַנסענס ווערק, צוליב דעם וואָס זיי זענען געשריבן אויף דעניש, זענען געווען פאַר זיי אַ פאַר־מאַכט בוך.

אין דענעמאַרק איז הענרי נאַטאַנסען געלייענט געוואָרן פון דער סאַמע עקסקלוסיווער אינטעליגענץ און פון יענע דענישע אינטעלעקטואַלן, וואָס האָבן געהאַט אַ חוש און ליבע פאַר עסטעטיק און אמתער קונסט.

די דענישע יידן האָבן אים אָבער נישט ליב געהאַט צוליב זיין כסדריקער „מאַניפעסטאַציע פון דער יידישער נשמה און פון יידישן וועזן".

אָבער די דענישע יידן האָבן זיך אויך אָפּגעטרייסלט פון מאיר אהרן גאָלדשמידט, בשעת ער האָט אין יאָר 1846 אַרויסגעגעבן דאָס קלאַסישע ווערק „אַ ייד", און צענדליקער אַנדערע דערציילונגען און נאָוועלן אויף יידישע טעמעס.

*

ווי אומעטום אין דער וועלט, האָבן אויך יידן אין דענעמאַרק, אין משך פון דורות געמוזט קעמפן נישט נאָר פאַרן טעגלעכן ברויט, נאָר אויך פאַר זייערע מענטשלעכע רעכט. זייער גייסטיק לעבן איז געווען זייער אָרעם. דער איינציקער גייסטיקער אינטערעס איז געווען רעליגיע, דער איינציקער גייסטיקער צענטער איז געווען די שול.

ערשט די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע וואָס האָט פּראָקלאַמירט מענטשן־רעכט און האָט געוועקט אומעטום אַ שטרעבונג צו עמאַנציפּאַציע, האָט געגעבן דעם ערשטן סיגנאַל צו דער ווידערגעבורט און דער באַפרייאונג אויך פון יידישן פאָלק.

אין יענער צייט האָבן זיך באַוויזן די ערשטע יידישע שרייבער אין דענעמאַרק, די אָנגעזעעענסטע פון זיי זענען געווען הענריק הערץ און מאיר אהרן גאָלדשמידט.

הענרי נאַטאַנסען איז געווען דער גייסטיקער יורש פון אַלע שיינע יידיש־הומאַנע טראַדיציעס פון מאיר אהרן גאָלדשמידט. הענרי נאַטאַנסען



הענרי נאַטאַנסען

איז אָבער געווען אַ קינד פון 20סטן יאָרהונדערט. זיין יידיש באַוווסטזיין איז נישט געווען קיין פּראָדוקט פון דרויסן. נישט זיין היים, און נישט די סביבה, ווו ער איז אויסגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן, האָבן געטראָגן אַ וועלכן עס איז רעליגיעזן אָדער יידיש־נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. נישט פון דער דערציונג (ער האָט זיך געלערנט אין אַ קריסטלעכער שול) האָט דאָס יידנטום געפונען אַ וועג אין זיין נשמה. וואָס עס איז נייטיק געווען פאַר זיין יידישן וווקס און באַוווסטזיין, האָט זיך באַהאַלטן אין קוואַלן און ערדשיכטן פון פריערדיקע דורות.

אויב אפילו זיין יידיש באַוווסטזיין האָט זיך דירעקט נישט דערנערט פון דרויסנדיקע איינפלוסן, האָבן דאָס לעבן, די צייט, מיטגעהאָלפן זיין וווקס.

דאָס איז געווען אין יאָר 1918, בשעת די פּאָליאַקן האָבן געמאַכט פּאָגראָמען אויף יידן אין פּוילן. אין יענער צייט האָבן אויך די יידן אין קאָפּענהאַגן גערופן אַ פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג און פאַרבעטן הענרי נאַטאַנ־סענען, אַז ער זאָל זיך אויך באַטייליקן מיט זיין וואָרט פון פּראָטעסט.

אַ סך יידן זענען אויף יענער פאַרזאַמלונג געווען, אויך די יידישע שרייבער און כלל־טוער, וואָס האָבן זיך דאַן אויפגעהאַלטן אין קאָפּענהאַגן. איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן דעם טיפן איינדרוק, וואָס הענרי נאַטאַנסען האָט געמאַכט אויפן גאַנצן עולם.

די גאַנצע רעדע איז אַזוי צייטלעך, ווי זי וואָלט ערשט היינט געהאַלטן געוואָרן. אָט זענען עטלעכע פּאַראַגראַפן פון יענער רעדע *:

„איך בין אין דעם ערשטן יאָר פון דער וועלט־מלחמה געזעסן אין אַ בירגערלעכער היים אין קאָפּענהאַגן. די היים איז געווען אינטעליגענט, דאָס געפיל פון דער היים — ליבעראַל און מענטשלעך. ווי תמיד דאַן, האָט מען גערעדט וועגן בעלגיע. דער בעל־הבית, אַ זייער בכבודיקער מענטש, האָט זיך אויפגעשטעלט און אין וואַרעמע, רירנדיקע ווערטער פּראָטעס־טירט קעגן די גרוילטאַטן און אכזריות, וואָס דייטשלאַנד איז באַגאַנגען

* דאָס קאָפּענהאַגענער ביוראָ פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט אַרויס־געגעבן די רעדע אויף דעניש, אונטערן טיטל: Protest mod Joede pogromerne (פּראָטעסט קעגן די פּאָגראָמען אויף יידן) רעדע, געהאַלטן ביי דער פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג אין קאָפּענהאַגן דעם 27טן נאָוועמבער 1918, צוליב די פּאָגראָמען אין פּוילן, פון הענרי נאַטאַנסען, דערשינען אין קאָפּענהאַגן אין 1919.

קעגן דעם קליינעם אָבער העראָאישן פאָלק. איינער נאָכן אַנדערן האָבן זיך די געסט אויפגעשטעלט און גערעדט אין דעם זעלביקן גייסט. דאָס צימער איז אָנגעפילט געוואָרן פון אַ ברויזיקן און הייליקן ציטער פון אַלמענטש־לעכן פאַרדרוס און גערעכטיקייט־געפיל. נאָר איינער איז שטיל געזעסן — איך. פלוצלונג האָט זיך דער בעל־הבית פון הויז געווענדט צו מיר און געזאָגט: „האָט איר גאָרנישט וואָס צו זאָגן? זענט איר דער איינציקער, וואָס פילט גאָרנישט דעם ברידערלעכן גייסט, וואָס נעמט אַרום אַלע אַנדערע אין אַ נויט, וואָס איז געמיינשאַפטלעך, ווייל זי איז מענטשלעך?" האָב איך זיך אויפגעהויבן און געזאָגט: „איך פיל דאָס זעלבע וואָס איר און אַלע אַנדערע, אָבער וואָס ווילט איר זאָל איך זאָגן? איז דאָס עפּעס נייעס פאַר מיר? עפּעס אומדערהערטס? אין משך פון הונדערטער יאָרן האָט מיין פאָלק געליטן, אַ וועלט איז געווען זיין שונא, קיינער נישט — זיין פריינד. איצט פילט זיך די וועלט מיט רעכט פאַרביטערט, ווייל אַ פאָלק איז באַעוולט געוואָרן, גרויזאַם באַעוולט. יעדער איינציקער מענטש אין גאָר דער וועלט פילט זיך געקרענקט און פאַרביטערט. וווּ איז די פאַר־ביטערונג און דער פאַרדרוס געווען, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן מיין פאָלק? ווער האָט זיך געפילט געקרענקט, באַליידיקט, אויפגערודערט אין זיין מענטשלעכקייט, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן די אַכזריות, וואָס מיין פאָלק האָט אין יאָרהונדערטער געליטן? אַ פאָלק אָן אַ לאַנד, אָן רעכט, אָן הילף, אָן פריינד. ווייל איר האָט אַלע געשוויגן אין משך פון אַלע יאָרן, און שוויגט נאָך ביזן היינטיקן טאָג, וועגן די ליידן און אומגליקן פון מיין פאָלק, דערפאַר האָב איך געשוויגן. דאָס, וואָס איר האָט געפילט אין אַ קורצער צייט אין אייער לעבן צו אַ פאָלק, הינטער וועמען עס שטייט אַ וועלט מיט סימפּאַטיע, דאָס האָב איך געפילט מיין גאַנץ לעבן און דורות פאַר מיר צו אַ פאָלק, הינטער וועמען עס איז געשטאַנען אַ וועלט מיט פיינטשאַפט, געפיללאָזקייט און פאַראַכטונג". און נאַטאַנסאָן רעדט ווייטער: „דאָס איז אונדזער אָנקלאַגע. די וועלט האָט געזען און געהערט, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן ליידן פון אַנדערע פעלקער, האָט אָבער דער אומגליק געטראָפן אונדזער פאָלק, איז די וועלט געווען בלינד און טויב".

און אין שטילע רירנדיקע טענער דערציילט נאַטאַנסאָן וועגן יידישע ליידן, נישט וועגן יענע אכזריותן, וואָס שרייען אַזוי הויך צום הימל, אַז דאָס פאַרמאַכטסטע אויער און האַרץ מוז זיך עפענען, נאָר וועגן קליינע

פאַלן פון נקמה און האַס, קנאה און שנאה, וואָס שפּיגלען אָפּ צום שאַרפסטן און צום בולטסטן די הויך־באַזונגענע מערב־אייראָפּעאישע קולטור, ווי אַ שלעכטע און אָפּשרעקנדיקע קאַריקאַטור: „דו קומסט אָן אַן אָוונט אין אַ גרויסער שטאָט אין דרום, מיד און פאַרמאַטערט פון אַ לאַנגער און שווערער נסיעה. דו קומסט אָן אין אַ גרויסן און קולטורעלן קנוילפּונקט, באַרימט מיט זיין קונסט און אינדוסטריע. עס געלינגט דיר צו קריגן אַ טרעגער, וואָס וויל דיר באַהילפיק זיין צו געפינען אַ האָטעל, און אין דער טיפער פינצ־טערניש שלעפּט מען זיך ביי זיין זייט דורך דער שלאָפנדיקער נאַכט. ענדלעך האָט מען געפונען וואָס מען האָט געזוכט — אַ גרויסער באַלויכ־טענער האָטעל שטראַלט דיר אַנטקעגן. דער טרעגער האָט באַקומען זיינס און אויך אַ דאַנק פאַר דער טירחה, און צופרידן פון דער אויסזיכט נאָך דער רו, וואָס מען נייטיקט זיך אַזוי שטאַרק, טרעטסטו אַריין אין ליכטיקן זאַל. דער פּאָרטער קוקט אַ רגע אויף דעם אַריינקומענדיקן, רופט העפלעך צו אַ מענטשן, געקליידט אין אַ שיינעם פראַק, יענער באַטראַכט דיך אַ וויל און רוימט עפּעס איין דעם פּאָרטער, וואָס האַלט זיך אין איין בוקן. דער פּאָרטער דערנעענטערט זיך ווידער צו דיר, און זאָגט מיט אַ באַדויערנדיקן צי מיט די אַקסל: „אין דעם האָטעל נעמען מיר נישט אַריין קיין יידן".

אָדער מען איז אַריינגעקומען אין אַ רעסטאָראַן אין אַ וועלט־שטאָט, אין דעם צענטער פון דעם קאַליידאָסקאָפּיש־געפּאַרבטן לעבן פון דער וועלט־שטאָט. רואיק האָט מען זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל און געבעטן די צייטונגען, צופרידן און געמיטלעך פונעם געדאַנק, אַז מען איז אין אַ לאַנד, וואָס מען פאַרשטייט זיין שפּראַך, און מען קען זיין לעבן, און וואָס מען האָט ליב זיין קונסט און קולטור.

דורך אַ פאַרשטיקט מורמלען וועקט זיך פּלוצלונג דיין אויפמערק־זאַמקייט, און דו באַמערקסט אין מיטן צימער אַ גרופּע אָפיצירן, וואָס רעדן שטיל אָבער צודרינגלעך מיט אַ מענטשן וואָס איז באַהאַלטן הינטער די געפּאַרבטע אוניפאָרמען. באַלד האָט זיך דער קרייז געעפנט און אַ מענטש דערנעענטערט זיך צו דעם פּלאַץ, ווו דו זיצסט, דערנעענטערט זיך אונטער אַלעמענס אויפמערקזאַמע בליקן. ער קומט צו צו דיר און רוימט דיר איין העפלעך אָבער באַפעלעריש: „אַנטשולדיקט, דער דאָזיקער רעסטאָראַן איז נישט פאַר קיין יידן!".

און נאָטאַנסאָן רעדט ווייטער אין אַ טאָן פון מאָנונג און בטחון: „אַ

נייע צייט האַלט איצט אין אָנקומען. שלום איז דאָס באַפרייענדיקע וואָרט. דער פעלקער־פאַרבאַנד — די געלויבטע אידעע. און אויף דער שוועל פון דער נייער צייט שטייט ווידער דער מערדער מיט דער שווערד אין האַנט. וועט איצטער ווידער אונדזער פאָלק אויסגענוצט ווערן ווי דער שעיר לעזאזל פאַר דעם בלוטיקן קאַמף וואָס האָט געבושעוועט? פאַר די אומדערהערטעליידן, וואָס אַנדערע האָבן געבראַכט אויף דער וועלט? וועט זיך די טרויעריקע מעשה פון דער געשיכטע אויף ס'ניי איבערחזרן, איצט ווי פריער? וועט אונדזער פאָלק זיין דאָס איין און איינציקע וואָס האָט גאָרנישט צו דערוואַרטן, דאָס איינציקע וואָס קיינער וויל נישט העלפן?".

העברי נאַטאַנסען האָט גוט געקענט די מערב־אייראָפּעאישע קולטור. דער באַראָמעטער איז נישט בלויז געווען דער אופן ווי אַזוי מען האָט באַהאַנדלט דעם יידן, ער האָט געחלומט און געבענקט נאָך אַן אייגן יידיש לאַנד. דאָס איז אָבער געווען אַ געהייליקטער און געלייטערטער ציוניזם, ער האָט גוט געוווּסט וועגן די שווערע נסיונות, וואָס שטייען פאַר דעם יידישן פאָלק. ער האָט נישט דערוואַרט קיין הילף פאַר די יידן פון די אייראָפּעאישע לענדער. ער האָט נישט געהאַט קיין צוטרוי צו ענגלאַנד און אירע צוזאָגן. „אייראָפּע איז אָנגעשטעקט מיט פעסט־באַצילן און איר נשמה איז פאַרדאָרבן", האָט ער געשריבן אין 1918. „די ישועה וועט און מוז קומען פון דעם לאַנד, ווו מיר זענען דאָס ערשטע מאָל אין אונדזער לאַנגן גלות־לעבן אויפגענומען געוואָרן ווי מענטשן און ברידער; די הילף וועט קומען פונעם יינגסטן לאַנד, פון דער יינגסטער קולטור פון דער נייער וועלט — אַמעריקע. דאָס לאַנד איז דורך דעם חסד פון גאָט באַשטימט צו פירן די פאַרבלאָנדזשעטע און צעטומלטע אייראָפּע אויף נייע וועגן, צו נייע צילן. דאָס לאַנד איז אויך דורך דעם חסד פון גאָט באַשטימט צו זיין אין דער שפּיץ פון די פעלקער, צו פירן אויך אונדזער פאָלק צו זיין אמתער היים, נאָך זיין לאַנגן גלות". אַזוי האָט העברי נאַטאַנסען געשריבן אין 1918, בשעת די האָפענונגען אויף ענגלאַנד און אויף דער באַלפור־דעקלאַראַציע זענען געווען אין פולן בלי.

אַוודאי האָט העברי נאַטאַנסען געשריבן עסייען, ווו ער האָט אַרויסגעוויזן אַ סך ערודיציע און בקיאות אין פּאָליטישן און גייסטיקן לעבן פון אייראָפּע, אָבער נאַטאַנסען איז באַרימט ווי אַ ראָמאַניסט און שרייבער פון

פּיעסן, מעגן די עסייען זיין געשריבן ווי פּאָעטיש־קינסטלעריש און מיט דער דערפאַרונג פון חכמה און אַחריות, אָבער נאָך איין עסיי וועל איך דאָ אויספירלעך באַרירן, ווייל זי האָט, דאַכט זיך מיר, מער ווי אַ געוויינלעכן ווערט פאַר אונדז. איך וויל נישט זאָגן אַ היסטאָרישן ווערט. און וואָלט זי געווען געשריבן אין יידיש, וואָלט זי שוין לאַנג אויסגענוצט געוואָרן אין דער דעבאַטע וועגן גענאָרג בראַנדעס׳ שטעלונג צום יידישן פאָלק.

פון יאָר 1902 ביז 1927 ד״ה ביז צום טויט פון געאָרג בראַנדעס, איז הענרי נאַטאַנסען געווען בראַנדעס׳ אינטימסטער פריינד. אין יאָר 1902 האָט הענרי נאַטאַנסען אָנגעשריבן אַ נאָוועלע „דער טייך״. דאָרטן שילדערט ער אַ געוויסן דאָקטאָר פראַנק, אַ דעניש־יידישן שרייבער מיט אַ וועלט־נאָמען, וואָס זוכט כסדר אויפצוטרעטן ווי אַ פּולבלוטיקער דענער, הגם יענע באַצייכענען אים ביי יעדער געלעגנהייט ווי אַ פרעמדן, אָדער ווי אַ ייד. נאַטאַנסען זאָגט דאָרטן: „ביי אָט דעם דאָקטאָר פראַנק (ער רופט אים אויך „דער יידישער האַמלעט״) איז פאַראַן אַ מאָדנער ווידערשפּרוך, וואָס קלינגט פּאַראַדאָקסאַל — דער ,אַנטי־יידישער אינסטינקט אין זיין יידישער נאַטור׳ ״.

ווען נאַטאַנסען האָט אָנגעשריבן יענעם ראָמאַן, האָט ער באַזוכט בראַנדעסן און פון דעמאָלט אָן איז פאַרבונדן געוואָרן אַן אינטימע פריינד־שאַפט צווישן די צוויי יידיש־דענישע שרייבער, וואָס האָבן געהאַט אַ היפּוכדיקע שטעלונג צו נאַציאָנאַלע יידישע פראַגן. אין אינטימע יידישע קרייזן אין דענעמאַרק האָט מען געוווסט, אַז הענרי נאַטאַנסען פּרובירט פאַראינטערעסירן בראַנדעסן, אַז ער זאָל אַרויסטרעטן פאַר יידישע אַספּי־ראַציעס, באַזונדערס פאַרן ציוניזם. פון צייט צו צייט זענען זיי געווען צעקריגט, אָבער נישט אויף לאַנג.

און אָט האָט אין יאָר 1922 הענרי נאַטאַנסען פאַרעפנטלעכט אַ לענגערן עסיי — „צוויי בריוו״. דאָס איז אַ וויכוח צווישן צוויי אינטימע יידישע פריינד, וואָס האָבן פונקט אַ קעגנגעזעצטע שטעלונג צום יידנטום. מען דערקענט גלייך, סיי לויטן פּאַטאָס, לויט דער שפּראַך, מאַניר, געדאַנק און אידעאישן איינשטעל, אַז דער ערשטער בריוו דאַרף פאַרשטעלן געאָרג בראַנדעסן, און דער צווייטער — דער ענטפער — הענרי נאַטאַנסענען. און דאָך, ווען דער שרייבער פון די שורות האָט נאָך דעם ווי די „צוויי בריוו״ זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן, באַזוכט פריער הענרי נאַטאַנסענען און אים

געפרעגט, צי ער האָט אין זינען געהאַט מיטן ערשטן בריוו געאָרג בראַנ־דעסן, האָט נאַטאַנסען וואַרעם געשמייכלט און זיך אָפּגעהאַלטן פון געבן אַן ענטפער. און ווען איך האָב באַלד דערנאָך באַזוכט געאָרג בראַנדעסן, און האָב אויף אַן אומשולדיקן אופן אַ פרעג געטאָן אים, צי האָט ניט העגרי נאַטאַנסען אים געמיינט אין דעם עסיי „צוויי בריוו", האָט בראַנדעס כמעט אין אַ בייזן טאָן אַ זאָג געטאָן — „ווי פאַלט אייך איין אַזאַ זאַך, דורכויס נישט".

סיי ווי דינט דער דאָזיקער עסיי מער ווי אַ שליסל צו בראַנדעס' יידיש־קייט.. נאָך דעם וויביידע פריינד האָבן געהאַט אַ היציקן וויכוח, און, ווייזט אויס, זיך שטאַרק צעקריגט. און הגם עס איז שוין געווען אַ שפּעטע נאַכט־שעה, זעצט זיך קאַרל מאַרקוס אַוועק און שרייבט אַן זיין פריינד אַ בריוו. פון דעם דאָזיקן בריוו וועלן מיר ציטירן עטלעכע פּאַראַגראַפן:

„איך בין אַ ייד פּונקט ווי דו. דאָס פילט מיך נישט אַן נישט מיט שטאָלצקייט און נישט מיט הכנעהדיקייט. דאָס איז אַ פאַקט וואָס וואָלט פאַר מיר געווען גלייכגילטיק, ווען נישט נאַרישקייט אויף איין זייט, און גדלות אויף דער צווייטער זייט, וואָלטן מיר, אויף שריט און טריט, געגעבן דאָס צו פילן. איך בין געבוירן געוואָרן אין אַ יאָרהונדערט בעת די שטייגנדיקע אויפקלערונג, דעמאָקראַטיע און אַנאַציאָנאַליזירונג האָבן גע־זוכט צו פאַרנעמען דאָס אָרט פון פריערדיקע אָבסקוראַנטיזם, קלעריקאַליזם און שאָוויניזם. מיין ציל איז געווען, אין מיין באַשיידנקייט, צו זיין אַ מענטש צווישן מענטשן. דאָס יידנטום איז פאַר מיר געווען אַ רעליגיע, און ווי אַזאַ — ווי יעדער אַנדער רעליגיע, — אַ געפיל־זאַך, אַ פּריוואַט־זאַך. נישט איך האָב געוואָלט זיך צוריקקערן צו דער געטאָ, און נישט איך האָב געוואָלט פאָרן קיין פּאַלעסטינע. אין משך פון אונדזער היינטיקן שמועס האָסטו געזאָגט אָט די ווערטער, וואָס פאַרמאָגן זיכער אַן אמת: ‚איך בין אין דער אמתן נאָר אין דער היים אין מיינע חלומות, אָבער איך בין קיין מאָל נישט דאָרטן ווו איך בין'. אָבער דער אמת קען אויך זיין טרויעריק; איך בין דאָרט ווו איך בין, און דאָרטן וויל איך אויך פאַרבלייבן, אַזוי לאַנג ווי גוטע כוחות וועלן מיך באַשיצן".

„אמת, איך בין אַ ייד, דאָס איז אַ פאַקט, אָבער אויך אַ פאַקט קען זיין טרויעריק. איך וואָלט קיין מאָל נישט געוואָלט ברענגען דעם זעלבן נישט פאַרדינטן גורל אויף אַנדערע און איך האָב עס קיין מאָל נישט געטאָן.

איך האָב אָפּגעשמדט מיינע קינדער נישט צוליב מיר, נאָר צוליב זיי... זאָל זיי דערלויבט זיין זיך פריי צו באַוועגן אין די גרענעצן, וואָס מנהגים, זיטן און טראַדיציעס שטערן. דער שמד איז פאַר מיר נישט קיין רעליגיע, ער איז אַ פּאַקן־צעטל"...

„איך בין געבוירן געוואָרן אין דענעמאַרק, פיל מיך ווי אַ דענער, בין אַ דענער. אַלצדינג איז פאַר מיר צוגעבונדן צו דעם לאַנד, מיין משפחה, מיינע פריינד, מיין שפּראַך, מיין אַרבעט, מיין לעבן. ווו איך גיי און ווו איך שטיי, פיל איך מיך אין דער היים. אין דער נאַטור פון לאַנד, אין זיין גייסט, אין זיין קונסט. מיר דאַכט זיך, אַז מיין לאַנד איז דאָס סאַמע בעסטע, נישט ווייל עס איז אַזוי, נאָר דערפאַר ווייל איך פיל דאָס. פון דעם דאָזיקן קוק־ווינקל פאַרשטיי איך אַלע אַנדערע. זייער לאַנד מוז זיין דאָס זעלבע פאַר זיי, ווי מיינס איז פאַר מיר. דאָס איז אַ פּאַטערלאַנד־ליבע אָן פּאַטאָס, אָן פּאַטריאָטיזם און אפילו אָן נאַציאָנאַליזם. אַ געזונט און נאַטירלעך היים־געפיל. אין טעגלעכן לעבן אָפּגעגרענעצט פון מיינע חדרים, אין דעם עפּנטלעכן לעבן — פון די גרענעצן פון מיין לאַנד. מחוץ די גרענעצן פון מיין היים, קען זיין גליקלעך פאַר אַנדערע, אומבאַדייטנדיק פאַר מיר. פאַרן, כדי צו לערנען און דערציילן אַנדערע וועגן מיין היים, דאָס איז עפּעס אַנדערש. און דאַן זי ווידער זען, פילן צו איר אַ טאָפּלטע ליבע, ווען איך קער זיך ווידער אַמאָל אַהיים, אַהיים, יאָ אַהיים!".

„אָבער איצט דערנעענטער איך זיך צו דעם הויפּט־פּונקט. און איך וועל פּרובירן, אָן איבערצוטרייבן, אויסצודריקן זיך אַזוי רואיק, ווי די שפּעטע נאַכט־שעה דערלויבט עס, און אויף וויפל מיין טיפע פריינדשאַפט צו דיר פאָדערט עס".

„איך בין אַ ייד. אַ וואָרט פאַר מיר, אַ נאָמען, וואָס וועקט נישט אין מיין האַרצן קיין שום עמפינדלעכע שטימונג. להיפוך, אַ וואָרט, וואָס האָט פאַר מיר אַ בייקלאַנג, וואָס פאַראורזאַכט אַז איך הער עס אומגערן, און איך אַליין זאָג עס בלויז אַרויס מיט אומצופרידנקייט. אַ וואָרט, וואָס איך וואָלט וועלן, אַז עס זאָל אויסגעלאָשן ווערן פון דער צאָל פון די לעבעדיקע, ווייל עס האָט דורך דער אומדערקלערלעכער מעלאָדיע באַקומען אַ טאָן פון נויט, הכנעה, חרפּה, שטראָף, קנאה, האַס... עס געפינט זיך נישט קיין וואָרט, וואָס זאָל אילוסטרירן די מער קערפּערלעכע ווי גייסטיקע אומאָנגענעמקייט וואָס איך פיל דערביי"...

„איך קען, זעלבפאַרשטענדלעך, יידן, וואָס באַאיינפלוסן מיך מיט סימפּאַטיע, נעמען מיך דורך מיט זייערע מילדע נשמות, און דורך דער אייגענער גילדענער איינזאַמקייט. אָבער ווי מערקווירדיק דאָס זאָל אַפילו נישט קלינגען, זיי ווירקן אויף מיר ווי ווייטע און פרעמדע טיפּן. איך האָב צו זיי דעם זעלבן געפיל ווי אין דער פרעמד צו פרעמדע“...

„אומעטום, ווו איך האָב דיך אין אונדזער צוזאַמענזיין געפילט ווי אַ ייד, צי אין דיין שפּאַט, צי אין דיין פּאַטאָס, ביסטו מיר געוואָרן פרעמ־דער, ווי די ווייטסטע פון מיינע פריערדיקע פריינד“.

„יאָ, איך רעד צו דיר אָפן, אפשר דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, דו ווייסט פונקט אַזוי גוט ווי איך, אַז אָפנהאַרציקייט איז נישט קיין יידישע מידה. אין משך פון דורות זענען מיר געצוווּנגען געווען צו כאַמעלעאָנישע פאַרוואַנדלונגען. לכתחילה פון נויט, דערנאָך פון טוגנט. הן פאַר אייגענע, הן פאַר פרעמדע. מיר האָבן געזען, אַז מיר זענען אויף אַן אויסגעזעצטן פּאָסטן, דעריבער האָבן מיר אויסגעמיטן אונדזערע אייגענע, כדי די טאָפּלטע אונטערשטרייכונג זאָל נישט פירן צו דער אויפמערקזאַמקייט טאָפּלט שטאַרק, אויף יעד איינציקן פון אונדז“.

„איך פאַראַכט דאָס מאָלן יידיש לעבן אין טעאַטער. איך קוק אויף דעם ווי אויף אַ נידעריקער פאַרשטעלונג, וואָס פאַרוויילט אַ נאַרישן המון. דאָס פאַרווונדעט נישט בלויז מיין עסטעטישן חוש, נאָר דאָס פאַרלעצט טיף מיין טאַקט־געפיל און חרפה. ניין, איך וויל היינט אָוונט זיין גאַנץ ערלעך און זיך נישט מאַכן בעסער ווי איך בין. חרפה, דאָס וואָרט הינטער וועלכן מיר יידן זוכן זיך צו באַהאַלטן, ווען מיר ווילן נישט אויפטרעטן מיטן יידישן פּנים, איז דאָך סוף כל סוף נישט דאָס וואָרט. האָט מען אַ הויקער, וויל מען נאָר איין זאַך, באַהאַלטן אים הן פון דער נייגעריקייט פונעם המון, הן פון זיין מיטגעפיל. און איך פיל מיין הויקער, איך גיב דאָס רואיק צו, ווען איך הער אָדער זע דעם יידישן טיפּ באַהאַנדלט ווי אַן עקסקלוסיווע נאַטור־דערשיינונג, דעמאָלט פיל איך, ווי די געטאָ רוקט זיך בילדלעך אָן אויף מיין לעבן, און איך קער זיך אָפּ מער פרעמד צו מיינע אייגענע, ווי צו אַ וועלכן עס איז אַנדער פאָלק אויף דער ערד“.

„איך ווינטש נאָר איינס — פרידן, שטילקייט אַרום מיך נאָמען ווי אַ ייד. איך בין ווייט און פרעמד פון דעם געדאַנק פון אַ יידיש פאָלק, וואָס זאָל זיין וועזן־פאַרשיידן און נאַציאָנאַל באַוווּסטזיניק צווישן אַנדערע. איך

ווייל נישט האָבן אונטערגעשטראָכן דעם יידישן טאָן און יידישע פאַרב דורך קינסטלעך פאַרליבטע אָפּזונדערונגען. איך וויל, אַז די יידישע נשמה זאָל מילדער ווערן, פאַרלירן איר פאַרב, דורך דעם צוזאַמענלעבן מיט אַנדערע, דורך דער רעזיגנאַציע און געזעלשאַפטלעכן פאַרקער, ווי עס שטערבט יעדער מין צוזאַמענלעבן. איך בענק נאָך דעם טאָג, וואָס מיינע אויגן וועלן זיכער קיין מאָל נישט זען, ווען דער נאָמען ייד וועט זיין א טויטער נאָמען, ווי די יידישע שפּראַך איז טויט, ווי דאָס יידישע לאַנד איז טויט. שוין איצט איז גאָרנישט פאַראַן, וואָס זאָל אונדז פאַרבינדן, נישט קיין גלויבן, נישט קיין קולטור, נישט קיין היים. מיר לעבן אין דעם לאַנד ווו מיר לעבן, אין אים, פאַר אים און פון אים. מיר האָבן נאָר איין ציל, דעם זעלבן, וואָס אַלע אַנדערע האָבן: צו געבן אונדזער לעבנס־ווילן און כוח צו דער צייט, צו וועלכער מיר געהערן״.

„און ווען עס וועט אַ מאָל קומען אָט יענע גליקלעכע צייט, וועט דער גייסט זיין פאַרביי. דאַן וועט זיך שוין קיין שום ייד נישט דאַרפן מער אָנשטרענגען איבער זיינע כוחות, כדי צו טריומפירן ווי דער ערשטער אין זיין קאַריערע אויפן חשבון פון זיין נשמה. קיין שום ייד וועט זיך מער נישט פילן ווי אַ געיאָגטע חיה אויף פרעמדער ערד. דאַן וועט ער צוריק באַקומען זיין שטאָלץ פּנים, דאַן וועט ער קענען באַפרייט נאָכטראַכטן וועגן דער בויט פון זיין פאָלק, און זיך אויסרוען הינטער די פּאַלמען פון שלום. דאָס לעבן וועט דאַן האָבן אים געשאָנקען אַ נייעם גלויבן, אַ נייע היים, אַ ניי פּנים און דער עיקר — אַ נייע נשמה, פאַראיידלט פונעם קאַמף, פאַרמילדערט פון דער רו, ווי זי איז פריער געווען פאַרהאַרטעוועט פון גייעג. ווען מיר וועלן שוין האָבן דערגרייכט אַזוי ווייט, דאַן וועלן מיר זיך קענען טרעפן אין פולער פאַרטרויליכקייט, צו געמיינשאַפטלעכער אַר־בעט, זייט ביי זייט, דאָס זעלבע פאָלק אין דעם זעלבן לאַנד. דאָס איז פאַר מיר דאָס איינציקע אויסדערוויילטע לאַנד, וואָס איז פאַראַן...

„פרידן — אין דעם נייטיקט זיך דאָס יידנטום, דו און איך, און אַלע מיליאָנען יידן, וואָס ליידן און האָבן געליטן, אונטער דעם פאַרשאָלטענעם קאַמף. פרידן פאַר אונדזער פרידנלאָזער נשמה. אונדז איז געלונגען צו איבערצייגן די וועלט אויף אונדזער רעכט צו לעבן. דער אופן ווי אַזוי מיר וועלן אויסנוצן אין דער צוקונפט דאָס דאָזיקע רעכט פאַר אַ פריי און האַרמאָניש צוזאַמענלעבן, ליגט אין אונדז גופא״.

„איצט האָב איך דיר געזאָגט, וואָס איז געווען אויף מיין האַרצן, אויף וויפל דאָס לאָזט זיך טאָן אין אַ שפּעטער נאַכט־שעה. אויך דו און איך נייטיקן זיך אין פרידן און רו, אין אונדזער פריינדשאַפט. ביסטו דו און איך דען נישט אַ בילד פון היפּוך, פון ווידערשפּרוך, אין דער יידישער געזעל־שאַפט? ווען דאָס יידנטום וואָלט אונדז נישט צעשיידט, וואָלט אונדזער פריינדשאַפט געווען אַ טיפער, געטרייער בונד, וואָס גלייכט אויס אַלצדינג אין פאַרטרויליכקייט און האַרמאָניע".

„און מיט דעם וויל איך ענדיקן. ווי טייער דיין פריינדשאַפט איז מיר, האָסטו אַזוי אָפט געפילט אַז דו דאַרפסט עס וויסן. די שאָטנס פון דער פאַרגאַנגענהייט זענען עס געווען, וואָס האָבן זיך צעלייגט היינט צווישן דיר און מיר און האָבן אונדז פאַרפינצטערט דעם אָוונט".

„איצט בין איך ווידער רואיק. איך דריק אין די געדאַנקען דיין האַנט. אַ גוטע נאַכט, אויף באַלדיקן ווידערזען! דיין קאַרל מאַרקוס".

נאַטאַנסען האָט גוט געקענט די מערב־אייראָפּעאישע יידן, באַזונדערס די הויכע יידישע אַריסטאָקראַטיע פון דער פאַר־היטלער־צייט. ער האָט גוט געקענט זייערע טענדענצן און ווונטשן, זייער פאַרלייקענען זיך אַליין, און זייער פּחדניש אַנטלויפן פון יידישן פאָלק.

אַוודאי האָט „דער בריוו" נישט באַצוועקט „צו שילדערן" געאָרג בראַנדעסן. סוף כל סוף איז דאָך „דער בריוו" (וואָס בלויז אַ טייל האָט דער לייענער דאָ געזען) „ליטעראַטור", „בעלעטריסטיק" און נישט אַלצדינג פּאַסט זיך פאַרן גרויסן פרייהייטס־גייסט, געאָרג בראַנדעסן, וואָס האָט אויך געשריבן מיט וואַרעמקייט וועגן אַ סך גרויסע יידישע פּערזענלעכקייטן און יידישע געשעענישן. ברענגט דאָך העבּרי נאַטאַנסען אַליין אין זיין בוך „געאָרג בראַנדעס — אַ פּערזענלעכקייט", וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1929, צום צווייטן יאָרצייט פון געאָרג בראַנדעסן, בראַנדעס׳ אַ וואַרעם אַרטיקל וועגן ציוניזם, און וועגן דעם פריער־דערמאָנטן העבריק הערץ שרייבט געאָרג בראַנדעס: „עס איז מיאוס פון אַ שרייבער, ווי העבריק הערץ, וואָס איז געבוירן אַ ייד, אַזוי אויסצומיידן צו באַהאַנדלען יידישע טעמעס, אָדער יידישע פּערזאָנען און אַפילו נישט צו דערמאָנען קיין יידישע נעמען, ווי עס וואָלט עפּעס אַ חרפּה געווען צו זיין אַ ייד. נישט איין אַקאָרד פון זיין לירע איז צוליב דעם פאַרלוירן געגאַנגען".

די שילדערונג איז גיכער געווען נוגע דעם גאַנצן קלאַס אַסימילאַטאָרן. דער „ערשטער בריוו" איז אָבער געשריבן דער עיקר, כדי אַרויסצוברענגען נאַטאַנסענס אייגענעם יידישן שטאַנדפונקט. דאָס איז דער קוק פון אַ נאַציאָנאַלן יידן, וואָס טרעט אויף שטאָלץ און מוטיק פאַרן רעכט פון די יידן צו עקזיסטירן ווי אַ פאָלק.

צווישן די מערב־אייראָפּעאישע יידן קען מען נישט געפינען צו פיל אַזעלכע נאַציאָנאַל־באַוווסטזיניקע יידן, ווי העגרי נאַטאַנסען איז געווען. ער שרייבט צו זיין פריינד קאַרל מאַרקוס, וואָס האָט זיך, ווי מיר האָבן געזען, אָפּגעזאָגט פון דער קרובהשאַפט מיטן יידישן פאָלק: „דו האָסט מיר געוויזן, ווו די געפאַר איז געלעגן, ווו דער שונא האָט געלויערט. דו און די סביבה, צו וועלכער דו געהערסט, זענען געוואָרן די געפאַר און דער שונא. דיין פאַרלייקענען און אָפּפאַלן האָבן באַשטימט מיין לעבן און די ריכטונג, וואָס מיין געדאַנק און געפיל האָבן מיט דער צייט אָנגענומען. וואָס מער דו ביסט אָפּגעשטאַנען און אַוועק, אַלץ שטאַרקער האָב איך זיך דערנענטערט צו דער אידעע וועגן אַ פאָלק, וואָס איז מיין. דו, וואָס ביסט געווען מיין פריינד, ביסט געוואָרן מיין שונא ווי אַ ייד".

אַזוי פיל נאַציאָנאַלער און נאַטירלעכער יידישער געפיל שטראָמט אַרויס פון נאַטאַנסענען, ער שרייבט ווייטער: „דו האָסט געפּיעשטשעט דיינע חושים און פאַרהאַרטעוועט דיין געמיט, דו האָסט פאַרמאַכט דיינע אויגן פאַר אַ בילד, וואָס האָט נישט האַרמאָנירט מיט דיין עסטעטישן פיין־געפיל. האָסט פאַרשטאָפּט דיינע אויערן פאַר אַ געשריי, וואָס איז נישט געווען אין הסכם מיט דיין מאָראַלישן ווױלגעפינען זיך. דו ביסט אימ־שטאַנד געווען צו כאַוון דיין ביטול פאַר דעם פאָלק, צו וועלכן דו געהערסט לויט דער אָפּשטאַמונג; דו און די דייניקע זענען קיין מאָל נישט געשטאַ־נען מיטן בעטלער־בריוו פאַר דער טיר, דו און דיינס גלייכן זענען נישט געטריבן אָדער גערודפט געוואָרן. וואָס האָט דיך געאַרט? דו האָסט זיך אָפּגעזאָגט פון דער קרובהשאַפט און פון יידישן נאָמען. דו האָסט דיינס געהאַט אויף דער יבשה, און האָסט זיך נישט געקימערט וועגן זיי, וואָס האָבן געבראָדיעט אין נאַסן דרויסן אַרום דיינע טירן. דו האָסט נאָך פעס־טער אַריבערגעצויגן די דעק איבער די אויערן און איינגעדרימלט זיס, איבערלאָזנדיק דעם שטורעם און רעגן אין דרויסן, ווי אַקאָמפּאַניאַמענטן צו דיין רודף־שלומדיקער רו".

„דיך פאַרהאַרטעוועטקייט און אַפּליקענען זענען עס געווען וואָס האָבן אַזוי אָפט אַרויסגערופן מיין צאָרן, און לעצטן מאָל, נעכטן ביינאַכט".

„עס איז פאַראַן ביי דיר און ביי די נישט־יידישע יידן אַ פלוס פון פאַרהאַרטעוועטקייט, אַ פלוס פון אַפּלייקענען, אַ לכתחילהדיק אָפּזאָגן זיך פון קרובהשאַפט. קיין מאָל אין לעבן האָב איך זיך נישט געפילט אַזוי הילפלאָז, פאַרשטויסן און אַליין, ווי צווישן די דאָזיקע, מיינע אייגענע. דו האָסט מיט מיר פאַרברענגט ווי אַ מענטש. און מיך אויסגעמיטן ווי אַ ייד. איך האָב געפילט, אַז איך בין פאַרראַטן געוואָרן, נישט בלויז דעקלאַסירט, נאָר דיסקוואַליפיצירט ווי אַ מענטש. און מיין געמיט, וואָס איז דורך דערציאונג, סביבה, און אומשטענדן, נוטה געווען צו איזאָלאַציע, האָט זיך איינגעטוליעט אין זיין איינזאַמקייט".

מען דאַרף געדענקען, אַז דאָס האָט נאַטאַנסען געשריבן אויף דעניש און נישט פאַר יידישע לייענער, און אין אַ דענישער צייטשריפט. אַוודאי האָט ער געהאָפט, אַז זיין שרייבן וועט אויך גרייכן אַ יידיש אויער.

הענרי נאַטאַנסען, דער טרוימער פון אַ פּראָדוקטיוו און אידעאַל יידיש לעבן אויף אייגענעם באָדן, האָט גייסטיק געליטן פון אַ צווייטן מין יידן, וואָס האָט פאַרמיאוסט דעם נאָמען ייד, פון יידישע ספּעקולאַנטן. ער שרייבט: „ווי פילט דאָס מיך אָן מיט זאָרג און חרפּה, אָט דאָס פּנים וואָס דאָס יידישע פאָלק ווייזט אַזוי אָפט פאַר דער וועלט. ווי קען איך דיר דערקלערן דעם מאָדנעם האָפענונגסלאָזן געפיל פון פאַרלוירנקייט. ווי מאַכט עס מיך טאָפּלט איינזאַם און אומעטיק, דאָס שפּיגל־בילד, וואָס באַגעגנט מיך אויף די וועגן און שטעגן פון אייגענעם פּנים און אייגן געמיט. דאָס פּנים פון מיינע קרובים. איז עס מיין משפּחה וואָס טומלט און ליאַרעמט אויף יעדן ראָג, אויף יעדן פּלאַץ? איז דאָס מיין בליק, מיין שמייכל? איז דאָס די אַנטוויקלונג, צו וועלכער מיין פאָלק איז אויסדערוויילט צו דערגרייכן — אַ ברויזנדיקער מוראדיקער פלייס, אָן טיפערע צילן, אָן ווייטערע פאַרלאַנגען, אַ קאַלטער מוח, וואָס באַרעכנט די הכנסות, אָן אומפּרוכטבאַר האַרץ, וואָס שטעלט אויס דאָס געווינס".

און נאַטאַנסען דערציילט ווייטער וועגן אַן אַנדער מין ייד, וואָס ער האָט באַגעגנט, באַזונדערס ביי די מזרח־אייראָפּעאישע יידן, „פּנימער און נשמות דערנערט פון אַ הייליקן פייער דורך פינצטערניש פון לאַנגע דורות".

„אין זייערע אומבאַרירטע נשמות שטראַלט נאָך אַרויס דער אור־

שפּרינגלעכער אידעאַל פון יידישן פאָלק — מילדקייט און הויכער דרך־ארץ פאַר ווערטן, וואָס ציען זיך נאָך פון תנ״ך אָן״.

דער קלימאַקס פון דעם ענטפער צו זיין פריינד איז נאַטאַנסענס ליידנ־שאַפטלעכער היימגעפיל. ער האָט נישט באַנוצט דאָס וואָרט ציוניזם, פונקט ווי ער האָט נישט באַנוצט דאָס וואָרט אַסימילאַטאָר. זיין קינסטלעריש־ראַפינירט אויער האָט אויסגעמיטן ביידע באַגריפן. „אַ פאָלק, וואָס האָט דורך משהן און די נביאים און דורך שפּעטערדיקע פרייהייטס־קעמפער געגעבן דער וועלט דעם מאָראַלישן יסוד, אויף וועלכן עס רוט די גאַנצע גייסטיקע אַנטוויקלונג״. און נאַטאַנסען פרעגט: „קען די וועלט, וואָס קעמפט איצטער איר אומגעהייערן קאַמף פאַר רעכט פון אַלע פעלקער, אָפּזאָגן דעם יידישן פאָלק, אין דער אַנטשיידנדיקער שעה, די אוראַלטע רעכט פון זאַמלען אויף אייגענעם באָדן אַלע זיינע צעזייטע און צעשפּרייטע כוחות, כדי צו אַנטוויקלען זיי אין פולער האַרמאָניע צו אַ הייכקייט, ווי אפשר נאָך קיין מאָל נישט פריער? איז די וועלט בכוח אונטער איר גרויסן צוזאַמענברוך אויסצומינצן די לעצטע און טייערסטע ווערטן אין דער יידישער נאַטור? האָט זי אַ רעכט אויסצומאַטערן דעם דאָזיקן קראַפט־קוואַל, וואָס וועט אפשר ווידער פון אומגעאַנטער הויכקייט קענען שפּרייטן איר אויפקלערנדיקע ליכט איבער פעלקער און מדינות?״

און נאַטאַנסען זאָגט צו זיין פריינד: „בלויז אויף אַ היימישן באָדן פילט מען זיך גוט, נישט דו און נישט איך זענען ווען עס איז געווען אויף אַן אייגענעם באָדן. בלויז אין אַן אייגענער היים וועלן מיר קריגן אַ געזונט און נאַטירלעך געפיל פאַר אייגענעם ווערט און ווערדע״.

העניי נאַטאַנסען האָט פאַרבראַכט זיין גאַנץ לעבן צווישן דער דעניש־קינסטלערישער אינטעליגענץ סיי ווי אַ דירעקטאָר פון דעם בעסטן דענישן דראַמאַטישן טעאַטער, סיי ווי אַ דראַמאַטורג, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיטן טעאַטער, סיי ווי אַ ראָמאַניסט און עסייאיסט. דאָס האָט אים אָבער קיין מאָל נישט געשטערט אויפצוטרעטן ווי אַ נאַציאָנאַלער ייד. ער האָט נישט געזען קיין שום סתירה צווישן זיין געבוירן־אָרט (דענעמאַרק), זיין שפּראַך (דעניש), אויף וועלכער ער האָט געשאַפן, און די נאַציאָנאַלע אַספּי־ראַציעס פון יידישן פאָלק.

אַוודאי האָבן מיטגלידער פון דער יידישער געמיינדע געקוקט אויף אים נישט בלויז קרום, נאָר מיט פאַרביטערונג, ווייל ער האָט געשריבן

אַזוי יידיש־נאַציאָנאַל. דאָס האָט פאַרשאַפט הענרי נאַטאַנסענען גרויס עגמת־נפש, אַזוי אַז ער איז געווען געצוווּנגען אַרויסצוטרעטן פון דער ז׳ענישער יידישער געמיינדע. דאָס איז אָבער אַ קאַפּיטל פאַר זיך, וואָס מיר וועלן דאָ נישט באַרירן.

*

הענרי נאַטאַנסענס ערשטע באַרימטע פּיעסע, „דניאל הערץ״, איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין 1909 און ווערט באַטראַכט ווי גאָר אַ שיינע שאַפונג אין דער סקאַנדינאַווישער ליטעראַטור. ער האָט אַריינגעדרונגען אין דער נשמה פון אַ מערב־אייראָפּעאישן יידן, וואָס באַגרייפט, אַז דאָס לעבן פאַרלאַנגט פון אַ מענטשן העכערע שטרעבונגען, ווי בלויז רייכטום און פאַרגעניגן. דניאל האָט נישט קיין באַזונדערע יידישע אינטערעסן, זיינע אידעאַלן זענען „אַלמענטשלעך״. קודם כל וויל ער דינען דעם אַרבעטער־פאָלק פון זיין לאַנד. דניאל, דער זון פון אַ רייכן יידישן פאַבריקאַנט, ווערט דער אָנגעזעענסטער פירער און וואָרטזאָגער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און אַרבעטער־באַוועגונג פון זיין לאַנד. זיין קלוגשאַפט, אינטעליגענץ, און זיין איבערגעגעבנקייט צו דער פּאַרטיי און צו דער אַרבעטער־באַוועגונג, רופן אַרויס דרך־ארץ און אַכטונג צו אים נישט נאָר ביי זיינע קאָלעגן, נאָר אויך, און דער עיקר, ביי די אַרבעטער־מאַסן. די אַרבעטער דערפילן אינטואיטיוו, אַז זיי האָבן אין דניאל הערצן אַ קלוגן, געניטן און זייער געטרייען פירער. דניאל רייסט איבער יעדע באַציאונג מיט זיין רייכן פאָטער און ברודער, ווייל זייערע עקספּלואַטאַטאָרישע האַנדלונגען זענען קעגן זיין ריין געוויסן. ער גייט אַזוי ווייט, אַז ער האָט אפילו חתונה מיט אַ פּשוט קריסטלעך אַרבעטער־מיידל פון זיין פאָטערס פאַבריק, וואָס דאָס פאַרשאַפט זיין פאָטער אַ סך עגמת־נפש און פאַרדראָס. דעם אַלטן הערצס וויטיק איז נאָך שמערצלעכער צוליב דעם, וואָס ער האָט זייער ליב געהאַט און געהאַלטן שטאַרק פון דניאלן און גערעכנט, אַז דניאל, זיין פּעאיקסטער זון, וועט איבערנעמען די גרויסע און פאַרצווייגטע פאַבריק. אַזוי האָט ער זיך געפירט אין דער משפחה פון דורות אָן. דער עלטסטער זון פלעגט איבערנעמען די געשעפטן פון פאָטער און זיי פאַרגרעסערן און ווייטער פירן.

דניאל געווינט דעם צוטרוי פון די אַרבעטער, ווייל ער דינט געטריי

און ערנסט זייערע אינטערעסן. זיין איינציקע שטרעבונג איז צו פֿאַר־בעסערן דעם עקאָנאָמישן, קולטורעלן און געזעלשאַפֿטלעכן מצב פֿון דעם אַרבעטער־קלאַס. זייער אַ סך האָט ער שוין דערגרייכט. במשך זיין קאַמף פֿאַר די אינטערעסן פֿון די אַרבעטער איז אים אָפֿט אויסגעקומען אויך צו קעמפֿן דירעקט קעגן דעם פֿאָטער, צו שטיין פּנים אל פּנים קעגן זיין געטרייען אָבער פֿאַרקשנטן פֿאָטער. דניאל האָט אָבער תּמיד אין זינען די נוצן און אינטערעסן פֿון די אַרבעטער־מאַסן, און לאָזט זיך באַין אופֿן נישט באַאיינפֿלוסן פֿון קיין שום סענטימענטן.

אַ גרויסער שטרייק ברעכט אויס ביי זיין פֿאָטער. די סיבה פֿון דעם שטרייק איז דאָס, וואָס דער אַלטער הערץ האָט, אָן גענוגנדיקער סיבה, אָפּגעזאָגט 5 אַרבעטער פֿון זיין פֿאַבריק. די אַרבעטער האָבן אַרויסגע־שטעלט די פֿאָדערונגען: העכערן די שכירות, וויינציקער אַרבעט־שעהען און צוריקקערן די 5 אָפּגעזאָגטע אַרבעטער. צוליב דער נויט, וואָס עס הערשט אין די אַרבעטער־רייען, קענען זיי אָבער לענגער נישט שטרייקן. זיי קלייבן דעריבער אויס דעם קלוגן און איבערגעגעבענעם דניאל הערץ, און זיי באַאויפֿטראָגן אים צו פֿאַרענדיקן דעם שטרייק.

אַ שטאַרקע און שפּאַנענדיקע סצענע קומט פֿאָר צווישן דניאלן, זיין פֿאָטער און ברודער. דניאל האָט שוין אויסגעקעמפֿט, לויט זיין מיינונג, די 2 וויכטיקסטע פּונקטן — אַ העכערן לוין און ווינציקער אַרבעט־שעהען, נאָר אויף דער דריטער פֿאָדערונג — דאָס צוריקקערן די 5 אָפּגעזאָגטע אַרבעטער — וויל דער אַלטער הערץ בשום אופֿן נישט איינגיין. ער דער־קלערט, אַז ער האָט נישט איבערגעטראָטן דעם אָפּמאַך. ער האָט אָפּגע־זאָגט די פֿינף אַרבעטער, ווייל זיי זענען אויפֿגעטראָטן אומפֿאַרשעמט. זיי האָבן באַליידיקט זיינע יידישע געפֿילן, און אויב ער זאָל אַפֿילו וויסן, אַז מע וועט ביי אים נאָך אַ מאָל אַזוי לאַנג שטרייקן, און יעדע שעה פֿון שטרייק וועט אים קאָסטן אַ פֿאַרמעגן, וועט ער די פֿינף אויסוווּרפֿן נישט לאָזן איבערטרעטן די שוועל פֿון זיין פֿאַבריק. דניאל בעט זיין פֿאָטער, אַז ער זאָל רעדן אָנשטענדיקער וועגן די פֿינף אַרבעטער, אָבער צום סוף באַפֿרייט דניאל זיין פֿאָטער פֿון דעם פּונקט און דער שטרייק ווערט פֿאַרענדיקט.

עטלעכע פֿון דניאלס קאָלעגן, וואָס האָבן אים מקנא געווען, נוצן אויס די דאָזיקע אָנגעלעגנהייט און פֿאַרשפּרייטן קלאַנגען צווישן די אַרבעטער,

אַז דניאל האָט זיי פאַרראַטן, אַז זיין פאָטער האָט אים אונטערגעקויפט. אַפילו זיין אייגענע פרוי, וואָס איז אַ מאָל געווען אַן אַרבעטאָרין ביי זיין פאָטער אין פאַבריק, און וואָס וואָלט אַזוי שטאַרק געוואָלט, אַז דער אַלטער הערץ, איר שווער, זאָל אין גאַנצן רואינירט ווערן, איז אים כלומרשט חושד אין פאַרראַט. אין האַרצן ווייסט זי גוט ווי געטריי און ערלעך דניאל איז, אָבער אויף אַן אַלגעמיינער אַרבעטער־פאַרזאַמלונג שרייט זי: „דער ייד האָט אונדז פאַרראַטן, נידער מיט די יידן!" ווען דניאל דערהערט דאָס, ברעכט ער צוזאַמען, שטאַמלענדיק: „אומזיסט 20 יאָר פון מיין לעבן אַוועקגעגעבן!"

„דניאל הערץ" איז פיל מאָל געשפּילט געוואָרן אין די הויפּטשטעט פון די סקאַנדינאַווישע לענדער און האָט אומעטום אַרויסגערופן אַ סך דיסקוסיעס.

„הינטער די מויערן", אַ צווייטע פּיעסע נאַטאַנסענס, איז אויך פיל מאָל געשפּילט געוואָרן און באַקומען אַ סך לויב. דאָס איז אַ זייער שטי־מונגספולע שפּיל, וואָס שילדערט דאָס יידישע פאַמיליע־לעבן מיט אַ סך פריידיקע און אויך קאָמישע סצענעס.

„ד"ר וואָל" איז אַ טיפע דראַמע. נאַטאַנסען שילדערט דאָ אַ מענטשן, וואָס ליידט פון אַ קאָמפּלעקס. ער האַסט יידן און ווייסט נישט אַז ער אַליין איז אַ ייד, און ווען ער געפינט אויס דעם טיפן סוד, שרייט ער אויס אין גרויס פאַרצווייפלונג: „ניין, ער איז נישט קיין ייד", און וויל אַנטלויפן פון דער אייגענער הויט.

הענרי נאַטאַנסענס הויפּט־בוך, זיין לעבנסווערק, איז דער ראָמאַן אין פיר טיילן „הוגאָ דאַווידס לעבן". געדאַרפט האָט עס גאָר הייסן „הענרי נאַטאַנסענס לעבן", דאָס איז אַן אויטאָביאָגראַפיע פון נאַטאַנסען גופא. עס איז אַ ווערק פון אומשאַצבאַרן, קינסטלערישן און מענטשלעכן ווערט. ווען דער ערשטער טייל פון ראָמאַן איז דערשינען, איז ער באַצייכנט גע־וואָרן פון דער דענישער ערנסטער קריטיק פאַר דעם בעסטן בוך פון די לעצטע יאָרן, און די אַנדערע טיילן זענען אויפגענומען געוואָרן מיט דער אייגענער באַגייסטערונג. די הויפּט־ראָלע אין נאַטאַנסענס ווערק שפּילט דאָס יידישע וועזן, הוגאָ דאַווידס בענקענדיקע יידישע נשמה. הוגאָ האָט קיין קינדהייט נישט געהאַט. זיינע עלטערן, די איינציקע דענישע יידן אין שטעטל, זענען תמיד איינגעשלאָסן אין זיך. דער פאָטער איז אַלע מאָל

פּאַרטיפט אין חשבונות, און די מאַמע פירט דאָס הויז־באַלעבאַטישקייט. ווען הוגאָ איז נאָך געווען אַ קינד, איז זיין שוועסטערל געשטאָרבן. מ׳האָט געבראַכט אַ ווייסן קאַסטן און זי דאָרטן אַריינגעלייגט. זי איז געווען אָנגע־טאָן אין אירע שענסטע קליידער און געהאַלטן אַ בוקעט בלומען אין איר הענטל. די עלטערן זענען אַוועקגעפאָרן מיט זיין שוועסטערל, די מוטער האָט איינגעוויקלט דעם ווייסן קאַסטן מיט איר שאַל, אַזוי, אַז מע האָט נישט געקענט זען וואָס דאָרטן איז. הוגאָ האָט געפרעגט די דינסט וווהין און צו וואָס זיי פאָרן אַוועק, האָט זי אים געזאָגט: „ווייל מען דאַרף דיין שוועסטערל באַגראָבן”. הוגאָ איז אַ ווייל געשטאַנען און נאָכגעטראַכט. „פאַר וואָס באַגראָבט מען זי נישט אויף דעם בית־עולם, ווו אַלע אַנדערע זענען באַגראָבן?” „ווייל זי איז אַ יידיש קינד, דאַרף מען זי באַגראָבן אין אַן אַנדער ערד”, האָט די דינסט געענטפערט. ווען די עלטערן זענען אַוועק־געפאָרן מיט זיין שוועסטערל, האָט זיך הוגאָ געפילט איינזאַם און פאַר־לאָזט, איינער אַליין אויף דער וועלט, ווייל זיין קליין שוועסטערל האָט מען געמוזט אַוועקפירן און זי וועט ליגן ווייט אַוועק פון אַלעמען.

הוגאָס חברים האָבן זיך איין מאָל געוואָלט איבערצייגן ווי אַזוי אַ יידיש יינגל זעט אויס, האָבן זיי אים אַוועקגעלייגט... הוגאָ האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס זיי קוקן און זוכן, נאָר אַ פאַרשעמטער, מיט אַ וווּנד אין זיין צאַרטער נשמה, איז ער אַהיימגעלאָפן און ביטער געוויינט. דאָס האָט באַשטימט זיין לעבן. אַפילו נאָך דעם ווי הוגאָ איז שוין געווען אַן אָנגע־זעענער קינסטלער אין דער הויפּטשטאָט פון לאַנד, האָט ער זיך כסדר געפונען צווישן פרעמדע מענטשן.

הענרי גאַטאַנסען פירט אַרויס אין דעם ראָמאַן אַ גאַנצע גאַלעריע מענטשן, אָנהייבנדיק מיט זיין געבוירן־שטעטל און איבערגייענדיק צו דער קינסטלער־סביבה פון דער הויפּטשטאָט, ווו הוגאָ פאַרנעמט, מיט דער צייט, אַ חשוב אָרט ווי אַ רעזשיסאָר און מחבר.

דער ראָמאַן ענדיקט זיך אין הוגאָ דאַווידס בליענדיקע יאָרן. ער קריגט אַ טעלעגראַמע, אַז זיין פאָטער איז קראַנק. נאָך איידער הוגאָ קומט אַהיים, איז דער פאָטער שוין געשטאָרבן. און ווען הוגאָ מיט זיין מוטער האָבן געוואַרט אויפן צוג, וואָס האָט געדאַרפט אַוועקפירן דעם קערפּער פון זיין פאָטער אין דער הויפּטשטאָט, כדי אים מקבר צו זיין אויפן יידישן

בית־עולם, האָט ער זיך דערפילט עלטער ווי דאָס לעבן, וואָס האָט אינע־ווייניק אין אים געלעבט.

העברי נאַטאַנסען איז צוגעטראָטן צו דער ליטעראַטור שוין אַ רייפער מענטש. ער האָט אַ סך געלערנט און זיך געגרייט צו זיין שרייבערישן באַרוף.

הגם העברי נאַטאַנסען איז אין דענעמאַרק געווען אַ פרעמדער פויגל — „דער יידישער גייסט אין דער דענישער ליטעראַטור" — האָט אָבער דאָס אַלגעמיין־מענטשלעכע אין זיין קונסט אים געמאַכט פאַר איינעם פון די גרויסע שריפטשטעלער אין דער דענישער ליטעראַטור.

העברי נאַטאַנסען האָט געבענקט און געחלומט נאָך אַ שיין יידיש לעבן אויף אייגענער ערד, און אומגעקומען, אויף קידוש השם, אויף פרעמדער ערד צוזאַמען מיט די זעקס מיליאָן יידישע קדושים. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער האָט געשאַפן זיינע ווערק אויף נישט קיין יידיש לשון, האָט ער דאָך איבערגעלאָזט אַ גייסטיק־רייכע יידישע ירושה.

געאָרג בראַנדעס *

(צו זיין 80יאָריקן געבוירנטאָג, וואָס איז אויסגעפאַלן דעם 4טן פעברואַר 1922)

ווייניק גרויסע פּערזענלעכקייטן האָבן ביים לעבן דערגרייכט אַזאַ אַלזייטיקע אָנערקענונג ווי געאָרג בראַנדעס. נאָך אין די אַכציקער יאָרן פון פריערדיקן יאָרהונדערט, האָבן די פראַנצויזן געפונען, אַז זיין גייסט איז פראַנצויזיש, די ענגלענדער, אַז ער איז ענגליש, און די דייטשן האָבן זיך געפרייט מיט זיין „דייטש וועזן". און עס איז קיין וווּנדער נישט, וואָרעם יעדער איינער, וואָס האָט געלייענט זיינע „הויפּטשטרעמונגען אין דער ליטעראַטור פון דעם נייַנצנטן יאָרהונדערט" ווערט באַהערשט פון אַ געפיל, אַז געאָרג בראַנדעס האָט מיט די „הויפּטשטרעמונגען" געשאַפן אַ גרויס ווערק, אָבער אויך זיין בוך „דער נאַטוראַליזם אין ענגלאַנד" ווערט באַטראַכט פאַר אַ טיף ווערק אין דער וועלט־ליטעראַטור.

* אַריינפיר־קאַפּיטל צו אַ גרעסערער אַרבעט.

געאָרג בראַנדעס ווערט אויך פאַררעכנט פאַר איינעם פון די גרעסטע שעקספּיר־אויסטייטשער.

דערציילט דער דענישער שרייבער לאָוריץ ברון, אַז ער האָט מיט יאָרן צוריק באַזוכט דעם בריטישן גובערנאַטאָר פון אַ ווייטן אינדזל. נאָך די ערשטע באַגריסונגען איז אַנטשטאַנען צווישן די צוויי פרעמדע מענטשן אַ מאָדנע שטילשווייגן. צו לאַנג האָט דער בריטישער באַאַמטער געהאַט פאַרבראַכט ווייט אַוועק פון דער מערב־ציוויליזאַציע, אַז עס זאָל זיך צווישן זיי פאַרבינדן אַ שמועס. מיט אַ מאָל גיט אַ פרעג דער בריטישער באַאַמטער: „דוכט זיך, אַז איר קומט פון קאָפּענהאַגען? איר קענט אפשר געאָרג בראַנדעסן?" עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער בריטישער גובער־נאַטאָר האָט געהאַט געאָרג בראַנדעס' ווערק וועגן וויליאַם שעקספּירן און געלייענט עס מיט באַגייסטערונג! און דער דענישער שרייבער פאַרענדיקט, אַז אויף דעם ווייטן בריטישן אינדזל איז צווישן אים און דעם ענגלענדער געוואָרן אַ נאָענטקייט, געאָרג בראַנדעס האָט זיי פאַראייניקט.

געאָרג בראַנדעס' ביכער וועגן בייראָן, שעלי, וואָרטסוואָרט, סטיואַרט מיל — זענען, אַ דאַנק דער טיפער ערודיציע און פאַרשטענדעניש, וואָס ער וויזט דאָרטן אַרויס, געוואָרן באַליבט ביי די ענגלענדער.

ווייניק קריטיקער האָבן אַזוי אָפּגעשאַצט אַלע ריכטונגען און פערזענ־לעכקייטן אין דער דייטשער ליטעראַטור, ווי געאָרג בראַנדעס.

בראַנדעס דערציילט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע: „איך בין דעמאָלט אַלט געווען פינף יאָר. איך האָב שוין געהאַט געהערט אַ סך מאָל דאָס וואָרט ייד, וואָס די קינדער האָבן אַרויסגעזאָגט מיט פאַראַכטונג. איין מאָל בין איך אַריינגעלאָפן צו מיין מוטער און זי געפרעגט: ,מאַמע, וואָס מיינט ז'אָס אַ ייד?' די מוטער מיינע האָט געענטפערט: ,יידן, דאָס זענען מענטשן'. ,העסלעכע מענטשן?' האָב איך געפרעגט. ,יאָ', האָט די מאַמע געענטפערט מיט אַ שמייכל: ,אָפט גאַנץ מיאוסע, אָבער נישט תמיד'. ,קען איך זען אַ יידן?' האָב איך ווייטער געפרעגט. ,אַוודאי', האָט זי געענטפערט און האָט מיך גיך אויפגעהויבן פאַר אַ גרויסן אָוואַלן שפּיגל, וואָס איז געהאָנגען איבער דער סאָפע. איך האָב אַרויסגעלאָזט אַ געשריי און די מאַמע האָט באַדויערט, וואָס זי האָט מיר פריער נישט דערציילט און מיך מער צוגע־גרייט".

אַ סך איז געשריבן געוואָרן וועגן געאָרג בראַנדעס' יידישקייט. בראַנ־


Juli 1917

דעס׳ שונאים אין דענעמאַרק און יידן־פּיינט האָבן אַפילו באַהויפּט, אַז אַלצדינג וואָס בראַנדעס האָט געשאַפן טראָגט אַ סעמיטיש־יידישן כאַראַק־טער, אַז אַזוי שרייבט נישט קיין „אַריער״, אַפילו ווען בראַנדעס שיל־דערט אַ לאַנדשאַפט, האָבן זיי דערקלערט, טראָגט דאָס אַ ספּעציפיש יידיש פּנים. און אומזיסט האָט ער אַמביציעס צו הויזן מיט איראָפּייער, ער וועט אין פאַנטעזיע צווישן די גרויסע פּערזענלעכקייטן נישט אַריינקומען.

עס איז אמת, אַז די צאָל פון זיינע אָנגרייפער איז קליין, אָבער זיי זענען פאַראַן.

דערפאַר אָבער, אין די ליבעראַל־פּראָגרעסיווע קרייזן, ווען מען רעדט אָדער ווען מען שרייבט וועגן בראַנדעס׳ אָפּשטאַמונג, אַ זאַך, וואָס געשעט זעלטן, כדי אים נישט ווי׳ צו טאָן, באַהויפּט מען, אַז די פראַגע פון ראַסע־אָנגעהעריקייט האָט אויף בראַנדעסן נישט געהאַט קיין שום השפעה. געאָרג בראַנדעס׳ אינטעלעקט קען מען באין אופן נישט פאַרבינדן מיט זיין יידישער אָפּשטאַמונג; על־כל־פּנים האָט זיך די פאַרבינדונג אין קיין שום זאַך נישט אויסגעדריקט. ער האָט זיך אָנגענומען פאַר יידישע קריוודעס פּונקט ווי ער האָט זיך אָנגענומען פאַר קריוודעס פון אַנדערע אונטערדריקטע פעלקער. ער האָט קיין מאָל נישט געשריבן וועגן יידן אַנדערש ווי יעדער שרייבער, וואָס איז פריי פון פאַראורטיילן, וואָלט געטאָן.*

נאָר דער זשעני קאָן נאָך אין זיין הויכן עלטער באַשאַפן ווערק פון אייביקן ווערט. דער ניינציק־יאָריקער זקן סאָפאָקלעס האָט פאָרגעלייענט פאַר די ריכטער זיין ערשט געשריבן „עדיפּוס אין קאָלאָנעס״, כדי צו ווייזן, אַז זיין גייסט איז נישט אָפּגעשוואַכט. מיקעל אַנדזשעלאָ האָט נאָענט פון די ניינציקער געבויט דעם קופּאָל פון דער פּעטער־קירכע און דער פּערסישער דיכטער סאַדין האָט פאַרפאַסט, ווען ער איז אַלט געווען הונדערט יאָר, לירישע לידער פון גרויס שיינקייט. טיציאַן, פראַנץ האַלס און נאָך האָבן פאַרענדיקט, ווען זיי זענען געווען עטלעכע און אַכציק יאָר, זייערע פּרעכ־טיקסטע בילדער. און די אייגענע פעאיקייט צו שאַפן מייסטערווערק אין הויכן עלטער זעען מיר אויך ביי מוזיקער (כערוביני, הענדעל, ווערדי).

געאָרג בראַנדעס האָט נאָענט פון די אַכציקער באַשאַפן אַזעלכע ווערק

---

* זע מיין אַרבעט „יידישע מאָטיוון ביי מ. א. גאָלדשמידט, עדוואַרד און געאָרג בראַנדעס״.

ווי „וואָלטער", „געטע", „יוליוס צעזאַר"", „מיקעל אַנדזשעלאָ", „יעזוס אַ לעגענדע", אַחוץ אַ ריי קלענערע און גרעסערע אָפּהאַנדלונגען. די מערסטע דערמאָנטע ווערק, וואָס יעדעס פאַרנעמט איבער טויזנט גרויסע זייטן, זענען פון אַזאַ קאָלאָסאַלן פאַרנעם, וואָס היסטאָריקער אָדער ליטעראַטור־קריטיקער, וואָלטן געדאַרפט אַרבעטן אויף יעדן איינציקן פון זיי אַ העלפט פון זייער לעבן און געקאָנט שטאָלץ זיין אויף זייער שאַפונג.

בראַנדעס' „יוליוס צעזאַר" פאַרמאָגט אַ זייער אינטערעסאַנט קאַפּיטל וועגן דער באַציאונג פון די יידן צו יוליוס צעזאַרן און צעזאַרס באַציאונג צו די יידן.

„צעזאַר האָט געגעבן די יידן", שרייבט בראַנדעס, „פולשטענדיקע רעליגיעזע פרייהייט אין אַלע וויכטיקע שטעט פון קליין־אַזיע, ווו די גריכן האָבן פריער באַרויבט זייערע פרייהייטן. זיי האָבן געקענט אָפן אָפּהיטן שבת, בויען בתי־מדרשים, סינאַגאָגעס. בעת צעזאַר האָט אַ יאָר פאַר זיין טויט אונטערדריקט אַלע פּאָליטישע קלובן (קאָלעגיע) אין רוים, האָט ער אויס דאַנקבאַרקייט, וואָס די יידן האָבן אים אַרויסגעוויזן אין עגיפּטן און קליין־אַזיע, דערלויבט בלויז די יידישע פאַראיינען. אומעטום האָבן די יידן ליב געהאַט צעזאַרן אַזוי לאַנג ווי ער האָט געלעבט און ער האָט זיי ביטער געפעלט ווען ער איז געווען טויט. די יידן אין רוים האָבן זיך ממש נישט געלאָזט טרייסטן נאָך דעם ווי מען האָט אים דערמאָרדעט, און זיי האָבן פאַרבראַכט טעג און נעכט אין געוויין און אין טרויער לעבן דעם פייער וואָס האָט פאַרצערט זיין קערפּער".

און בראַנדעס ענדיקט: „די יידן, וואָס האָבן אויף זייער היימישן באָדן (ארץ־ישראל) געקעמפט און געפאַלן ווי מאַרטירער פאַר זייער גאָט און לאַנד, זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין צעזאַרס רוימישער מאָנאַרכיע אין אַפּאָסטאָלן פאַר וועלט־בירגערגייסט".

וועגן מיקעל אַנדזשעלאָ שרייבט בראַנדעס: „קיינער פון די גרויסע גייסטער האָט נישט אַזוי באַאיינפלוסט מיין לעבן ווי מיקעל אַנדזשעלאָ. ער איז תמיד געווען די צענטראַלע געשטאַלט פון מיין קוק אויף מענטשן און קונסט". איבעריקנס, טרעפן מיר זייער אָפט אין בראַנדעס' ווערק, ווו ער האָט אָנגעגעבן ווי אַן אַרויסגאַנג־פּונקט פאַר זיין עסטעטישער אַנטוויקלונג, דאָס אינטימע צוזאַמענלעבן מיט דער גרויסער קונסט פון דער רענעסאַנס־צייט.

שרייבט בראַנדעס: „מיקעל אַנדזשעלאָס קונסטווערק איז אַרויס פון שטיין נישט בלויז אין מעכאַנישן זין, דאָס ווערק איז געבוירן פון שטיין, וואָס אין זיין אינגעווייד איז עס געווען באַהאַלטן און אין גאַנצן פּאַרטיק און נאָר געוואַרט אויף אַן אויסלייזונג. עס איז שוין געווען אין שטיין פון פריער, דער קינסטלער האָט נאָר געדאַרפט אַוועקהאַקן דאָס אומנייטיקע, כדי אַרויסצובאַקומען דאָס קונסטווערק". אויף אַ צווייט אָרט זאָגט ער: „דער מענטש איז דאָס קונסטווערק, און גאָט איז דער קינסטלער, וואָס האַקט אַוועק אַלץ וואָס עס איז איבעריק און גלייכגילטיק, כדי אַרויסצובאַקומען דאָס פולקומענע, זיין בילד. מיקעל אַנדזשעלאָ האָט דערפאַר אַזוי גוט ווי קיין מאָל נישט געפורעמט מאָדעלן, נאָר באַלד אַוועקגעהאַקט פון מאַרמאָר־בלאָק. יאָ, ער האָט פריער געזען, וואָס עס איז באַהאַלטן אין שטיין". בראַנדעס׳ בוך גיט אונדז אַ פולשטענדיק בילד וועגן מיקעל אַנדזשעלאָס גרויסקייט ווי אַ פּערזענלעכקייט און קינסטלער.

ווען געאָרג בראַנדעס איז אין זיין הויכן עלטער אַרויס מיט דעם ווערק „יעזוס אַ לעגענדע", איז ער שטאַרק פאַרהאַסט געוואָרן אין די קלעריקאַל־קאָנסערוואַטיווע קרייזן פון דענעמאַרק. בראַנדעס האָט זיך באַנוצט מיט אַלע קוואַלן, וואָס זענען נאָר פאַראַן און געקומען צו דער מסקנא, אַז יעזוס האָט קיין מאָל נישט געלעבט. בראַנדעס האָט אָנגעוויזן די יידישע אור־קוואַלן און די מאָראַלישע סענטעצן, וואָס געפינען זיך אין דער עוואַנגעליע. מען דאַרף אין זינען האָבן, אַז בעת בראַנדעס האָט פאַרעפנטלעכט דאָס בוך, זענען דענעמאַרקס דערציאונגס־אינסטיטוציעס נישט געווען אָפּגע־טיילט פון דער קירכע.

געאָרג בראַנדעס איז געווען אַ רעוואָלוציאָנער פון זיין פריסטער יוגנט אָן. זיין רעוואָלוציאָנערישקייט איז נישט געווען אַזאַ, וואָס מען האָט געקענט פאַרבינדן מיט אַ פּאָליטישער פּאַרטיי. שוין אין 1866 האָט געאָרג בראַנדעס, זייענדיק אַלט 24 יאָר, פאַרעפנטלעכט אַ פילאָזאָפיש־פּאָלעמישן עסיי „דער דואַליזם אין אונדזער נייעסטער פילאָזאָפיע", וואָס איז געווען אַן אָנגריף אויף דעם באַרימטן דענישן רעליגיע־פילאָזאָף סוירען קיר־קעגאָרד.*

* מער וועגן ג. בראַנדעס׳ באַציאונג צו קירקעגאָרד — אין מיין אַרבעט „קאָרעס־פּאָנדענץ צווישן געאָרג בראַנדעס און פּעטער קראָפּאָטקין" פון וולאַדימיר גראָסמאַן.

גע‏אָרג בראַנדעס׳ קולטור־היסטאָרישע באַדייטונג ווי אַ שרייבער, הייבט זיך אייגנטלעך אָן אין יאָר 1870, הגם ער האָט שוין פריער געהאַט פאַרעפנטלעכט „קריטישע שטודיעס" און „אָפּהאַנדלונגען און פּאָרטרעטן", ווי ער האָט אָפּגעשאַצט די באַדייטנדיקסטע סקאַנדינאַווישע שרייבערס. שוין דעמאָלט האָט מען באַמערקט בראַנדעס׳ גרויסע פעאיקייט צו אַנאַליזירן און כאַראַקטעריזירן ווערק און שרייבערס. ביז דעמאָלט האָט זיך אָבער בראַנדעס מערסטנס באַשעפטיקט מיט אידעען, סיסטעמען און אַבסטראַקציעס. צום סוף פון יאָר 1869 ווערט געאָרג בראַנדעס פּאַרטיק מיט זיין דאָקטאָר־טעזיס, וואָס האָט געהייסן „די פראַנצויזישע עסטעטיק היינט צו טאָג". תיכף דערנאָך האָט זיך בראַנדעס געלאָזט איבער איירופּע.

נישט אַלע שרייבערס האָבן געמאַכט נסיעות, אַפילו נישט די, וואָס האָבן געהאַט אַן איינפלוס אויף דער קולטור־אַנטוויקלונג. מיר וויסן נישט אויב שעקספּיר איז געווען מחוץ די גרענעצן פון ענגלאַנד. געטע האָט געזען איטאַליע און עפּעס פון פראַנקרייך ווי אַ באַטייליקטער אין ברונשוויגער פעלדצוג אין יאָר 1792 — און נישט מער פון דייטשלאַנד ווי די געגנט אַרום ווייַמאַר און פראַנקפורט. מענדעלע און פּרץ האָבן כמעט גאָר נישט געזען די וועלט.

אָבער גאָר אַנדערש איז עס געווען מיט בראַנדעסן. ער איז אַ סך אַרומגעפאָרן, אָבער זיין ערשטע נסיעה האָט געהאַט אויף אים די גרעסטע השפּעה. בראַנדעס האָט געהאַט אַן אָפענעם בליק פאַר דער נאַטור, אָבער ער וואָלט זיכער געקענט אויסקומען נישט זעענדיק די שווייצאַרישע בערג, אָדער דעם הימל אין איטאַליע; ער וואָלט זיך אָבער באַין אופן נישט געקענט באַגיין אָן די שמועסן מיט די באַרימטע פּערזענלעכקייטן, וואָס ער האָט באַגעגנט אויף זיין ערשטער נסיעה. דאָס זענען געווען היסטאָרישע מסיבות, וואָס זענען פאָרגעקומען צווישן אים און סטיואַרט מילס, טען און רענאַן.

בעת בראַנדעס איז געווען אין דענעמאַרק פאַרנומען מיט לערנען, האָט ער פּשוט קיין צייט נישט געהאַט צו פאַרטראַכטן זיך און פאַרשטיין זיין אייגענע שטעלונג. ערשט אויף זיין נסיעה האָט ער איינגעזען, אַז זיין היים, דענעמאַרק, איז געווען שטאַרק צוריקגעשטאַנען. בעת אין איבעריקן טייל פון איירופּע, בעיקר אין פראַנקרייך, איז אויפגעקומען אַ נייע קולטור און אַ נייע ליטעראַטור, איז מען אין דענעמאַרק נאָך געזעסן פאַרלוירן אין

קינדערישע טרוימערייען, איינגעשפּינט אין טעאָלאָגיע, וואָס איז שוין אין ערגעץ נישט געווען אין דער מאָדע. די ליטעראַטור איז געווען קאָנסער־וואַטיוו. די שרייבערס זענען ס׳רוב געווען קירכמענטשן; די מאַכט פון דער קירכע און קעניגטום האָט קיינער נישט געוואַגט צו קריטיקירן. דער טאָן איז געווען קליינבירגערלעך. די אַרבעטער האָבן נאָכגעפאָלגט די אַזוי גערופענע נאַציאָנאַל־ליבעראַלן.

נאָך דעם ווי געאָרג בראַנדעס האָט זיך אומגעקערט פון די הויפּט־שטעט אין אייראָפּע, האָט ער מער נישט געוואָלט באַלערנען עסטעטיש, נאָר רעפאָרמירן זיין לאַנד פּאָליטיש, סאָציאַל און רעליגיעז, אַרויסרופן די גייסטיקע אינטעליגענץ צו רעוואָלט.

כדי דאָס צו דערגרייכן האָט ער פאַרטראַכט צו פאַרעפנטלעכן אַ גרויס ווערק „די הויפּטשטרעמונגען אין דער ליטעראַטור פון 19טן יאָרהונדערט״, וואָס זאָל אַרומנעמען די ליטעראַטור פון די הויפּטלענדער אין מערב־אייראָפּע אין אַ פּעריאָד פון פופציק יאָר. דאָס זאָלן זיין נישט נאָר אָפּשאַ־צונגען וועגן די דיכטער־ווערק, נאָר אויך אַן אַנאַליז וועגן די וויכטיקסטע מאָראַלישע און סאָציאַלע אידעען פון דער באַטרעפנדיקער תקופה. דאָס ווערק דאַרף דינען נישט בלויז ווי אַן אָנגריף אויף דער דענישער ליטע־ראַטור, וואָס איז געווען אַזוי צוריקגעשטאַנען, נאָר אויך אויף דער גאַנצער קאָנצעפּציע פון לאַנד.

געאָרג בראַנדעס האָט גענומען האַלטן פאָרלעזונגען אין דער קאָפּענ־האַגענער אוניווערסיטעט פאַר געפּאַקטע אודיטאָריעס. עס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט און דאָס גאַנצע פאָלק האָט אים אָנגעהויבן צו האַסן. מען האָט געדאַרפט באמת פאַרמאָגן בראַנדעס׳ אומדערשראָקענעם און מוטיקן גייסט, כדי אָפּן און פאַר אַלעמען, אין אָנהייב פון די זיבעציקער יאָרן פון פריערדיקן יאָרהונדערט, צו דערקלערן אין דענעמאַרק, אַז מען איז אַ פריידענקער. מען האָט דעמאָלט אין דענעמאַרק אַ פריידענקער נישט נאָר פאַרהאַסט, נאָר פאַרשאָלטן און פאַראַכט. מען האָט אויף אים געקוקט ווי אויף איינעם, וואָס שטייט מחוץ יעדער מענטשלעכער געזעלשאַפט; אויף אַן אומגליקלעכן, ווען ער האַלט זיינע געדאַנקען פאַר זיך גופא, און ווי אויף אַ פאַרברעכער ווען ער רעדט. אַט פּונקט ווי מען האָט געקוקט אויף אַ יידישן אַפּיקורס אין אַ פּוילישער אָדער ליטווישער שטאָט אין דער איי־גענער צייט, אַן אַפּיקורס וואָס וויל נאָך פאַרשפּרייטן זיין אַפּיקורסות.

נאָך זיינע ערשטע פאָרלעזונגען איז די אָנגעזעענסטע אינטעליגענץ געוואָרן זיינע שטאַרקסטע אָנהענגער. דער אינהאַלט פון זיינע פאָרלעזונגען האָבן געהאַט אַ גרויסן און אַנטשיידענעם איינפלוס.

בראַנדעס איז געווען אַזאַ שטאַרקע פערזענלעכקייט, אַז די וואָס האָבן איינגעזען די גייסטיקע פּוסטקייט פון יענער צייט, האָבן זיך געצויגן צו אים. די אָנגעזעענסטע דענישע שרייבערס, ווי י. פּ. יאַקאָבסען, האָלגער דראַכמאַן, הערמאַן באַנג און אַנדערע, האָבן אָנגעהויבן גיין אין בראַנדעס' וועגן.

די אַלגעמיינע שטימונג קעגן בראַנדעסן איז אָבער נישט בעסער געוואָרן אַפילו נאָך דעם ווי ער האָט פאַרעפנטלעכט דעם ערשטן טייל פון זיינע פאָרלעזונגען, מיינענדיק, אַז איצטער וועט יעדער איינער קענען זען, אַז די בילבולים, וואָס זיינע שונאים האָבן פאַרשפּרייט וועגן זיינע פאָרלעזונגען, זענען פאַלש.

אין 1872 איז אין קאָפּענהאַגען געשטאָרבן דער פּראָפעסאָר פון עסטעטיק און איבערגעלאָזט אַ צוואה, אַז געאָרג בראַנדעס זאָל זיין זיין נאָכפאָלגער, מחמת ער איז דער פּאַסיקסטער און קוואַליפיצירטסטער פאַר דעם אַמט. די פּראָפעסור-שטעלע האָט מען אים בשום אופן נישט געוואָלט געבן, מיט דעם תירוץ, אַז אַ פרייַדענקער, וואָס גרייפט אָן די רעליגיע און מאָראַל, קען נישט אָנגעשטעלט ווערן ווי אַ לערער.

אין יענע פינצטערע און טרויעריקע טעג האָט געאָרג בראַנדעס באַשלאָסן צו פאַרלאָזן אויף תמיד דענעמאַרק און זיך באַזעצן אין רוים אָדער אין פּאַריז, אין ווין, לאָנדאָן אָדער אין בערלין, און שרייבן אויף איינער פון די וועלט-שפּראַכן און אַנטלויפן פון דענעמאַרק, וווּ אַפילו די פויערים אין די דערפער האָבן אים געהאַסט.

ווען דאָס איז באַקאַנט געוואָרן, האָבן אַ סך געפילט, אַז מיט בראַנדעס' אַוועקפאָרן וועט דער גייסטיקער האָריזאָנט פון דענעמאַרק אַ סך פאַרשמעלערט ווערן. דער דאָזיקער געפיל האָט גורם געווען, אַז 45 אוניווערסיטעט-לערער און וויסנשאַפטלער האָבן אים דערלאַנגט אַ שריפט, דאַנקענדיק אים פאַר דעם וואָס ער האָט אויפגעטאָן פאַרן דענישן גייסטיקן לעבן און אים אויפגעפאָדערט צו פאַרבלייבן אין קאָפּענהאַגען. ער האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. צו פיל האָט מען פאַרביטערט דעם יונגן בראַנדעסן. ער האָט איינגעפּאַקט זיינע זאַכן און זיך געלאָזט קיין בערלין.

תיכף נאָך דעם, ווי ער האָט זיך באַזעצט אין בערלין, איז ער געקו־מען אין באַרירונג מיט אַלע באַדייטנדיקסטע דענקער, פּאָליטיקער און שרייבער פון אייראָפּע.

אין דייטשלאַנד האָט געאָרג בראַנדעס פאַרענדיקט די „הויפּטשטרע־מונגען". ער האָט איצטער איינגעזען, אַז ער וועט באַגעגענען אַ פיל גרע־סערן ווידערשטאַנד ווי ער האָט לכתחילה געדענקט. עס האָט שוין מער קיין רייד נישט געקענט זיין וועגן ווענדן זיך צום „פאָלק".

אין אַ פאָרטראָג וואָס ער האָט מיט יאָרן שפּעטער געהאַלטן וועגן יונה הנביא, זאָגט בראַנדעס: „דאָס וואָס עס ווערט דערציילט וועגן יונה הנביא, אַז ער איז אַריין אין נינוה און דורך זיין וואָרט געווירקט, אַז די גאַנצע גרויסע שטאָט זאָל גלייבן אין יהוה, איז אַ סך אַ גרעסערער נס, ווי די דריי טעג אויפהאַלטן זיך אין דעם אינגעווייד פון דעם פיש".

נאָך אַ פינפיאָריקן „גלות־אָפּריכטן" האָט זיך געאָרג בראַנדעס צוריק־געקערט אין זיין היים קיין קאָפּענהאַגען.

אַ גרופּע פאַרערערס פון בראַנדעסן האָט אין דער שטיל געזאַמלט אַ סומע געלט און זיך אונטערגענומען אים צו געבן אַ יערלעכן געהאַלט, מיטן תנאי ער זאָל זיך באַזעצן אין קאָפּענהאַגען. די סומע איז געווען אַזוי גרויס וויפל עס האָט באַטראָפן די שכירות פון אַ פּראָפעסאָר. עס איז אינ־טערעסאַנט, אַז די נעמען פון די מענטשן, וואָס האָבן געשאַפן דאָס געלט זענען געבליבן אומבאַקאַנט אי פאַר דער עפנטלעכקייט אי פאַר בראַנדעסן.

מיר קענען זיך פאָרשטעלן, ווי שווער עס איז אָנגעקומען אַזאַ שטאָלצע און אומאָפּהענגיקע נאַטור ווי בראַנדעסן אָנצונעמען דעם דאָזיקן אָנבאָט. ער וואָלט אָבער זיכער צוריקגעקומען קיין דענעמאַרק אָן דער דאָזיקער שטיצע. סיי ווי האָט ער, נאָך זייענדיק אין דייטשלאַנד, געשיקט אַלצדינג, וואָס ער האָט געשריבן, צו זיין פאַרלעגער.

דער מצב אין דענעמאַרק איז אויך געוואָרן אַן אַנדערער, בראַנדעס האָט געקריגן אַ גרעסערע אָנהענגערשאַפט צווישן דער אינטעליגענץ. אַפילו די פּאָליטישע לאַגע איז אין אַ סך פּרטים געוואָרן אַן אַנדערע, עס האָט גע־האַלטן אין אויפקומען אַ ראַדיקאַלע באַוועגונג.

אַזוי גיך ווי בראַנדעס איז צוריקגעקומען פון דייטשלאַנד, האָט ער פאָרגעזעצט זיינע פאָרלעזונגען אין קאָפּענהאַגענער אוניווערסיטעט — וועגן דער „יונגער דייטשלאַנד".

1887 האָט בראַנדעס באַזוכט רוסלאַנד און פּוילן. אין פּעטערבורג און מאָסקווע האָט ער געהאַלטן פאָרטראָגן וועגן דער רוסישער ליטעראַטור פון דעם 19טן יאָרהונדערט; די פאָרטראָגן, וואָס ער האָט געהאַלטן אין פראַנצויזיש, האָבן אים פּאָפּולער געמאַכט צווישן דער רוסישער אינטע־ליגענץ.

אין וואַרשע האָט ער געהאַלטן פאָרלעזונגען וועגן דער פּוילישער ליטעראַטור און איז דאָרט שטאַרק באַליבט געוואָרן.

ווען ער איז צוריקגעקומען קיין קאָפּענהאַגען, האָט ער פאַרעפנטלעכט צוויי ביכער: אַ בוך וועגן פּוילן און אַ בוך וועגן רוסלאַנד.

געאָרג בראַנדעס' גרעסטע ווערק נאָך „די הויפּטשטרעמונגען" איז זיין דריי־בענדיק ווערק וועגן שעקספּירן.

ווייניק האָט מען דעמאָלט געוווּסט וועגן שעקספּירס לעבן, בראַנדעס פאַרטיפט זיך אין שעקספּירס ווערק, אין די אַרבעטן וועגן אים, פאַרנאָ־טירט די פּאָר אָרעמע ידיעות וועגן זיין לעבן, וואָס עס איז נאָר מעגלעך געווען צו קריגן. אָן באַזונדערע שוועריקייטן האָט ער פעסטגעשטעלט, ווען שעקספּיר האָט פאַרעפנטלעכט יעדעס ווערק; ער אַנאַליזירט דעם שייכות פון שעקספּירן צו די דעמאָלטיקע אָנפירנדיקע פּערזענלעכקייטן און קומט צום אויספיר, אַז יעדעס ווערק איז דער אויסדרוק פון דיכטערס געדאַנקען און שטימונגען.

ביז בראַנדעסן זענען די שעקספּיר־פאָרשער אַרויסגעגאַנגען פון דער הנחה, אַז שעקספּיר איז אין אַ סך פּרטים דער היפּוך פון אַנדערע גרויסע דיכטער, בעת יענע שילדערן אין אַ גרויסער מאָס זיך גופא, האָט שעקספּיר אין זיינע ווערק שטימונגען און געדאַנקען, וואָס זענען אים געווען פרעמד און געפורעמט געשטאַלטן, וואָס האָבן גאָר קיין שייכות נישט געהאַט צו זיין אייגענעם „איך".

בראַנדעס איז אָבער אַרויסגעגאַנגען פון דער הנחה, אַז די דיכטער־קונסט איז פּערזענלעך, אַז דאָס, וואָס דערנערט זיך נישט פון דיכטערס האַרץ און בלוט, קען קיין מאָל נישט זיין קיין אמתע קונסט.

קיין שום קריטיקער האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט וויליאַם שעקספּירן אין גרעסערע דימענסיעס, אין פיינערע מענטשלעכע פאָרמען, ווי ער האָט זיך געוויזן פאַר געאָרג בראַנדעסן.

דאָך פאַרשווייגט נישט בראַנדעס, ווען עס ווייזט זיך אים אויס, אַז דער דיכטער איז באַגאַנגען אַן אומרעכט, מעג עס אַפילו זיין שעקספּיר.

אינטערעסאַנט איז ווי בראַנדעס איז זיך נוהג, ווען ער נעמט זיך שרייבן אַ ווערק. ער דערציילט ווי אַזוי ער האָט געשריבן זיין בוך וועגן „דיזראַעלי״ אָדער „לאָרד ביקאָנספילד״:

„איך האָב זיך אַ מאָל פאַראינטערעסירט אין דעם יידיש־ענגלישן שטאַטסמאַן לאָרד ביקאָנספילד, וואָס איז אויך געווען אַ נאָוועלן־שרייבער. פריער פון אַלץ האָב איך איבערגעלייענט אַלע ראָמאַנען און נאָוועלן, וואָס ער האָט געשריבן, דערנאָך נאָכגעפאָלגט די געשיכטע פון זיין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, געלייענט אַלע זיינע פּאָליטישע רעדעס אין פּאַרלאַמענט; און היות ווי מיין עיקר־אינטערעס איז געווען ביקאָנספילד, האָבן מיך רעדעס וועגן ענינים, וואָס סתם וואָלט איך זיך מיט זיי נישט אָפּגעגעבן, אָנגעהויבן אינטערעסירן, און נישט נאָר זיינע רעדעס, נאָר אויך די רעדעס, וואָס עס האָבן געהאַלטן זיינע חברים — פּאַרלאַמענטאַריער, באַזונדערס די רעדעס פון זיינע קעגנער און שונאים. ער האָט געהאַט אַן אַ שיעור שונאים און אַ צאָל פון זיי זענען געווען אָנגעזעענע פּערזענלעכ־קייטן; איך בין געוואָרן אין די דאָזיקע מענטשן רעלאַטיוו פאַראינטערע־סירט, מחמת דעם, וואָס יענעם, ווען זיי זענען דערגאַנגען די יאָרן, איז געווען מיין צענטראַלע געשטאַלט, און ביסלעכווייז האָב איך געמוזט דורכ־שטודירן אַ גרויס קאַפּיטל פון ענגלאַנדס פּאָליטישן לעבן״.

געאָרג בראַנדעס איז אויך באַרימט ווי אַ וואָרט־קינסטלער. ער ווערט פאַררעכנט פאַר דעם בעסטן סקאַנדינאַווישן רעדנער. דער שרייבער פון די שורות האָט געהאַט די געלעגנהייט צו הערן אים עטלעכע מאָל ביי עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען. דאָס ערשטע מאָל, בעת עס איז אין קאָפּענ־האַגען געפייערט געוואָרן דער פופציקיאָריקער יובילי פון זיין ערשטן עפאָכעמאַכנדיקן פאָרטראַג אין קאָפּענהאַגענער אוניווערסיטעט. ער האָט דעמאָלט גערעדט פאַר דער דענישער אינטעליגענץ וועגן „איליאַדע און אָדיסיי״. פאַכמענער פון דער גריכישער קולטור, וואָס זענען געווען אָנווע־זנדיק אויף דעם פאָרטראַג, האָבן נישט געפונען קיין ווערטער פון באַ־גייסטערונג, איז ער דאָך באַקאַנט פאַר אַ העליאַנער זיין גאַנץ באַוווסטזיניק לעבן. היינט דאָס ריידן גופא, די איבערלעבונגען, די וואַרעמקייט פון זיין ריידן, פיינע ענערגישע האַנט־באַוועגונגען, זיין איראָנישער שמייכל, היינט

זיך שטים! אַ גרויסע ענלעכקייט האָב איך באַמערקט אין דער רעדנער־קונסט צווישן אים און ד״ר חיים זשיטלאָווסקי.

דערנאָך האָב איך אים געהערט אין דער דעניש־איטאַליענישער דאַנטע־געזעלשאַפט ריידן וועגן איטאַליע אין 17טן, 18טן און 19טן יאָר־הונדערט. ער האָט גערעדט מיט אַזאַ פאַרנעם און זיכערקייט, אַז אין זאַל איז געווען זייער פריילעך, בעת בראַנדעס האָט, ריידנדיק אַ זאַג געטאָן: „ווען מיין זכרון זאָל מיך נישט אָפּנאַרן און ווען מיין באַלעזנקייט וואָלט געווען גרעסער, וואָלט איך געקענט ברענגען אַ סך מער מוסטערן וועגן דעם איינפלוס פון איטאַליע״.

איך האָב אים אויך געהערט ריידן פון דער בינע, בעת מען האָט אין בעסטן טעאַטער געפּראַוועט דעם דרייהונדערטיאָריקן געבוירנטאָג פון מאָליערס באַקאַנטע קאָמעדיע „טאַרטיף״.

געאָרג בראַנדעס׳ רעדע האָט אַזוי באַגייסטערט, אַז די צייטונגען האָבן צו מאָרגנס געשריבן: דער גרויסער גייסט, געאָרג בראַנדעס, איז געווען דאָס קונסטווערק פון אָוונט, און ווייטער: „נאָך געאָרג בראַנדעס׳ רעדע וועגן מאָליער, האָט די אויפפירונג פון „„טאַרטיף״ געווירקט בלאַס און דיסהאַרמאָניש״, נישט געקוקט, וואָס עס האָבן געשפּילט אין דער אויפפי־רונג די סאַמע בעסטע און אָנערקענטסטע קינסטלער פון דענעמאַרק.

נישט געקוקט, וואָס בראַנדעס האָט פאָרויסגעזאָגט די וועלט־מלחמה, איז זי געווען פאַר אים אַזאַ קאַטאַסטראָפע וואָס האָט אים באַרויבט פון די לעצטע אילוזיעס. אין זיינע אויגן האָט די מלחמה נאָר געבראַכט חורבות און צעשטערונג; ער האָט נישט געזען אין קיין איינעם פון די צדדים קיין שום אידעאַל אָדער געפיל פאַר יושר, ער האָט דעריבער איבערגעריסן יעדע פאַרבינדונג מיט זיינע פריינד אין די מלחמה־לענדער און זיך איינ־געשלאָסן אין זיין שטודיע־חדר.

איינער פון זיינע אַמאָליקע פריינד — קלעמאַנסאָ — האָט זיך געוווּנ־דערט, פאַר וואָס בראַנדעס איז אַזוי רואיק, בעת פראַנקרייך געפינט זיך אין אַ מוראדיקן קריזיס, צי דען זשע האָט בראַנדעס נישט ליב געהאַט פראַנקרייך און איר קולטור, וואָס די דייטשע חיילות האָבן געדראָט חרוב צו מאַכן? האָבן דען די דייטשן נישט געברענט בעלגישע און פראַנצוי־זישע שטעט? הרגענען דען זיי נישט קיין אומשולדיקע מענטשן? דאָס

אַלץ וועגן דייטשלאַנד איז דאָך אמת, פאַר וואָס זשע שווייגט געאָרג בראַנדעס ?

אָבער און ווידער האָט קלעמאַנסאָ אויפגעפאָדערט זיין פריינד און חבר אַרויסצוזאָגן זיין מיינונג. ענדלעך האָט בראַנדעס געענטפערט.

אין מערץ 1915 האָט געאָרג בראַנדעס אין זיין תשובה צו קלעמאַנסאָ זיך אָפּגעזאָגט צו געבן עמעצן פון די קריגספירנדיקע מלוכות זיין אויס־דרוק פון סימפּאַטיע : „מחמת קיינער פון זיי פאַרדינט נישט קיין סימפּאַ־טיע", „מלחמה איז אַזאַ שרעקלעכע משוגעת, אַזאַ אויפרודערנדיקע האַנד־לונג, אַז מענטשן פון גייסט האָבן קיין אַנדערע ברירה נישט, ווי שווייגן, בשעת די קאַנאָנען ליאַרמען". ער ווייזט אָן, אַז ער איז שולדיק יעדן איי־ראָפּעאישן קולטור־לאַנד — פראַנקרייך, דייטשלאַנד, ענגלאַנד — אַ טייל פון זיין גייסטיק וועזן. ער רעדט אין זיין תשובה נישט ווי אַ רעפּרעזענטאַנט פון אַ באַשטימטע פאָלק, נאָר פון אַ קולטור. ער קען זיך נישט פרייען ביים זיג פון די „אַליאירטע", ווייל אויך זיי רעפּרעזענטירן נישט קיין גערעכ־טיקייט.

אין אַ נייער פּאָלעמיק אין 1916, אין אַן ענטפער צו וויליאַם אַרטשער, וואָס האָט פּונקט ווי קלעמאַנסאָ געהאַט צו אים אַ טענה, הלמאי ער ווייזט נישט אַרויס זיין מיטגעפיל צו פראַנקרייך און ענגלאַנד — האָט ער זיך געהאַלטן ביי זיין שטאַנדפּונקט.

געאָרג בראַנדעס האָט געזען בלויז איין און איינציקן חילוק צווישן דייטשלאַנד און איר קעגנער : בעת די דייטשן לייקענען נישט, אַז זיי קעמפן פאַר מאַכט, באַהאַלטן פראַנקרייך און ענגלאַנד זייער מאַכט־טעאָריע אין הינטערגרונד.

1923

געאָרג בראַנדעס וועגן חיים נחמן ביאַליק

פריינד פון דער העברעאישער ליטעראַטור האָבן שטאַרק חשק געהאַט, אַז חיים נחמן ביאַליק זאָל קריגן דעם נאָבעל־פּרייז, וואָס די אַקאַדעמיע אין שוועדן טיילט אויס יערלעך פאַר דעם גרעסטן ליטעראַרישן ווערק ;

באַזונדערס איז געווען אין דעם פּאַראינטערעסירט פּראָפעסאָר דוד סימאָנ־סען, דער רב הכולל פון דענעמאַרק. און אַזוי ווי די שוועדישע אַקאַדעמיע האָט זיך שטאַרק גערעכנט מיט געאָרג בראַנדעס׳ רעקאָמענדאַציעס, דערייבער האָט מען צוגעשטעלט געאָרג בראַנדעסן די איבערזעצונגען פון ביאַליקס שירים. צוליב דעם, וואָס בראַנדעס איז געווען געצוווּנגען צו לייענען ביאַליקס ווערק נישט אין אָריגינאַל, איז זייער אַ סך פאַרלוירן געגאַנגען.

דאָס דאָזיקע אַרטיקל וועגן ביאַליקן האָט בראַנדעס געשריבן אין 1915, און ווייל עס איז געשריבן געוואָרן אין דער צייט, ווען די ערשטע וועלט־מלחמה האָט זיך שוין געהאַט צעפלאַקערט, שילדערט געאָרג בראַנדעס, אין ערשטן העלפט פון דעם אַרטיקל, די שרעקלעכע ליידן, וואָס די יידן זענען אויסגעשטאַנען פון די צאַרישע באַאַמטע, צוליב דעם, וואָס מען האָט זיי באַשולדיקט אין די רוסישע מפּלות; ער שרייבט אויך וועגן דער מיאוסער ראָלע, וואָס עס האָבן געשפּילט די פּאָליאַקן; זיי האָבן פאַרשפּרייט העצעס קעגן יידן. די שרעקלעכע יידישע ליידן שילדערט בראַנדעס, כדי צו ווייזן די אַטמאָספערע, אין וועלכער ביאַליק האָט געלעבט און געשאַפן.

געאָרג בראַנדעס שרייבט אין דער הקדמה צו דעם אַרטיקל וועגן חיים נחמן ביאַליק:

„איך האָב לעצטנס געזען „פּסח־אייער" (פּאַסכאַ־אייער), וואָס די פּאָליאַקן האָבן געשיקט צו די פּוילישע סאָלדאַטן אין די יום־טוב־טעג פון פּסח. אויף דעם אויבערשטן טייל פון פּסח־איי איז, אַנשטאָט אַ פאַרפּוצונג, פאַראַן אַ בילד פון אַ פּוילישער פרוי, וואָס ליגט פעסט צוגעבונדן צו אַ טיש, אַרום איר זיצן פיר פּוילישע יידן, וועלכע צאַפּן אויס מיט זייגמכשירים איר בלוט, וואָס דאַרף געניצט ווערן אויף פּסח צו די מצות. אויף דער צווייטער זייט פון איי ווערן די פּוילישע סאָלדאַטן אויפגעהעצט נקמה צו נעמען אין די יידן.

אַזעלכע און ענלעכע געשעענישן פון היינט צו טאָג, מוז מען אין זינען האָבן, ווען מען נעמט זיך לייענען דעם ליריקער, וואָס שטייט פאַר די מזרח־איראָפּעאישע יידן ווי זייער אָנגעזעענסטער און געאַכטעסטער דיכטער; דער פּאָעט וואָס קען זיך אויך באַרימען מיט דעם פולסטן צוטרוי פון די יידן אין זייער גרעסטער באַוווּנדערונג צו אים און זיינע פּאָעטישע ווערק.

חיים נחמן ביאַליק האָט ווידער לעבעדיק געמאַכט די אַלטע העברעאישע שפּראַך. דער לייענער וואָס קען בלויז ביאַליקן פון איבערזעצונגען — איז נישט ביכולת געננג צו באַשטימען זיין באַדייטונג ווי דער באַהערשער פון דער פּאָעטישער פאָרעם, נאָר מוז זיך באַגנוגענען בלויז מיטן איינדרוק פון דעם דיכטערס וועזן".

אָט איז געאָרג בראַנדעס' אַרטיקל „חיים נחמן ביאַליק" אין מיין איבערזעצונג:

געבוירן איז ביאַליק אין 1873, אין ראַדי, אַ דאָרף אין דער רוסיש־פּוילישער גובערניע וואָלין, ווו זיין פאָטער האָט געהאַט אַן אָרעמע פּויער־רים־קרעטשמע, אָבער ער האָט זיך אויך אָפּגעגעבן מיט לערנען. ווען חיים נחמן ביאַליק איז אַלט געוואָרן זעקס יאָר, האָבן זיינע עלטערן אויס־געוואַנדערט קיין זשיטאָמיר, ווו זיין פאָטער איז גלייך נאָך דעם געשטאָרבן. דאָס יינגל איז געקומען אונטער דער השגחה פון זיין זיידן, און געקריגן אַ יידישע דערציאונג, וואָס איז מיט אַן ערך הונדערט יאָר צוריק נאָך געגעבן געוואָרן די יידישע קינדער אין מערב־אייראָפּע און ווערט נאָך היינט צו טאָג געגעבן די יידישע קינדער אין מזרח־אייראָפּע. טעג און יאָרן האָט ער פאַרבראַכט לערנענדיק גמרא. ער איז איינגעפירט געוואָרן אין די געהיימנישפולע טראַדיציעס, לאָזנדיק זיך באַוועלטיקן פון די נישט־ווינציקער געהיימנישפולע נאַטור־איינדרוקן. ער האָט אָבער גע־בענקט נאָך אמתדיקן לעבעדיקן וויסן, געהאָפט צו געפינען דאָס אין דער וואָלאָזשינער ישיבה, דאָרטן האָט ער אָבער געפונען אומאויפהערלעכע פּירושים איבער דעם תלמוד און ענדלאָזע וויכוחים. דאָך איז צו אים דער־גאַנגען די ידיעה וועג אַ נייער באַוועגונג און וועגן נייע האָפענונגען אין רוסישן יידנטום; ער איז געוואויר געוואָרן ווי שטאַרק דער ציוניזם האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן די יידן און אויך וועגן דעם גייסטיקן פירער פון אָט דער באַוועגונג — אחד־העם. כדי צו זיין נאָענט צו אחד־העמען און באַפּרוכפּערט צו ווערן פון אים, האָט ביאַליק דאַן פאַרלאָזן די ישיבה און דעם תלמוד און איז אַוועק קיין אָדעס, וואָס איז ביסלעכווייז געוואָרן זיין היים.

אַ שטיקל צייט האָט ער געלעבט אין סאָסנאָוויץ, דאַן אין וואַרשע. אָבער ער האָט זיך אומגעקערט קיין אָדעס, ווו ער האָט פון 1905 אַרויס־

געגעבן, צוזאַמען מיט אחד־העמען, אַ העברעאיש־ליטעראַרישע מאָנאַט־שריפט. דער יידיש־רוסישער קריטיקער ראַווניצקי, וואָס האָט געזען ביאַליקס ליד „אל הציפור" (צום פויגל) האָט באַמערקט אין אים אַ סך טאַלאַנט, און צוזאַמען מיט ראַווניצקין האָט ער אָנגעפירט אַ סך יאָרן דעם פאַרלאַג „מוריה".

דער יאָמער פון דער גאַנצער מענטשהייט שפיגלט זיך אָפּ אין ח. נ. ביאַליקס דיכטונג. אַ דריי טויזנט־יאָריקער יאָמער, וואָס איז אויך געהייליקט מיט האָפענונגען און אויפטואונגען; מיט געטלעכע וויזיעס און תפילות. אַ רייכע אומווירקלעכקייט, ווי אַ ראַם אַרום אַן איינאיינציקער ווירקלעכקייט — פיינלעכער מאַרטירערטום.

ווי געטריי דער דאָזיקער ליריקער איז צו זיך און זיין שטאַם. קיין שום פּלאַסטיק. זעלטן עפּעס וואָס איז ממשותדיק, אָדער אַנשוילעך פון דער דרויסנדיקער וועלט; קיין מאָל נישט קיין געשטאַלטן וואָס לויכטן און באַוועגן זיך פריילעך אין דער זון פון לעבן. און ווי ערנסט שרייבט דער דאָזיקער ליריקער! קיין מאָל נישט קיין פערז, קיין מאָל נישט קיין קורץ־געפאַסטער אָפּגערונדעטער געזאַנג, וואָס קלינגט אַזוי נאַטירלעך אין שפּראַכן פון יינגערע צייטן, די וואָס דאַרפן נישט מיט מי זיך אַריינפּאַסן אין דעם באַנעמען און אין די סענטימענטן פון מאָדערנעם לעבן.

עס ליגט אַ יום־טובדיקייט, אַ תפילה־געזאַנג, אַן ערנסטקייט פון אַ קהילה־געבעט אַפילו אין די לידער, וואָס זענען טיף־פּערזענלעך. רירנדיק איז דאָס ליד אין וועלכן ביאַליק דערציילט פון וואַנען ער האָט געירשנט זיין געזאַנג. אין זיין פאָטערס חדר האָט געוווינט אַ זינגער, וואָס איז געווען באַהאַלטן אין די פינצטערע לעכער און שפּאַלטן, הינטער די אָרעמע שטובזאַכן. דער דאָזיקער זינגער האָט פאַרמאָגט נאָר איין־איינציקן טאָן, אַ מאַרטירער־טאָן! דאָס געזאַנג פון איינטאָניקע ליידן. און אָפט, ווען דעם יינגלס האַרץ איז שטיל געווען, ווען זיין געוויין — דערשטיקט, און די צונג זיינע — שטום, צוגעקלעפּט צום גומען — דעמאָלט האָט אין דער וויסטער נשמה פון דעם יינגל אַריינגעדרונגען דער טרויעריקער טאָן פון יענעם באַהאַלטענעם מוזיקאַנט — די גריל, דער זינגער פון דער נויט!

די שבת־לייכטער זענען געווען פאַרמשכונט, און אויף זייער אָרט האָט געברענט אַ מאַט ליכטל, צוגעקלעפּט פעסט צום שטיקל ליים. די שאָטנס האָבן געטאַנצט, און זיבן קינדער, הונגעריקע, שלעפעריקע האָבן אַרומגע־

רינגלט דעם טיש, אויף וועלכן עס איז נישט געווען, נישט קיין חלה און נישט קיין ווייך. דער פאָטער האָט צעשניטן דעם הערינג מיט אַ שטומפּיק מעסער, געטיילט יעדן אַ שטיקל, און בעת די קינדער האָבן ברומענדיק געזונגען די זמירות, האָט זיך פון אַ ווינקל אין חדר געהערט געזאַנג פון דער גריל, ווי זי וואָלט זיך איינגעהערט אין דעם ברומען פון די זמירות, און געגעבן דעם ריכטיקן טאָן.

די נאַטור־דערשיינונג, צו וועלכער ביאַליק ווערט כמעט אויסשליסלעך מיטגעריסן, און באַזינגט זי תמיד — איז דאָס ליכט, די שטראַלן פון דער זון. אַ שיין ליד הייסט „מאָרגן־גייסטער״; ער וואַכט אויף, ווי דער מוטער־קוש, אָדער דאָס שוואַלבן־געזאַנג, וואָלטן אים אויפגעוועקט פון זיסן דרימל, אָדער גאָר די ליכט־שטראַלן, וואָס האָבן געשיינט און געשטראָמט אויף זיין פנים, האָבן אים אויפגעוועקט. די פעדעם פון חלום, וואָס זענען איבערגעריסן געוואָרן, פילן זיך נאָך, די פרימאָרגן־גייסטער קלאַפּן נאָך, ווי טויבן, אויף די פענצטער־שויבן; זיי צעשפּרייטן ליכט, ברענגען דאָס ליכט, וואָס שיינט דאָן אויף די סודותדיקע זאַנגען, אויף גלאַנציקע כוואַליעס, אויף מאָרגנטוי, און אויף קליינע קינדער און מוטערס — די, וואָס נייטיקן זיך אין דעם ליכט. דאָס האַרץ פון דיכטער צעגייט. ער פאַרמאַכט די אויגן אין שטילער פרייד. דאָס דאָזיקע ליכט האָט אים איבערוועלטיקט!

אין אַ סך שירים, ווי „צום פויגל״, וואָס קומט פון דרום און ברענגט מיט זיך אַ דופט און אַ באַלזאַם־הויך פון שרונס טאָלן, און אין אַ ריי אַנדערע לידער, דריקט ביאַליק אויס זיין ליבע צום יידישן פאָלק און צו ציון; דאָס בענקען און גאַרן נאָך ציון. אויך דאָ איז פאַראַן די זון, צו וועלכער ער שיקט זיין תפילה און נאָך וועלכער ער גאַרט אַ פאַרשמאַכטער פון דאָרשט.

די פּאָר ליבע־לידער, וואָס געפינען זיך אין ביאַליקס זאַמלונג, זענען אויס צו זיין שוואַך־באַווירקט פון שיר־השירים. פאַראַן אין זיי פרייד פון שיר־השירים איבער דער נאַטור און פרילינג. אָבער נישט קיין פונק פון איר לעבעדיקער און וואַרעמער גלוסטיקייט. זיי זענען אויך באַהויכט פון אַ רעליגיעזיטעט, וואָס איז שיר־השירים פרעמד. אין אַנדערע לידער ווייזט זיך ביאַליק מיטן געפיל און מיט דער שטרענגקייט פון אַ נביא: גאָט האָט אים געשיקט. ער זאָגט אָן, שטראָפט, און טרייסט. דאָ איז פאַראַן שטאַרקייט, אָבער נישט די פעאיקייט, וואָס שאַפט בילדער און פאַרמירט געשטאַלטן.

ביאַליקס לייענער פאַרלאַנגען אָבער נישט עפּעס אַנדערש פון אים, ווי נאָר דאָס וואָס ער גיט. ער איז דער גייסט, ביי וועמען די נייע העברע־אישע לייענער געפינען נאַרונג; דער דיכטער, וואָס קען זייער צער, זייער הכנעה און זייערע ווונטשן; דער פּאָעט, וואָס דריקט אויס זייער חלום, און וואָס זאָגט זיי אָן אַ צוקונפט אין מאָרגן־ליכט, אין שלום און אין פרייהייט אויף ציונס ערד.

קאָרעספּאָנדענץ צווישן הערצלען און בראַנדעסן

ד״ר רפאל עדעלמאַן האָט מיט אַ צייט צוריק פאַרעפנטלעכט אין דער שוועדיש־יידישער צייטשריפט „יודיסק טידסקריפט״ (יידישע צייטשריפט) אַ בריוו־אויסטויש צווישן טעאָדאָר הערצלען און געאָרג בראַנדעס. ד״ר רפאל עדעלמאַן איז דער ביבליאָטעקאַר פון דער יידישער אָפּטיילונג אין דער קאָפּענהאַגענער קעניגלעכער ביבליאָטעק.

דעם ערשטן בריוו האָט טעאָדאָר הערצל געשריבן דעם 13טן נאָוועמבער 1896. ניין חדשים נאָך דעם ווי ער האָט געהאַט פאַרעפנטלעכט זיין „יידנשטאַט״.

אַז געאָרג בראַנדעס האָט תיכף דערשפּירט טעאָדאָר הערצלס אידעאַליזם און גרויסקייט, זעט מען בולט אין זיין ענטפער. אגב, איז כדאי צו דערמאָנען, אַז בראַנדעס האָט געהאַלטן הערצלס בריוו צווישן זיין אָפּגעהיטענער קאָרעספּאָנדענץ. אויך טעאָדאָר הערצל האָט אָפּגעהיט געאָרג בראַנדעס׳ בריוו אין משך פון אַכט און דרייסיק יאָר. טעאָדאָר הערצלס קאָרעספּאָנדענץ און טאָגביכער געפינען זיך אין דעם אַרכיוו פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין ירושלים.

אָט איז טעאָדאָר הערצלס בריוו צו געאָרג בראַנדעס:

זייער חשובער הער!

עס וואָלט מיך שטאַרק פאַראינטערעסירט צו הערן אייער מיינונג וועגן מיין שריפט „דער יודענשטאַט״.

איך שיק אייך דאָ בייגעלייגט מיין קליין ביכל, וואָס איז דערשינען מיט דריי פערטל יאָר צוריק (דעם 14טן פעברואַר, 1896).

פון זינט מיין שריפט איז דערשינען, האָב איך געמאַכט נסיעות קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און לאָנדאָן.

די זאַך איז מעגלעך (ד. ה. די רעאַליזירונג פון יידנשטאַט" — י. ז.), אויב אפילו עס זאָל געשען נישט פונקט אַזוי ווי עס שטייט אין בוך.

איך ווייס נישט אויב איר האָט געהערט מיין נאָמען. איך בין דער פעליעטאָן־רעדאַקטאָר פון דער „נויע פרייע פרעסע", און בין פריער געווען דער פאַריזער קאָרעספּאָנדענט פון דער דאָזיקער צייטונג. דאָרט האָב איך געשריבן אַ בוך וועגן דעם „פּאַלעי בורבאָן" (די פראַנצויזישע דעפּוטאַטן־קאַמער — י. ז.), וואָס איז דערשינען אין פאַרלאַג דונקער און הומבאָלט — אין יאָר 1895.

מיט דרך־ארץ, אייער איבערגעגעבענער

טעאָדאָר הערצל

געאָרג בראַנדעס איז צו יענער צייט געווען דער אָפּגאָט פון דער אייראָפּעאישער אינטעליגענץ און איז כסדר אַרויסגעטראָטן קעגן יעדער פאָרעם פון נאַציאָנאַליזם. זיין ליטעראַטור־קריטישער איינשטעל איז געווען אַן אוניווערסאַלער. אַוודאי האָט ער געזען די קוואַלן אין דער נשמה פון יעדן פאָלק, פון וואַנען עס שטראָמען די פאַרשידענע קולטורן; די אייגנאַרטיקע נאַציאָנאַלע מאָטיוון אין די ליטעראַטורן פון יעדן פאָלק; די אייגנטימלעכע פאָלקס־וואָרצלען, פון וועלכע עס וואַקסן אַרויס פאַרשידענע קונסט־פאָרמען. געאָרג בראַנדעס האָט שטענדיק געזוכט דעם פאָדעם, וואָס פאַרבינדט אַלע ליטעראַטורן; די שותפותדיקייט צווישן די קולטור־ווערטן פון פעלקער, די איינהייטלעכקייט פון מאָטיוון און שטרעמונגען אין די גייסטיקע שאַפונגען פון פעלקער.

געאָרג בראַנדעס האָט געזען דעם העכסטן אויסדרוק פון קולטור אין אוניווערסאַליזם, דערפון — זיין קעגנערשאַפט צו נאַציאָנאַליזם, וואָס איז ביי אים געווען אַ סינאָנים פון שאָוויניזם.

דאָס דאַרף מען אין זינען האָבן בעת מען לייענט בראַנדעס' ענטפער אויף הערצלס ווענדונג.

און איצט — געאָרג בראַנדעס' ענטפער:

קאָפּענהאַגען, דעם 7טן דעצעמבער, 1896.

זייער חשובער!

ווען איך זאָל אייך זאָגן, אַז איך דערהאַלט טעגלעך דורך דער פּאָסט צוואַנציק בריוו און אַכצן בענד געדרוקטע ביכער, וועט איר זיכער נישט האָבן קיין פאַראיבל אויף מיר, וואָס איך האָב אייך תיכף נישט געענטפערט.

איך האָב זייער אויפמערקזאַם געלייענט דאָס בוך, וואָס איר זענט געווען אַזוי פריינדלעך מיר צו שיקן, און געלייענט עס מיט סימ־פּאַטיע.

איך בעט אייך נישט לייגן קיין סך געוויכט אויף מיין מיינונג, ווייל איך פיל זיך נישט גענוג קאָמפּעטענט.

איך האָב מיינע ספיקות, צי מען קען די יידן היינט־צו־טאָג נאָך באַטראַכטן ווי אַ „פאָלק". זיי האָבן נישט קיין בשותפותדיקע זכרונות און נישט קיין בשותפותדיקע דערציאונג, און זיי פאַרמאָגן נישט קיין אמתן נאַציאָנאַלן שטאָלץ. זיי האָבן אייך פאָטערלאַנד, וואָס זיי באַטראַכטן מער־אָדער־ווייניקער פאַר זייערס, אָבער נישט קיין יידישס. איך גופא האָב זיך קיין מאָל נישט געפילט ווי אַ ייד, סיידן דעמאָלט, ווען מען האָט מיר פון צייט צו צייט דערמאָנט, אַז איך בין אַ ייד. עס האָט קיין מאָל נישט געטראָפן, אַז יידן זאָלן מיך אין דער פרעמד באַגעגענען ווי אַן אייגענעם, אָבער די דענער, די שוועדן, די נאָרוועגער און פינלענדער האָבן מיך אויפגענומען ווי זייער לאַנדסמאַן.

דער אַנטיסעמיטיזם אין דער דייטש־עסטרייכישער פאָרעם איז ביי אונדז אין צפון נישט באַקאַנט. מסתמא איז עס דערפאַר, וואָס דאָ געפינען זיך פאַרהעלטנישמעסיק ווייניק יידן, און זייערע שטאַטלעכע רעכט זענען אַזוי באַגרענעצט, אַז זיי רופן נישט אַרויס קיין קנאה.

איך פאַרשטיי דעריבער אַזוי גוט, אַז עס איז פאַראַן אַ טיפער ווונטש ביי אַ סך אונטערדריקטע יידן אויסצוואַנדערן, און עס איז שיין פון אייך אַרויסצורופן ביי זיי דעם געדאַנק וועגן אַ פאָטערלאַנד. די פעאיקייטן פון דעם יידישן שטאַם זענען זייער גרויס.

אָבער — איך קוקט מיר אויס צו זיין צו אָפּטימיסטיש. ווי אַזוי

קענט איר גאָר גלייבן, אַז דער סולטאַן און די מלוכות וועלן מסכים זיין איבערצוגעבן די יידן פּאַלעסטינע? איך בין סקעפּטיש געניגט צו גלייבן אין דעם. וואָס שייך אַרגענטינע, ווו דאָס באַזעצן זיך איז אַ סך עקאָנאָמישער און אויך שכלדיקער, געפינט זי זיך, ליידער, ווייט אַוועק. און הגם די רעגירונג דאָרטן האָט געגעבן איר הסכּמה, וועט אָבער פון דעם, ווי עס ווייזט אויס, גאָרנישט ווערן.

צוליב וואָס, אייגנטלעך, ווילט איר הערן מיין מיינונג? איר האָט דעם ענין שטודירט, איך נישט.

אַ דאַנק אייער בוך בין איך צום ערשטן מאָל געוווירר געוואָרן, אַז מען טראַכט נאָך היינט־צו־טאָג וועגן אַ יידנשטאַט. איך האָב בלויז געוווסט, אַז דער פּרייסישער קעניג, פרידריך ווילהעלם דער פערטער, וואָלט וועלן שיקן די יידן קיין פּאַלעסטינע, און ווען ער האָט געפרעגט דעם באַנקיר מענדעלסאָן זיין מיינונג וועגן דעם, האָט אים מענדעלסאָן געענטפערט: „ווען דאָס וועט מקוים ווערן, מאַיעסטעט, האָב איך בלויז איין ווונטש". דער קעניג: „וועלכן ווונטש?" „צו זיין אין בערלין דער אַמבאַסאַדאָר פון דעם נייעם שטאַט".

איך זע די צייטונג, ווו איר זענט אַ מיטאַרבעטער, בלויז דעמאָלט, ווען מען איבערזעצט עפּעס פון מיר און מען שיקט עס מיר צו. איר וועט מיר מוחל זיין, וואָס איך האָב אייער בוך וועגן „פּאַלעי בורבאָן" נישט געזען.

מיט דרך־ארץ, אייער איבערגעגעבענער,

געאָרג בראַנדעס

טעאָדאָר הערצל האָט גוט געוווסט, אַז געאָרג בראַנדעס האָט שוין דעמאָלט געהאַט פאַרעפנטלעכט זיינע ביכער וועגן בערנע, היינע, לאַסאַל און ביקאָנספילד־דיזראַעלי.

זיינע „הויפּטשטרעמונגען פון 19טן יאָרהונדערט" האָבן אים אַרויסגעבראַכט אויף דער אַרענע פון דער וועלט־ליטעראַטור, און הערצלען האָט זיך זייער געוואָלט, אַז בראַנדעס זאָל זיין באַקאַנט מיט זיין „יידנשטאַט" און אויך הערן זיין מיינונג.

אין געאָרג בראַנדעס' ענטפער צו הערצלען פילט זיך צווישן די שורות, אַז דער געדאַנק פון אַ יידנשטאַט אימפּאָנירט אים, כאָטש ער

באַהאַלט נישט זיין אוניווערסאַליזם, דאָך פאַרדריסט אים, וואָס די יידן האָבן מער נישט קיין נאַציאָנאַלן שטאָלץ — און וואָס זיי נעמען אים נישט אויף ווי אַן אייגענעם.

נאָך דעם, ווי הערצל האָט פאַרעפנטלעכט זיין „אַלטניילאַנד״, האָט בראַנדעס שוין געשריבן אַן אָפּהאַנדלונג וועגן דעם בוך, און אַ סך שטעלעס זענען פול מיט ליבע און באַגייסטערונג, אָבער מיט אַ געוויסער מאָס רעזערוואַציע.

הערצלס צווייטער בריוו צו בראַנדעסן:

דעם 10טן דעצעמבער, 1896.

זייער חשובער הער!

הגם איך דערהאַלט אויך אַ סך בריוו, וויל איך דאָך אייער פריינדלעכע צושריפט תיכף דערליידיקן.

איך האָב געגלייבט, אַז מיין אידעע וועגן אַ יידנשטאַט וועט אייך שטאַרקער אָנרעגן. עס איז דאָך עפּעס נישט קיין קלייניקייט: דער רענעסאַנס פון אַ גאַנץ פאָלק! מיר האָט זיך געדוכט, אַז די שיינקייט פון דער אונטערנעמונג וועט אויפוועקן ביי אייך די סטרונעס פון אייער האַרפע, וואָס איר פאַרמאָגט בלי שום ספק.

איך אַרבעט אַרום דעם שוין אַ גאַנץ יאָר. מיר זענען גוט באַקאַנט די אַרגומענטן, וואָס מען ווענדט אָן קעגן דעם, און לויט די ענטפערס צעטייל איך זיי אין קאַטעגאָריעס. מיר דאַרפן זיך באַמיִען צו פאַרטיפן זיך אין דער צייט, אין וועלכער מיר לעבן. מיר זענען געקומען צו אַ שיידוועג אין דער געשיכטע. מיר, יידן, פאַרמאָגן נאָך די פעאיקייט אויפצובויען אַן אייגענעם שטאַט.

איך דעפיניר אונדזער פאָלק אַזוי: אַ היסטאָרישע מענטשן־גרופּע, וואָס ווערט צוזאַמענגעהאַלטן דורך אַ געמיינזאַמען שונא.

איך פאַרלאַנג דורכויס נישט, אַז אַלע יידן זאָלן זיך באַזעצן אין פּאַלעסטינע (אַרגענטינע קומט מער נישט אין באַטראַכט). עס וועלן זיך באַזעצן די, וואָס ווילן און מוזן, זיי וועלן זיין די והותר צו באַשאַפן דעם נייעם שטאַט.

עס וועט פאַר אייך זיין אינטערעסאַנט צו וויסן, הער פּראָפעסאָר,

אַז די דאָזיקע ניי־יידישע באַוועגונג, וואָס איז אין גאַנצן איין יאָר אַלט, האָט זיך שוין פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, און די אָנהענגערס ציילן זיך אין די הונדערטער טויזנטער.

איך קען נישט נאָך אַ באַוועגונג, וואָס מען זאָל זי האָבן אַזוי מיס־פאַרשטאַנען, פאַרלוימדעט און פאַרשוויגן, און דאָך וואַקסט זי ווי אַ יונגער גיבור.

איך גלייב נישט קיין איין רגע, אַז דער יידנשטאַט וועט אויפקומען פּונקט אַזוי ווי איך האָב עס פאָרגעלייגט אין דער בראָשור, וואָס איך האָב אייך געשיקט (זי איז שוין איבערגעזעצט געוואָרן אין צען שפּראַכן).

דאָס לעבעדיקע אַנטוויקלט זיך אומאָפּהענגיק פון דעם, ווער עס פּלאַנצט עס און היט עס אָפּ.

איך האָב בטחון, אַז דער שטאַט וועט אויפקומען. ווען? אפשר אויף יענער זייט גרענעץ פון מיין לעבן, וואָס וועט ווייזן, אַז מיין לעבן איז דאָך געווען כדאי.

מיט דרך־ארץ, אייער איבערגעגעבענער,

טעאָדאָר הערצל

אין געאָרג בראַנדעס׳ צווייטן בריוו צו הערצלען שפּירט זיך, אַז הערצלס ערנסטקייט און גלויבן אין דער פאַרווירקלעכונג פון אַ יידנשטאַט האָט געמאַכט אויף אים אַ שטאַרקן איינדרוק. געאָרג בראַנדעס שרייבט צו הערצלען צווישן אַנדערן:

איך געהער בשום אופן נישט צו די אָפּשפּעטערס פון אייער אי־דעאַל.

און ער גיט צו, אַז אין די עטלעכע ווערטער, וואָס ער האָט געשריבן וועגן „יידנשטאַט", דאַרף מען נישט זוכן זיין בליק און שטעלונג צו דעם ענין.

געאָרג בראַנדעס מאַכט הערצלען אַ „שרייבערישן" פאַרוואָרף:

איר פילט זיך גיך אַנטוישט, ווען מ׳ווערט נישט גלייך באַגייסטערט פאַר אייער לעבנסווערק. איך בין שוין געוווינט צו דעם, אַז מען

זאָל פּאַר מיין לעבנסווערק (וואָס איז, גריילעך, באַגרענעצט לגבי אייערס) זיך אין גאַנצן נישט אינטערעסירן.

געאָרג בראַנדעס שרייבט הערצלען, אַז ער האָט קיין מאָל נישט צופיל געבויט אויף דעם אינטערעס, וואָס דער אָדער יענער האָט אים אַרויסגעוויזן, און ער פאַרענדיקט:

איר זענט, נאַטירלעך, אַ סך יינגער פון מיר (הערצל איז דעמאָלט, אין 1896, אַלט געווען 37 יאָר, און געאָרג בראַנדעס 54 יאָר) און איר זעט, במילא, די וועלט אַנדערש ווי איך.

פון גאָר גרויס וויכטיקייט איז הערצלס דריטער און לעצטער בריוו צו געאָרג בראַנדעסן.

אין דעם ערשטן בריוו האָט הערצל אַרויסגעוויזן נייגעריקייט צו הערן די מיינונג וועגן זיין „יידנשטאַט" פון דעם דעניש־יידישן ליטעראַטור־קריטיקער געאָרג בראַנדעס, וועלכער האָט דעמאָלט געהאַט אַ וועלט־נאָמען. אין זיין לעצטן בריוו צו בראַנדעסן פילט מען הערצלס גלויבן אין דער פאַרווירקלעכונג פון זיין אידעאַל.

הערצל שרייבט דעמאָלט בראַנדעסן:

איך בין אייך שולדיק אַ דערקלערונג פאַר וואָס איך ווער אַזוי „לייכט אַנטוישט", נישט צוליב זיך ווער איך אַנטוישט. איך בין אין דעם פאַל נישט מער ווי אַן אָרעמער מענטש, אויך נישט צוליב מיין לעבנסווערק, וואָס איז אַ סך גרעסער פון מיר; איך בין דאָ נישט מער ווי אַ שקלאַף, וואָס טראָגט צו שטיינער צו אַ פּיראַמידע. אַנטוישט בין איך אין אייך, אָדער ריכטיקער, צוליב דער פאַרשטעלונג, וואָס איך האָב געהאַט און האָב וועגן אייך אַ דאַנק אייערע ווערק. איך האָב געהאַלטן — און האַלט אייך — פאַר אַ ליבהאָבער פון שיינע זאַכן, דערפאַר האָב איך אייך געוויזן מיין זאַך. איך האָב געוואָלט זען אייער רעאַקציע. אפשר איז די זאַך גאָר נישט שיין? און אפשר מאַכט דאָס אַ מאָל אַ טעות דער מייסטער פון קונסט?

און הערצל פאַרענדיקט דעם בריוו צו געאָרג בראַנדעסן מיט שטאָלץ און אמונה אין זיין לעבנסווערק. ער שרייבט:

איר מיינט משמעות, אַז איך בין אַזוי יונג, און איר רייצט מיך אַ ביסל

מיט מיין יוגנט. איך בין 37 יאָר, דאָס איז אַן עלטער, וואָס איינער, אויב ער איז באמת בכוח עפּעס אויפצוטאָן, איז שוין אַזוי צו זאָגן, אַ מאַן.

אַזוי ווי איר זענט געווען אַזוי פריינדלעך און אויך איבערגעלייענט מיין רעפעראַט, דערלויבט מיר דערפאַר אייך זאָגן, אַז דאָס ווערק (די אידעע וועגן אַ יידנשטאַט — י. ז.) וואַקסט. עס געפעלט די הונ־געריקע, און, ווי עס ווייזט אויס, געפינען זיך, ליידער, אַ סך פון דעם מין.

„געאָרג בראַנדעס און פּעטער קראָפּאָטקין"
פון וולאַדימיר גראָסמאַן

וולאַדימיר גראָסמאַן האָט זיך קונה־שם געווען מיט זיינע ערנסטע פּובליציסטישע אַרטיקלען. ער איז אַ זשורנאַליסט פון גרויסן פאַרנעם, מחמת דעם, וואָס ער איז גוט באַהאַוונט אין דער אייראָפּעאישער קולטור־געשיכטע און פּאָליטיק.

וולאַדימיר גראָסמאַן איז דער עלטערער ברודער פון מאיר גראָסמאַן; אָבער בעת מאיר גראָסמאַן איז כל־ימיו, אַזוי צו זאָגן, אַן עקסטרעמער ציוניסט, איז וולאַדימיר גראָסמאַן געווען, און פאַרבליבן, אַן עקסטרעמער גלותיסט.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן זיך די ברידער גראָסמאַן אויפגעהאַלטן אין נייטראַלן דענעמאַרק. מאיר גראָסמאַן איז געווען פאַרטאָן ראשו רובו אין ארץ־ישראל־פּראָבלעמען. צוזאַמען מיט וולאַדימיר זשאַבאָ־טינסקי האָט ער אַרויסגעגעבן „די טריבונע". וולאַדימיר גראָסמאַן איז געווען דער עיקר פאַרטאָן און פאַראינטערעסירט אין רעגולירן דעם עמיג־ראַציע־שטראָם קיין קאַנאַדע, וווהין יידן פון מזרח־אייראָפּע האָבן געהאַלטן אין איינוואַנדערן.

עס דערמאָנט זיך ווי אויף אַ פאַרזאַמלונג אין קאָפּענהאַגען האָט וולאַ־דימיר גראָסמאַן געהאַלטן אַ פאָרטראַג וועגן די גרויסע מעגלעכקייטן פון

איינאָרדענען נייע יידישע אימיגראַנטן אויף די קנאַפּ־באַפעלקערטע שטחים פון קאַנאַדע. ער האָט דעמאָלט אַ סך ציטירט פון אַן אַרטיקל פון „צו־קונפט" פון א. י. וועגן דעם ענין קאָלאָניזאַציע, און נישט דערמאָנט דעם מחבר, מיך האָט דאָס שטאַרק געוווּנדערט, איך האָב זיך אָבער גלייך דערוווּסט, אַז דער מחבר א. י. איז געווען דער פּסעוודאָנים פון וולאַדימיר גראָסמאַן.

וולאַדימיר גראָסמאַן איז אויך באַקאַנט די סקאַנדינאַווישע לייענערס פון ערנסטע צייטשריפטן און צייטונגען. נאָך אין דער צייט פון דער ערש־טער וועלט־מלחמה האָט ער אָפט געשריבן פּאָליטישע אַרטיקלען אין דער דענישער באַרימטער צייטונג „פּאָליטיקען".

וולאַדימיר גראָסמאַן אין איז קאָפּענהאַגען געקומען אין באַרירונג מיט דענישע שריפטשטעלערס און אויך מיט געאָרג בראַנדעסן.

אין זיין בוך „געאָרג בראַנדעס און פּעטער קראָפּאָטקין" (ער האָט געדאַרפט הייסן: די קאָרעספּאָנדענץ צווישן געאָרג בראַנדעס און פּעטער קראָפּאָטקין), זעט מען וולאַדימיר גראָסמאַנס סאָלידע ידיעות און באַהאַ־וונטקייט אין דעם אידעען־איינשטעל פון די צוויי באַרימטע פּערזענלעכ־קייטן, אין פּאָליטישן מצב פון צאַרישן רוסלאַנד און צום טייל אויך פון ענגלאַנד און פון די סקאַנדינאַווישע לענדער.

אין דער הקדמה פון בוך, שרייבט צווישן אַנדערן וולאַדימיר גראָסמאַן:

„דער דענישער ליטעראַטור־היסטאָריקער, פּראָפעסאָר פּאָול קריגער, פאַרדינט אַ גרויסן דאַנק פאַר דעם אופן, ווי ער האָט אַרויסגעגעבן די בראַנדעס־קראָפּאָטקין־קאָרעספּאָנדענץ, ווי אַזוי ער האָט זי צוגעגרייט צום דרוק און צוגעגעבן די נייטיקע אַנאָטאַציעס און אויפקלערונגען. די אַרבעט האָט גענומען עטלעכע יאָר. די בריוו האָבן זיך געפונען אין פאַר־שידענע לענדער, ס׳רוב אין ענגלאַנד, אין בריטישן מוזיי און אין רוסלאַנד.

פרילינג 1954 איז פּראָפעסאָר קריגער איינגעלאַדן געוואָרן צו קומען קיין לענינגראַד און דאָ האָט ער באַקומען די פאָטאָקאָפּיעס פון קראָפּאָטקינס בריוו. אין רוסלאַנד האָט פּראָפ. קריגער אויך באַקומען אַ טייל פון בראַנ־דעס׳ בריוו צו קראָפּאָטקינען.

אין גאַנצן זענען אין בוך פאַראַנען 65 בריוו פון בראַנדעסן צו קראָ־פּאָטקינען און פון קראָפּאָטקינען צו בראַנדעסן. דער ערשטער בריוו פון

בראַנדעסן האָט די דאַטע: קאָפּענהאַגען, 22סטער מאַי 1896. דער לעצטער בריוו פון קראָפּאָטקינען איז דאַטירט: דמיטראָוו, מאָסקווער גובערניע, 28סטער אַפּריל 1919.

די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ איז פאַרעפנטלעכט אין אָריגינאַל, ד. ה. אין פראַנצויזיש" (ז"ז 16—17).

געאָרג בראַנדעס האָט געפירט אַ פאַרצווייגטע קאָרעספּאָנדענץ מיט די באַדייטנדיקסטע קולטור־שעפער פון זיין צייט. און די קאָרעספּאָנדענץ האָט ער געפירט אויף כמעט אַלע אייראָפּעאישע שפּראַכן.

אויך פּעטער קראָפּאָטקין, וואָס האָט זיינע ווערק געשריבן, פאַרשטייט זיך, אויף רוסיש, האָט געקענט אַ ריי אַנדערע אייראָפּעאישע שפּראַכן, אויף וועלכע ער האָט פאַרעפנטלעכט גרעסערע אַרבעטן.

די בריוו און די דערקלערונגען האָט וולאַדימיר גראָסמאַן איבערגע־זעצט פון פראַנצויזיש, אָבער דאָרטן געפינען זיך אויך אַ סך קאָמענטאַרן, ווו עס פילט זיך שטאַרק דעם איבערזעצערס און צוזאַמענשטעלערס פּיעטעט און גרויס יראת־הכבוד פאַר די צוויי גייסטיקע פּערזענלעכקייטן און שריפט־שטעלערס — געאָרג בראַנדעס און פּעטער קראָפּאָטקין.

אויב פּראָפעסאָר פּאול קריגער, וואָס האָט אַרויסגעגעבן די בריוו, האָט אָנגעשריבן צו זיי „רש"י", האָט וולאַדימיר גראָסמאַן געשריבן צו זיי „תוספות", ווו עס זעט זיך אַרויס זיין חריפות באַזונדערס אין די פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע געשעענישן פון יענער צייט.

דאָס איז געווען אַ צייט פון גרויסן אויפברויז; אין זייער קאָרעספּאָנ־דענץ שפּיגלט זיך אָפּ דער דרייפוס־פּראָצעס, דערנאָך די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה און די רעוואָלוציע פון 1904. דער מאָרד פון דער עסטרייכישער קייזערין עליזאַבעט און די אַנטי־קראָפּאָטקין־העצעס אין שייכות מיטן מאָרד, און אַזוי כסדר. און ווען ס'האָט זיך פאַרשפּרייט דער קלאַנג, אַז די סאָוויעט־רעגירונג האָט אַרעסטירט פּעטער קראָפּאָטקינען (דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר פאַלש), האָט דעמאָלט בראַנדעס געשריבן: „דער וואָס קען פּעטער קראָפּאָקינען ווייסט, אַז ער וועט שטאַרבן ווי סאָקראַטעס, נישט נאָר וועט ער זיך נישט באַקלאָגן, נאָר אין דער טיפעניש פון זיין האַרץ וועט ער פילן אַ הייסע סימפּאַטיע צו זיינע אומוויסנדיקע תלינים" (זייט 238).

אין לעצטן בריוו צו בראַנדעסן, וואָס איז געשריבן פון דמיטראָוו, מאָסקווער גובערניע, דעם 28סטן אָקטאָבער 1919, טרעט קראָפּאָטקין

שאַרף אַרויס קעגן אַ מיליטערישער אינטערווענץ פון די מערב־מלוכות. „דאָס וועט צוריקברענגען צו אַ שאָוויניסטישער מאָנאַרכיע און האַס פון רוסישן פאָלק צו מערב־אייראָפּע. ער טרעט אויך שטאַרק אַרויס קעגן קאָלטשאַקן און דעניקינען — וואָס זייער האַנדלונג וועט ברענגען רעאַקציע און פאַרגיסן טייכן בלוט (זייט 236). און ער שלאָגט פאָר, אַז די אַלאירטע זאָלן בעסער העלפן דעם רוסישן פאָלק אין דער שרעקלעכער נויט, אין וועלכער עס געפינט זיך.

אין פאָדערגרונט פון זייער קאָרעספּאָנדענץ שטייען קודם־כל זייערע ליטעראַרישע ווערק. זיי טיילן זיך אַפילו מיט די שטימונגען, וואָס באַהערשן זיי ערב זייערע שאַפונגען.

בעת די קאָרעספּאָנדענץ האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1896 האָט נאָך קראָפּאָטקין נישט געשריבן זיינע הויפּטווערק „זכרונות פון אַ רעוואָלוציאָנער", „קעגנזייטיקע הילף" און אַנדערע ווערק.

ווי נאָר אַ קאַפּיטל האָט זיך אָפּגעדרוקט אין ענגלאַנד אָדער אין אַמעריקע, האָט ער גלייך געוואָלט וויסן בראַנדעס' מיינונג; אויך בראַנדעס האָט זיך געפילט דערהויבן ווען קראָפּאָטקין האָט אויסגעדריקט אָנערקענונג אויף זיינס אַ ווערק.

זיי זענען דאָך געווען אַזוי פאַרשידן אין זייער גייסטיקער אידעען־איינשטעל: בראַנדעס האָט געהאַט וויניק אמונה אין „פאָלק", ער איז געווען צו פיל אינדיווידואַליסט, בעת פעטער קראָפּאָטקין האָט אַפילו אין דעם פּשוטסטן פויער געזען אַ בעל־שכל,ביידע זענען אָבער נישט געווען פאַרפאַנצערט קעגן אַנדערע אידעען.

וולאַדימיר גראָסמאַן דערמאָנט צוויי מאָל, אַז געאָרג בראַנדעס איז געווען שטאַרק אונטער דער השפעה פון סוירען קירקעגאָרס קריסטלעכע אידעען, און אַז ער איז אַפילו שיעור נישט גרייט געווען אָנצונעמען דעם קריסטנטום. „ער (בראַנדעס) ווערט אָבער שפּעטער פאַרכאַפּט פון שפּינאָזאַן און באַטראַכט זיינע פילאָזאָפישע אידעען, ווי דאָס אמתע ליכט און דעם אמתן וועגווייזער אין מענטשלעכן דענקען און וויסן" (זייט 4).

איך בין זיך מודה, אַז איך האָב זיך קיין מאָל נישט אָנגעשטויסן אויף דעם.

אין געאָרג בראַנדעס' בריוו צו פרידעריק ניטשע, וואָס איז דאַטירט: קאָפּענהאַגען, דעם 11טן יאַנ. 1888, שרייבט ער: „עס איז פאַראַן אַ סקאַנדי־

נאָווישער דענקער, וואָס זיינע ווערק וואָלטן איך שטאַרק פאַראינטערע־סירט, ווען איר וואָלט זיי געקאָנט לייענען אין אַ וועלכער עס איז איבער־זעצונג. איך האָב אין זין סוירען קירקעגאַר, וועלכער איז, ווי מיר דוכט זיך, איינער פון די טיפסטע פסיכאָלאָגן אין דער וועלט. אַ ביכל, וואָס איך האָט געשריבן וועגן אים, גיט נישט קיין אמתן באַגריף וועגן זיין געניאַלער פערזענלעכקייט, מחמת דעם, וואָס עס איז אַ פּאָלעמישער פּאַמפלעט, און געהאַט דעם צוועק צו פּאַראַליזירן זיין ווירקונג. פּסיכאָלאָגיש איז דער עסיי מיינער, אַזוי ווייזט מיר אויס, דאָס ראַפינירטסטע, וואָס איך האָב געשריבן אַ מאָל".

איך האָב ביי מיר אין ביבליאָטעק געאָרג בראַנדעס' עסיי וועגן סוירען קירקעגאַר, וואָס געפינט זיך אין צווייטן באַנד פון זיינע געזאַמלטע ווערק אויף דעניש, וואָס האָבן אָנגעהויבן דערשיינען אין 1919. די אָפּהאַנדלונג האָט געאָרג בראַנדעס געשריבן אין יאָר 1877 און פאַרמאָגט 125 גרויסע, געדיכט־געדרוקטע זייטן און איז איינגעטיילט אין 20 קאַפּיטלעך. אין דריי יאָר שפּעטער, האָט געאָרג בראַנדעס ווידער געשריבן אַן אַרבעט וועגן סוירען קירקעגאָרס פאַרבליבענע שריפטן. און אין יאָר 1900, ווען עס זענען דערשינען סוירען קירקעגאָרס „געזאַמלטע ווערק", האָט געאָרג בראַנדעס געשריבן דעם לעצטן עסיי וועגן אים.

אין אַלע דריי אַרבעטן בראַנדעס', וואָס פאַרנעמען 242 גרויסע זייטן, איז נישט פאַראַן די מינדסטע אָנצוהערעניש וועגן דעם, וואָס וולאַדימיר גראָסמאַן דערמאָנט אין זיינע אויסטייטשונגען.

אינטערעסאַנט איז ווי אַזוי געאָרג בראַנדעס הייבט אָן זיין עסיי וועגן סוירען קירקעגאָר:

„איך בין געווען כמעט נאָך אַ קינד, ווען מיר איז אויסגעקומען צו הערן דעם נאָמען קירקעגאָר... יעדעס מאָל, ווען איך האָב נישט ריכטיק אַריבערגעצויגן מיינע הויזן איבער די שטיוול, וואָס מען האָט דעמאָלט געטראָגן, האָט מיך דאָס הויזמיידל אָנגערופן — סוירען קירקעגאָר", און ער שרייבט ווייטער: „אויף אַזאַ אופן האָבן די קאַריקאַטורן אין „קאָרסאַרען" באַרימט געמאַכט קירקעגאָרס הויזן אין יענע קרייזן, וווּ זיין זשעני האָט נישט געקענט גרייכן".

„קאָרסאַרען" האָט אַרויסגעגעבן דער יונגער רעבעל און שפּעטער־דיקער דעניש־יידישער קלאַסישער שרייבער, מאיר גאָלדשמידט, וואָס

האָט באַקעמפט דענעמאַרקס גייסטיקע אָפּגעשטאַנענקייט, באַזונדערס לגבי פראַנקרייך.

אין זיין שריפט האָט דער יונגער גאָלדשמידט שטאַרק קריטיקירט, ממש אָפּגעלאַכט, פון קירקעגאָרס טעאָלאָגישע דאָקטרינעס, ער האָט געחוזקט פון אים, און באַזונדערס זענען געווען זייער פּאָפּולער די קאַרי־קאַטורן פון סוירען קירקעגאָרס לאַנגע, אומגעלומפּערטע פיס און די הויזן זיינע.

גאָלדשמידט האָט געקעמפט קעגן דעם פּאָליטישן קאָנסערוואַטיזם און רעליגיעזן אַבסקוראַנטיזם פון דענעמאַרק; די שריפט, וואָס איז געווען זייער פּאָפּולער, איז אַזוי דערגאַנגען די יאָרן דעם עמפּינדלעכן פילאָזאָפישן שרייבער, אַז ער האָט בדעה געהאַט אין גאַנצן פאַרלאָזן דאָס שרייבעריי און ווערן אַ גלח אין אַ דאָרף.

בראַנדעס שרייבט, אַז די אַנגריפן אויף קירקעגאָרן זענען געווען נישט בלויז ווי אַ שטאָך פון אַ מיק (מאָסקיטאָ), וואָס טוט טאַקע ווי, נאָר ווי הונדערט טויזנט שטעך, וואָס קענען דערהרגענען אַ מענטשן. „און דאָך", שרייבט ער „זענען די דאָזיקע אַנגריפן געווען מילד און ראַפינירט לגבי די אָנפאַלן אויף מיר אין די שפּעטערדיקע יאָרן".

פאַרשטייט זיך, אַז צו יענער צייט האָט קיינער נישט געהאַט קיין אַנונג, אַז סוירען קירקעגאָר וועט, הונדערט יאָר נאָך זיין טויט (ער איז געשטאָרבן אין 1855), ווערן דער דענקער, ביי וועמען די אַנטוישטע אין מאַטעריאַליזם, וועלן זוכן גייסטיקע אינספּיראַציע און באַרויִקונג. „עקזיסטענציאַליזם" איז געוואָרן פּאָפּולער ביי אַלע, וואָס שרייבן אָדער ריידן וועגן מענטשנס איינזאַמקייט און פאַרלוירנקייט אויף זיין קורצן, דערנערדיקן וועג צו יענער זייט עקזיסטענץ.

וולאַדימיר גראָסמאַן, דער גוטער קענער פון געאָרג בראַנדעסן דעם פרייגייסט און אַטעאיסט, האָט געדאַרפט זיין זייער קריטיש צו יעדער באַהויפּטונג וועגן קירקעגאָרס קריסטלעכער השפּעה אויף אים.

ווי מיר האָבן געזען אין ציטירטן בריוו צו ניטשע, שרייבט בראַנדעס, אַז זיין ציל איז געווען צו פאַראַליזירן קירקעגאָרס איינפלוס.

וולאַדימיר גראָסמאַן דערציילט אין דער הקדמה וועגן פיל בענד בראַנדעס־קאָרעספּאָנדענץ, וואָס זענען שוין דערשינען. דאָס האָט ווייט נישט אויסגעשעפּט זיין קאָרעספּאָנדענץ.

אַט איז אין מערץ 1963 דערשינען אין קאָפּענהאַגען אַ בוך: „מאַסקעס און מענטשן" פון דעם אַכציק־יאָריקן דענישן שוישפּילער, פּאַול רוימערט. דער דענישער אַרטיסט ברענגט דאָרטן אַ צאָל בריוו, וואָס בראַנדעס האָט אים געשריבן נאָך דעם ווי ער האָט אים געזען אויפטרעטן אויף דער בינע.

געאָרג בראַנדעס האָט טיטולירט דעם יונגן שוישפּילער: דו וועסט זיין אַ מאַרקעלוס.

דער יונגער שוישפּילער האָט געפרעגט בראַנדעסן, וואָס ער מיינט מיט דעם, אַז ער וועט זיין אַ מאַרקעלוס. און פּאַול רוימערט דערציילט:

„געאָרג בראַנדעס האָט מיך אָנגעקוקט מיט באַדויערן, ער, וואָס איז געווען אין דער היים אין אַזוי פיל צווייגן פון דער מענטשלעכער קולטור, האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז איך ווייס נישט אויף ויעמען דער נאָמען באַציט זיך; און ער האָט מיר דערציילט, אַז דער קיסר אויגוסטוס האָט געהאַט אַ נאָענטן קרוב, מארקעלוס, וואָס איז געווען זייער באגאבט און מען האָט געלייגט אויף אים גרויסע האָפענונגען. צום גרויסן ווייטיק פון אַלע, וואָס האָבן אים געקענט, איז ער געשטאָרבן אין זיין פריער יוגנט. פון דעמאָלט אָן פלעגט מען אין רוים זאָגן אויף אַ יונגן מענטשן, וואָס ווייזט אַרויס פעאיקייטן: „דו וועסט זיין אַ מאַרקעלוס".

די קאָרעספּאָנדענץ צווישן בראַנדעסן און קראָפּאָטקינען איז במשך פון די יאָרן געוואָרן נעענטער און האַרציקער. ווען איינער פון זיי איז קראַנק געווען, זעט מען דעם אויפריכטיקן מיטגעפיל פונעם צווייטן. אויך די משפּחה־מיטגלידער, פּרוי קראָפּאָטקין און זייער טאָכטער, סאַשאַ, פיגורירן שטאַרק אין דער קאָרעספּאָנדענץ; און אַזוי אויך בראַנדעסעס טאָכטער, אידיט, וואָס האָט זיך שטאַרק געפרייט ווען קראָפּאָטקין האָט איר געשיקט אויף אַן אַלבום אַ ווידמונג.

בראַנדעס' ערשטע באַגעגעניש מיט קראָפּאָטקינען איז פאָרגעקומען אין לאָנדאָן, אין הויז פון רוסישן שריפטשטעלער סערגעי סטעפּניאַק.

אַ קורצע צייט נאָך דעם איז סטעפּניאַק אומגעקומען פון אַן אומגליק־פאַל, ער האָט גייענדיק געלייענט אַ בוך און נישט באַמערקט די באַן וואָס איז אָנגעקומען. דאָס איז געווען אַ שרעקלעכע קאַטאַסטראָפע פאַר קראָ־פּאָטקינען און אויך פאַר בראַנדעסן, אוןביידע זענען געוואָרן פאַראינטע־

רעסירט אינעם גורל פון פרוי סטעפניאק, און נישט בלויז אין די טראַגישע טעג פון אומגליק.

קראָפּאָטקינס לעצטער בריוו צו בראַנדעסן, ווו ער מאַכט אַ פאַרגלייך צווישן דעם פּראָצעס, וואָס פראַנקרייך האָט דורכגעמאַכט בעת דער רעוואָ־לוציע פון די יאַקובינער, פון סעפּטעמבער 1792 ביז יולי 1794, מיט דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, איז אַ וויכטיק קאַפּיטל פּאָליטישע געשיכטע.

בראַנדעס און קראָפּאָטקין זענען ביידע געבוירן אין זעלבן יאָר, אין 1842; קראָפּאָטקין איז געשטאָרבן אין 1921, אין עלטער פון 79 יאָר אַ טיף אַנטוישטער אין דער רוסישער רעוואָלוציע.

בראַנדעס איז געשטאָרבן אין זיין היימשטאָט קאָפּענהאַגען אין יאָר 1927 אין עלטער פון 85 יאָר, אַרומגערינגלט מיטן אָן אַ שיעור פריינד.

וולאַדימיר גראָסמאַן פאַרענדיקט זיין אָפּשאַצונג וועגן בראַנדעסן און קראָפּאָטקינען מיט עטלעכע ווערטער, וואָס וואַרפן אַ ליכט אויף די דאָזיקע צוויי שעפערישע פּערזענלעכקייטן, ער שרייבט:

„קיינער פון זיי האָט נישט פאַרזוכט אַרויפצוצווינגען אויף דעם אַנדערע זיינע אייגענע אידעען, און זיי זענען פון דעסטוועגן געבליבן אויף שטענדיק אינטים־פאַרבונדענע פריינד. דאָס איז געווען אַ זעלטענער פאַל פון אידעען־טאָלעראַנץ" (זייט 18).

געאָרג בראַנדעס האָט אויך געפירט אַ נאָענטע קאָרעספּאָנדענץ מיט פרידריך ניטשע, אויף דייטש נאַטירלעך; אויך דאָרטן ווייזט בראַנדעס אַרויס אַ שטאַרקע פאַראינטערעסירטקייט נישט בלויז אין ניטשעס ווערק, נאָר אויך אין זיין גורל. ווען ניטשע שרייבט אים צום סוף פון אַ לאַנגן בריוו, וואָס איז דאַטירט דעם 26סטן נאָוו. 1887: „איך האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון מיין פּראָפעסור אין דער באַזעלער אוניווערסיטעט; איך בין כמעט אין גאַנצן בלינד". ענטפערט אים אויף דעם בראַנדעס: „די לעצטע ווערטער, מיט וועלכע איר פאַרענדיקט אייער בריוו, האָבן געמאַכט אויף מיר אַ שווערן איינדרוק. האָט איר זיך געזען מיט גוטע אָקוליסטן, מיט די בעסטע? צוליב אַלע, וואָס אכטן אייך, דאַרפט איר זען נישט צו פאַר־לאָזן די אויגן. דאָס, וואָס איינער זעט שלעכט, ווירקט אויך שלעכט אויף דער פּסיכיק". אגב, דערמאָנט געאָרג בראַנדעס אין דעם אייגענעם בריוו צו ניטשע דעם נאָמען קראָפּאָטקין. ער שרייבט: „עס האָט מיך היפש

שאָקירט אײַערע שאַרפֿע און לײדנשאַפֿטלעכע אױסדרוקן װעגן אַזעלכע דערשײַנונגען װי די סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע פּראָפּאַגאַנדע. פֿירשט קראָפּאָטקינס אידעען זענען דורכױס נישט קײן נאַרישקײטן, װי איר דריקט זיך אױס״.

דאָס האָט בראַנדעס געשריבן צען יאָר פֿריער אײדער ער האָט זיך באַגעגנט מיט קראָפּאָטקינען און אָנגעהױבן פֿירן אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט אים.

אַװדאי האָט זיך געאָרג בראַנדעס געפֿילט געשמײכלט, װען ניטשע האָט אים געשריבן: „די דײַטשן האָבן צו מאָל נישט באַמערקט מײַנע פֿילאָזאָפֿישע אידעען, און פּלוצלונג האָט איר זיך באַװיזן און אַרומגערינגלט מיך מיט אַ הײליקן שײַן״.

בראַנדעס האָט אים געהאַט געשריבן צװישן אַנדערע זאַכן: „אַ נײַער, אײגנאַרטיקער גײַסט גײט מיר אַנטקעגן פֿון ניטשעס װערק, איך װאָלט דאָס אָנגערופֿן, אַריסטאָקראַטישער ראַדיקאַליזם״ אאַז״װ. דאָס באַציט זיך אױף ניטשעס װערק „אױף יענער זײַט פֿון גוט און שלעכט״ און „גענעאָ־לאָגיע און מאָראַל״, װאָס ניטשעס פֿאַרלעגער האָט אים געשיקט בראָשירט און װאָס בראַנדעס האָט זײ תּיכף געלאָזט אײַנבינדן.

און דאָך זענען די בריװ צװישן בראַנדעסן און ניטשען געװען רעזער־װירט; זײ האָבן זיך טיטולירט אײנער דעם אַנדערן — „מײַן ליבער הער״ אָדער „מײַן געערטער הער״, בעת אין דער קאָרעספּאָנדענץ צװישן בראַנדעסן און קראָפּאָטקינען שרײַבן זײ זיך אײנער דעם אַנדערן: „מײַן טײַערער גוטער פֿרײַנד״, אָדער „זײַער טײַערער גוטער פֿרײַנד״.

אַפֿילו אין די בריװ, װאָס העגרי נאַטאַנסאָן האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין בוך — „געאָרג בראַנדעס — אַ פּאָרטרעט״, איז נישט פֿאַראַן אַזאַ אינטימע נאָענטקײט, הגם זײ האָבן זיך זײַער גאַנץ לעבן „געקריגט״ אײנער מיטן אַנדערן און געװען נאָענטע פֿרײַנד.

בלױז אין די בריװ צו פֿרױ געטרוד רונג פֿילט זיך יענע נאָענטקײט און האַרציקײט, װאָס מיר באַגעגענען צװישן אים און קראָפּאָטקינען.

פֿרױ געטרטרוד רונג איז געװען געאָרג בראַנדעסעס אַ גרױסע פֿאַר־ערערין, זי האָט אין די לעצטע צען יאָר אים באַגלײט אױף כּמעט אַלע זײַנע נסיעות און נישט אָפּגעטראָטן פֿון זײַן בעט, בעת ער איז קראַנק געװען.

איר בוך איז אַ מין געאָרג בראַנדעס בעל־פּה; בראַנדעסעס פּקחות און שאַרפע רעאַגירן אויף דערשיינונגען דערמאָנען אַ סך אין מענדעלען.

זאָל מיר דערלויבט זיין צו דערציילן כאָטש איין „חכמה״ וועגן פּעטער קראָפּאָטקינען.

ווען פּעטער קראָפּאָטקין איז דאָס ערשטע מאָל געקומען קיין לאָנדאָן, האָבן אים אָפּגעוואַרט די מיטגלידער פון דער קעניגלעכער געאָגראַפישער געזעלשאַפט אויפן וואָקזאַל פון ערשטן קלאַס. ווי דערשטוינט זענען זיי אָבער געווען, ווען זיי האָבן אים געזען אַראָפּגיין פון דריטן קלאַס. און אַז מ׳האָט אים געפרעגט „פירשט קראָפּאָטקין, פאַר וואָס עפּעס זענט איר געפאָרן אויפן דריטן קלאַס?״ האָט קראָפּאָטקין רואיק געענטפערט: — „ווייל ס׳איז נישטאָ קיין פערטער קלאַס״.

וולאַדימיר גראָסמאַן, דער איינפעער „פאַר עקסעלאַנץ״, האָט מיט זיין איבערזעצונג און זיינע קאָמענטאַרן פון דער בראַנדעס־קראָפּאָטקין קאָרעספּאָנדענץ, באַרייכערט אונדזער יידישע ליטעראַטור מיט אַ וויכטיק ווערק.

„צוקונפט״ יאנואר 1964

פּראָפעסאָר דוד סימאָנסען

מיט אַ שטיקל צייט צוריק איז אָנגעקומען אַ ידיעה פון דענעמאַרק אַז די דענישע רעגירונג האָט אַסיגנירט 75 טויזנט קראָנען אויפצובויען אַ בנין אין קאָפּענהאַגען פאַר אַ יידישער ביבליאָטעק. איך מוז זיך מודה זיין, אַז הגם מיר איז גוט באַקאַנט וועגן די שיינע און ליכטיקע מעשים פון דעם דענישן פאָלק לגבי די דענישע יידן, באַזונדערס אין די פינצטערע היטלער־יאָרן, פון דעסטוועגן בין איך לכתחילה געווען אין ספק צי די דאָזיקע נייעס איז אַ רעאַלע. הגם עס זענען פאַראַן גענוגנדיקע און וואָגיקע סיבות צו גלויבן יעדע גוטע זאַך וועגן די דענער. מיט אַ קורצער צייט צוריק איז מיר אויסגעקומען צו זען אַ צעטל, געשריבן אויף דעניש, וואָס אַ יידישע משפּחה אין קאָפּענהאַגען האָט געפונען לעבן דער טיר, צו מאָרגנס

נאָך דעם ווי זי האָט זיך אומגעקערט פון דער דייטשער געפאַנגענשאַפט. אין צעטל איז געווען געשריבן: „ווען די דייטשן האָבן אייך אָוועקגעפירט און עס איז פינצטער געוואָרן אין אייערע פענצטער, איז אויך אונדז פינצ־טער געוואָרן. ווען מיר האָבן נעכטן געזען, אַז אין אייערע פענצטער איז צוריק ליכטיק, איז אויך אונדז ליכטיק געוואָרן”. קיין נאָמען איז נישט געווען אונטערגעשריבן, בלויז דאָס צעטל און אַ בוקעט בלומען.

פונקט ווי אין אַ טראָפּן וואַסער שפּיגלט זיך אָפּ די זון, אַזוי קען מען אין מעשים פון יחידים לערנען דעם כאַראַקטער פון פאָלק, בפרט נאָך ווען די מעשים זענען נישט קיין צופעליקע אָדער איינצלנע דערשיינונגען.

נאָך אַ פאַל וועלן מיר דאָ פאַרצייכענען, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די מערסטע יידן, וואָס האָבן איבערגעלאָזט געשעפטן אָדער פאַבריקן אין דענעמאַרק און זענען אַנטלאָפן קיין שוועדן, אָדער וואָס מען האָט זיי אָוועקגעשיקט אין דעם טערעזיענשטאָטער געטאָ.

יידן זענען געצוואונגען געווען נישט נאָר אין געציילטע טעג, נאָר אין געציילטע שעהען אויפצוגעבן זייערע געשעפטן און זיך ראַטעווען פון די היטלער־נעגל.

מיר האָט איבערגעגעבן דער דעניש־יידישער הוטן־פאַבריקאַנט, ס. כץ, וואָס איז לעצטנס געווען אין ניו־יאָרק אויף אַ קורצן באַזוך, אַז איידער ער איז אַנטלאָפן קיין שוועדן, האָט ער קוים באַוויזן איבערצוגעבן זיין פאַבריק צו דעם בוכהאַלטער און צו דעם פאַבריק־פאָרמאַן. נאָך דער באַפרייאונג האָט זיך ס. כץ צוזאַמען מיט אַנדערע דענישע יידן אומגע־קערט קיין קאָפּענהאַגען. ער איז אַרויף אַ קוק טאָן וואָס עס הערט זיך אין זיין הוט־פאַבריק. ווען ער איז אַרויפגעקומען האָט אים דער דענישער ביכהאַלטער איבערגעגעבן די פאַבריק און 15 טויזנט דענישע קראָנען ריווח וואָס עס איז געבליבן פאַר די צוואַנציק חדשים, וואָס ער איז געווען אַוועק. ער האָט געבעטן דעם בוכהאַלטער און דעם פאָרמאַן, אַז זיי זאָלן צעטיילן דאָס געלט צווישן די אַרבעטער. ער האָט בלויז איבערגענומען די פאַבריק, וואָס איז געהאַלטן געוואָרן אין דער בעסטער אָרדענונג.

אַזעלכע פאַלן זענען געווען אַ סך. די דענישע רעגירונג האָט אויך געצאָלט וועכנטלעך געהאַלט אַלע יידן (און, פאַרשטייט זיך, אויך די נישט־יידן), וואָס האָבן געליטן פון די נאַציס. דאָס געלט איז אויסגעצאָלט

געוואָרן די יידן נאָך דעם, ווי זיי האָבן זיך אומגעקערט פון דעם טערע־זיענשטאַטער געטאָ אָדער פון שכנותדיקן לאַנד, שוועדן.

דער יסוד פון דער יידישער ביבליאָטעק, וואָס די דענישע רעגירונג גייט איצט אויפבויען, וועלן זיין פראָפ. דוד סימאָנסענס באַרימטע זאַמלונגען פון יידישע ביכער, וואָס מאַכן אויס העכער 40 טויזנט בענד.

פראָפעסאָר דוד סימאָנסען איז געווען עטלעכע צענדליק יאָר דער אויבער־ראַבינער פון דענעמאַרק.

ער איז געווען פון די חשובסטע יידן אין סקאַנדינאַוויע; צו זיין וואָרט האָבן זיך צוגעהערט נישט נאָר יחידים און געזעלשאַפטן, נאָר אויך רעגי־רונגען; בשעת קאָלטשאַק און דעניקין האָבן געשיקט שליחים אין די סקאַנדינאַווישע לענדער, כדי אָנצוקניפּן מיט זיי האַנדלס־באַציאונגען, האָט פּראָפ סימאָנסען געשריבן אין דער סקאַנדינאַווישער פּרעסע וועגן זייערע בלוטיקע מעשים. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די סקאַנדינאַווישע רעגירונגען האָבן נישט געוואָלט האָבן קיין שום מגע־ומשא מיט די יידן־מערדער.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט זיך פּראָפעסאָר דוד סימאָנסען אַריינגעוואָרפן אין דער הילפס־אַרבעט לטובת דעם מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום. לויט זיין איניציאַטיוו אין אין דענעמאַרק געגרינדעט געוואָרן דער סקאַנדינאַווישער צענטראַלער הילפס־קאָמיטעט און עס זענען דורך דענעמאַרק געשיקט געוואָרן די ערשטע טראַנספּאָרטן מיט לעבנסמיט־לען, מעדיקאַמענטן און קליידער קיין סאָוועטן־אוקראַינע, ווו יידן האָבן מערסטנס געליטן. אין „דזשאָינט" און אין „פּיפּעלס־רעליף" איז געווען גוט באַוווסט פּראָפעסאָר דוד סימאָנסענס הילפס־אַרבעט.

פּראָפעסאָר דוד סימאָנסען האָט זיך אין משך פון עטלעכע צענדליק יאָר באַטייליקט אין אַ סך אייראָפּעאיש־יידישע צייטשריפטן. זיינע הויפּט־טעמעס זענען געווען איבער יידישע פּערזענלעכקייטן, יידישע ווערק און אַלטע יידישע כתב־ידן. ער איז געווען אַ בקי אין העברעאיש און דער עיקר אין דער תלמודישער ליטעראַטור. נאָך אין יאָר 1898 האָט ער אַרויסגעגעבן אַ זייער אינטערעסאַנט בוך אויף דעניש, „תלמודישע לעבנס־כללים". ער האָט אויך נאָכגעפאָלגט די יידישע ליטעראַטור, און פון צייט צו צייט האָט ער אפילו געגעבן אָפּשאַצונגען וועגן אַ מאָדערן יידיש ווערק

אָדער שרייבער אין דענישן זשורנאַל פאַר „יידישער ליטעראַטור, געשיכ־טע און וויסענשאַפט", וואָס ער האָט אין אַ משך פון אַ סך יאָרן רעדאַקטירט.

אין די לעצטע יאָרן האָט ער זיך צוריקגעצויגן פון זיין אַמט אַלס דער אויבער־ראַבינער פון דער דעניש־יידישער קהילה, ער איז אָבער פאַרבליבן ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן איר עצה־געבער.

פּראָפעסאָר דוד סימאָנסען האָט פאַרמאָגט אַ פּריוואַטע ביבליאָטעק, וואָס איז אפשר געווען איין־און־איינציק אין גאַנץ אייראָפּע. ווער עס האָט נאָר געזען זיין ריזיקע ביבליאָטעק, דער האָט זיך נישט געקענט באַפרייען פון געדאַנק, אַז דאָרטן האָט געלעבט אַ גרויסער קולטור־מענטש. ער האָט אַוועקגעשענקט זיין ביבליאָטעק פאַר דער קאָפּענהאַגענער קעניג־לעכער ביבליאָטעק.

דער דאָזיקער גרויסער אוצר פון יידישע ביכער, וואָס געפינט זיך אין דער קעניגלעכער ביבליאָטעק, וועט איצט איבערגעגעבן ווערן דער יידישער ביבליאָטעק, נאָך דעם ווי דער יידישער בנין וועט אויפגעבויט ו:ערן און אַלצדינג וועט איינגעאָרדנט ווערן.

די יידישע ביבליאָטעק וועט זיך געפינען אונטער דער השגחה פון דער דענישער קעניגלעכער ביבליאָטעק אין קאָפּענהאַגען, און וועט ווערן אַ צענטער פון יידישער קולטור אין ברייטסטן זין פון וואָרט.

עס וועט נאָך אויסקומען צו שרייבן וועגן אָט דעם נייעם גרויסן און שיינעם קאַפּיטל פון דעם דענישן פאָלק נאָך דעם ווי עס וועט קומען קיין אַמעריקע דער ביבליאָטעקאַר פון דער קאָפּענהאַגענער קעניגלעכער ביבליאָטעק, ד"ר רפאל עדעלמאַן, וואָס איז דער ביבליאָטעקאַר פון די יידישע אָפּטיילונגען. ד"ר רפאל עדעלמאַן קומט אַהער, כדי זיך צו באַקענען און אויך העלפן איינשאַפן די נייע העברעאיש־יידישע ספרים, וואָס זענען דערשינען אין די לעצטע יאָרן און וואָס געפינען זיך דערווייל נאָך נישט אין דער גרויסער יידישער ביבליאָטעק.

„פאָרווערטס" 2 נאָוו. 1947

פּ. ס. די יידישע ביבליאָטעק אין קאָפּענהאַגען געפינט זיך אין בנין פון דער קעניגלעכער קאָפּענהאַגענער ביבליאָטעק, און איז באַקאַנט ווי: „ביבליאָטעקאַ יודאַאיקאַ סימאָנסעניאַנאַ".

פנחס וועלנער

די דענישע צייטונגען האָבן געווידמעט גרויסע אָפּשאַצונגען דעם יידיש־דענישן שרייבער פּנחס וועלנער, וואָס איז דעם 10טן פעברואר 1965 געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַקע אין עלטער פון 71 יאָר. אויך אין די אַנדערע צוויי סקאַנדינאַווישע לענדער, נאָרוועגיע און שוועדן, האָבן די צייטונגען פאַרעפנטלעכט הספּדים־אַרטיקלען וועגן פּנחס וועלנער, דעם לאָדזשער עמיגראַנט, וואָס איז געוואָרן אַן אָנערקענטער שרייבער אין סקאַנדינאַוויע.

די באַקאַנטע דענישע ליבעראַלע צייטונג „פּאָליטיקען" האָט געשריבן: „פּנחס וועלנער האָט קודם־כל געשריבן זיינע דערציילונגען אויף יידיש, און בהדרגה האָט ער אַזוי באַהערשט די דענישע שפּראַך, אַז אַ טייל פון זיינע שאַפונגען קענען צוגערעכנט ווערן צו דער טראַדיציע פון די גרויסע דעניש־יידישע קינסטלער מאיר אהרן גאָלדשמידט און הענרי נאַטאַנסען".

פּנחס וועלנערס ערשטע דענישע בוך האָט געהייסן „אין יענע טעג". ס'איז דערשינען מיט 16 יאָר צוריק. אין דעם בוך האָט פּנחס וועלנער געשילדערט די שטילע ליידן פון די דענישע יידן בעת דער היטלעריס־טישער אָקופּאַציע.

פּנחס וועלנער איז געקומען קיין דענעמאַרק אין יאָר 1913. פאַראַיאָרן האָט מען אין דענעמאַרק געפייערט זיין 70סטן געבוירנטאָג. ביז דער היטלער־מגפה איז ער געווען אַן אַרבעטער, אַ שניידער.

פּנחס וועלנער האָט זיך געראַטעוועט צוזאַמען מיט די מערסטע דענישע יידן אין דעם שכנישן שוועדן. ער איז אָבער גוט באַקאַנט געווען נישט בלויז מיט דעם גורל פון די 500 דענישע יידן, וואָס זענען פאַרשיקט געוואָרן קיין טערעזיענשטאַט, נאָר בכלל מיט די קרבנות פון די דייטשע רוצחים. אין דעם בוך „אין יענע טעג" איז פאַראַן אַ דערציילונג א. נ. „מלכהלע", וואָס מאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. אַ געהיימער יידישער עראָפּלאַן פון ארץ ישראל האָט זיך ארונטערגעלאָזט מיט 5 יידישע העלדן אויף פאַרשיידענע פּונקטן, ווו די דייטשן האָבן געהערשט. מלכהלען האָט מען אַרונטערגעלאָזט אויף אַ פאַראַשוט אין אַ וואַלד, נישט ווייט פון איר געבוירן־שטעטל וויגאָץ אין פּוילן. זי דאַרף ברענגען אַ גרוס פון ישוב

אין ארץ־ישראל צו די יידן אין די געטאָס, און זיי אָנזאָגן, אַז די שעה פון באַפרייאונג איז נאָענט, מלכהלע דערמאָנט אין אַ סך פּרטים חנה סענעש.

דאָס דאָזיקע בוך האָט וועלנערן זייער פּאָפּולער געמאַכט אין דענע־מאַרק. ער פלעגט די דערציילונגען פאָרלייענען אין ראַדיאָ און אויף פאַרזאַמלונגען. ער האָט געקראָגן פאַר דעם בוך דעם העברי נאַטאַנסען־פּרייז.

מיט 9 יאָר שפּעטער, אין 1958, איז דאָס בוך אויך דערשינען אויף יידיש אין אַרגענטינע און געקראָגן די צבי קעסל־פּרעמיע.

אין 1953 האָט פּנחס וועלנער אַרויסגעגעבן זיין בוך „ביי די ברעגן פון אוירסונד״, וואָס ער האָט אליין איבערגעזעצט אויף דעניש. אויף יידיש איז דאָס בוך דערשינען אין 1957, אַרויסגעגעבן דורך דעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק.

אין דעם בוך שילדערט פּנחס וועלנער דעם געמיט־צושטאַנד פון די יידן אין דענעמאַרק בעת דער נאַצי־אָקופּאַציע פון לאַנד. די יידן האָבן זיך געריכט, אַז יעדן טאָג קענען די דייטשן זיי באַפאַלן און אַוועקשיקן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן, די פאַרלוירנקייט, הילפלאָזיקייט און אומזיכערקייט האָט אַזוי שטאַרק געווירקט אויף די נערוון פון די יידן, באַזונדערס אויף די איינגעוואַנדערטע מזרח־אייראָפּעאישע יידן, אַז זיי זענען אַרומגעגאַנגען ווי שאָטנס. ביי יעדן קלאַנג און חשד, אַז די נאַציס וועלן זיי אפשר ביי נאַכט באַפאַלן און אַרעסטירן, האָבן זיי, אומבאַמערקט, אַרויסגעשלייכט זיך פון די היימען און אַוועק זיך אויסבאַהאַלטן ביי באַקאַנטע דענער, און מורא געהאַט זיך אומקערן אַהיים אָדער גיין צו דער אַרבעט.

פּנחס וועלנער האָט אָנגעהויבן שרייבן, ווען ער איז שוין געווען אין די פופציקער יאָרן. ער האָט איבערגעלעבט די היטלעריסטישע גרויל־עפּאָכע, און דאָס האָט אים, ווי עס ווייזט אויס, געגעבן אַ שטאַרקן שטויס צו פאַרציי־כענען די טראַגעדיעס, וואָס ער האָט זיך אָנגעזען און אָנגעהערט.

דער שרייבער פון די שורות האָט אַ סך יאָרן געלעבט אין קאָפּענהאַגען און גוט געקענט פּנחס וועלנערן, וואָס האָט האָט באַלאַנגט צו יענע פאָלקס־אינטעליגענטן, וואָס מען געפינט זיי בכל תפוצות ישראל — אין די צווייגן פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, אַרבעטער־רינג, שול־פאַרוואַלטונגען,

פּועלי־ציון וכדומה. ער איז יאָרנלאַנג געווען איינער פון די וואָרטזאָגער פון דעם ייִדיש־נאַציאָנאַלן שיכט אין קאָפּענהאַגען.

אין 1960 האָט פּנחס וועלנער פאַרעפנטלעכט זיין אויטאָביאָגראַפיש בוך אויף דעניש — „באַלוט". ער רופט עס אָן „דען בראָגעדע גאדע" — „די פּארביקע גאַס", ווייל דאָס וואָרט „באַלוט", האָט מיר וועלנער געשריבן, ווי אַ טיטול־נאָמען, וואָלט געווען דעם דענישן לייענער אין גאַנצן פרעמד. אָבער אינעווייניק אין בוך רעדט דער מחבר פאַרשטייט זיך, כסדר וועגן באַלוט, וועגן דער אָרעמער ייִדישער געגנט אין לאָדזש, ווו ער איז געבוירן געוואָרן, געלעבט דאָרטן, געגאַנגען אין חדר, געאַרבעט פון זיין פריער יוגנט ביז ער האָט פאַרלאָזט לאָדזש אין 1911, אַלס קלאַסנבאַוווסטזיניקער בחור פון 18 יאָר.

עס איז איבעריק אונטערצושטרייכן, אַז ער האָט דאָס בוך פריער געשריבן אויף ייִדיש און דערנאָך האָט ער דאָס איבערגעזעצט אויף דעניש.

ליידער איז דאָס בוך נאָך נישט דערשינען אויף ייִדיש. עס האָט זיך נישט איינגעגעבן צו געפינען אַ פאַרלעגער אָדער אַן אינסטיטוציע וואָס זאָל עס אַרויסגעבן.

אין בוך געפינען זיך הונדערטער ייִדישע אויסדריקן, וואָס זענען טראַנס־ליטערירט מיט לאַטיינישע אותיות און פאַרטייטשט אויף דעניש. דאָ האָט פּנחס וועלנער, אין אַ געוויסן פרט נאָכגעטאָן דעם דעניש־ייִדישן קלאַסיקער מאיר אהרן גאָלדשמידט, וואָס האָט געלעבט מיט העכער 100 יאָר צוריק און געשריבן זיינע הויפּט־ווערק אויף ייִדישע טעמעס. אויך מאיר אהרן גאָלדשמידט האָט אין זיין באַרימט ווערק „אַ ייִד", וואָס ווערט אָבליגאַטאָריש געלערנט אין די דענישע מיטלשולן, גענוצט אַ סך ייִדישע אויסדריקן און אפילו גאַנצע זאַצן און פּאַראַגראַפן. אָבער בעת מאיר אהרן גאָלדשמידט האָט גענוצט ליטורגיע, תפילות, ברכות, נוצט פּנחס וועלנער פּשוטע ייִדישע ווערטער, וואָס זייער פאָלקסטימלעכקייט לאָזט זיך נישט תמיד איבערזעצן.

נאָך דעם ווי זיין בוך „באַלוט" איז דערשינען, האָט פּנחס וועלנער דערקלערט, אַז אין די לאַנגע חדשים, וואָס ער האָט זיך אויפגעהאַלטן אין שוועדן, בעת דער היטלעריזם האָט געבושעוועט איבער אייראָפּע, האָט פאַר זיינע אויגן טאָג־טעגלעך געשוועבט זיין קינדהייט, „באַלוט" מיט אַלע פאַרשוינען און געשעענישן, און געמאָנט ביי אים, אַז ער זאָל דאָס אַנקליידן

אין פלייש און בלוט, און ער האָט געטאָן אַ נדר, אַז אויב גאָט וועט אים לאָזן לעבן, וועט ער אָנשרייבן דאָס בוך „באַלוט" און ער האָט געהאַלטן וואָרט.

פּנחס וועלנער צייכנט זיך אויס אין זיין בוך „באַלוט" מיט קינסטלע־רישער ערלעכקייט. ער פֿאַרהוילט גאָרנישט פֿאַרן לייענער, נישט די אָרעמ־קייט און עלנטקייט פֿון די יידישע איינוויינערס פֿון די באַלוטער הויפֿן, נישט די קאַטערינשטשיקעס, ווילע־יונגען און מיידן פֿון פּעפּער־גאַס, אויך נישט די אָפּנעמער און גנבים פֿון די פֿינצטערע באַלוטער גאַסן. דערפֿאַר באַהאַלט ער אויך נישט דעם טיפֿן אידעאַליזם פֿון די יידישע אַרבעטער, דער עיקר פֿון די וועבערס, וואָס זענען געווען גרייט אַוועקצוגעבן זייער לעבן פֿאַר אַ ליכטיקערער צוקונפֿט, אין וועלכער זיי האָבן געגלויבט.

כאָטש די נאָוועלע „באַלוט" איז געשריבן אין דער דריטער פּערזאָן, איז עס דורכויס אַן אויטאָביאָגראַפֿיש בוך.

וועלנער האָט, ווי ס׳רוב באַלוטער יידישע קינדער, נישט געהאַט קיין קינדהייט. די זון פֿלעגט דאָרטן זעלטן ווען שיינען, דאָך האָט די מורא פֿאַר די פּוילישע שקצים נישט אָפּגעהאַלטן מענדלען זיך אַ מאָל מיט חברים אַרויסכאַפּן הינטער באַלוט און זען דעם הימל,ביימער, פֿעלדער. נישט איין מאָל איז אַזאַ שפּאַציר נישט אָפּגעגאַנגען גלאַטיק.

צענדליקער טיפּן פֿירט אַרויס פּנחס וועלנער, און מיט אַ סך פּרטים באַשרייבט ער זייער לעבן און זייערע פּראָבלעמען, די דעמאָנסטראַציעס פֿון 1905, די שיסערייען פֿון די קאָזאַקן אויף די דעמאָנסטראַנטן, די דורכגע־פֿאַלענע רעוואָלוציע, די שרעק פֿאַר פּאָגראָמען, די גלייכגילטיקייט פֿון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי צו זייערע יידישע חברים. און אין מיטן פֿון דעם אַלעם טליעט ביי מענדלען אַ היים־געפֿיל, וואָס ער געפֿינט נישט אין זיין היים און נישט אויף די באַלוטער גאַסן, און עס בליצט אויף ביי אים אַ בענקשאַפֿט נאָך דעם לאַנד פֿון חומש.

אין יאָר 1911 האָט זיך פּנחס וועלנער געזעגנט מיט באַלוט און געלאָזט זיך אין דער וייטער וועלט אַריין, ער האָט איבערגעלאָזט הינטער זיך אַ שטאָט, וואָס האָט געשוויבלט און געגריבלט מיט יידיש לעבן.

אין די פֿינצטערע היטלער־יאָרן איז באַלוט פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער באַרימטער לאָדזשער געטאָ, ווו ס׳האָבן געלעבט דריי הונדערט טויזנט יידן. בלויז זעקס הונדערט האָבן באַוויזן דורך כלערליי ניסים זיך

צו ראַטעווען, די איבעריקע צוויי הונדערט מיט ניין און ניינציק טויזנט און פיר הונדערט יידן האָבן די דייטשן אומגעבראַכט.

פנחס וועלנערס בוך „באַלוט" איז אַ מאָנומענט נאָך דעם אַ מאָל אַזוי קאָלירפולן, רייכן יידישן לעבן, נישט געקוקט אויף דער דרויסנדיקער גרויסער אָרעמקייט.

„טאָג מאָרגן־זשורנאַל", 1965

יידן אין דענעמארק

דעם 29סטן מערץ 1814, האָט דער דענישער קעניג, פרעדעריק דער זעקסטער, געגעבן די יידישע איינוווינער פון דענעמאַרק גלייכע רעכט מיט אַלע איבעריקע בירגער פון לאַנד. די דענישע פרעסע האָט אָפּגעגעבן אַ סך פּלאַץ דער דאָזיקער היסטאָרישער געשעעניש. זי וווּנדערט זיך נאָר שטאַרק, וואָס עס איז ערשט אין גאַנצן 150 יאָר, זינט יידן זענען געוואָרן גלייכבאַ־רעכטיקט. „און וואָס איז געווען פריער?", פרעגט די דענישע ליבעראַלע צייטונג „סאַמווירקע". אין דער אמתן האָבן שוין יידן געוווינט אין דענע־מאַרק אַ סך פריער. דער איצטיקער אויבער־ראַבינער פון דענעמאַרק, ד"ר מאַרקוס מעלכיאָר, שטאַמט פון אַ משפחה, וואָס וווינט שוין אין דענעמאַרק 250 יאָר.

די דערמאָנטע דענישע צייטונג שרייבט: די קעניגלעכע פּראָקלאַמירונג פון גלייכבאַרעכטיקונג פאַר די יידן האָט פון דעסטוועגן נאָך פאַרמאָגט אַ סך פלעקן; און ס'האָט גענומען היפשע יאָרן ביז מען האָט אָנגעהויבן פאַרווירקלעכן, וואָס מען האָט צוגעזאָגט. דער שרייבער באַמערקט איראָניש, אַז נאָך מיט יאָרן שפּעטער האָט מען אָנגעבאָטן אַ יידישן דאָקטאָר אַ פּראָ־פעסאָר־שטעלע אין קאָפּענהאַגענער אוניווערסיטעט, מיטן „תנאי", אַז ער זאָל איבערגיין צו דער קריסטלעכער קירכע. דער יידישער דאָקטאָר האָט זיך אָפּגעזאָגט — און ערשט מיט פערציק יאָר שפּעטער, אין 1853, האָט מען אָנגעהויבן אַריינצונעמען יידישע סוחרים אין סוחרים־פאַרבאַנד פון דער שטאָט אַלבערג; און נישט פריער ווי אין יאָר 1870 האָט דער קאָפּענהאַגענער אוניווערסיטעט פאָרמעל געגעבן די יידן פולע גלייכהייט.

די אַנגעזעענסטע קאָנסערוואַטיווע דענישע צייטונג „בערלינסקע טידענ־דע" שרייבט, אַז די יידן זענען אין דענעמאַרק בדרך־כלל באַהאַנדלט געוואָרן אין לשער בעסער ווי אין די מערסטע לענדער: „קיין געטאָס, צי געצוווּנגע־נע הלבשה־צייכנס, אָדער בלוטיקע פּאָגראָמען אויף יידן, זענען ביי אונדז אין לאַנד קיין מאָל נישט פאָרגעקומען". דאָס מיינט אָבער נישט אַז די יידן האָבן געהאַט אין לאַנד גלייכע רעכט מיט די אַנדערע איינוווינער. דורכויס נישט! „בלויז יענע יידן האָט מען ,אַקצעפּטירט', אין וועמען מען האָט זיך שטאַרק געניייטיקט".

אַזוי, למשל, האָט דער קעניג, קריסטיאַן דער פערטער — וואָס האָט געגרינדעט די שטאָט גליקשטאַט אין האָלשטיין — געוואָלט אַז די נייגע־גרינדעטע שטאָט זאָל קאָנקורירן מיט האַמבורג און אַמסטערדאַם. האָט ער דעריבער אָנגעבאָטן די יידן אַ ריי פּריווילעגיעס מיטן באַדינג, אַז זיי זאָלן זיך באַזעצן אין יענער שטאָט. „דאָס איז אָבער נישט געווען קיין אַקט פון וועלכער־עס־איז הומאַניסטישער צי רעליגיעזער טאָלעראַנץ. דער קעניג האָט זיך פּשוט געניייטיקט אין זייער דערפאַרונג אין מסחר און אין פינאַנסן.

די אייגנטלעכע געשיכטע פון די יידן אין דענעמאַרק הויבט זיך אָן אין 1620, אין יענע יאָרן בעת עס איז געגרינדעט געוואָרן די פריער־דער־מאָנטע שטאָט גליקשטאַט. אַ צאָל משפחות האָבן געקראָגן דערלויבעניש צו וווינען אין דענעמאַרק אין די שטעט אַלטאָנאַ און וואַנסבעק. אויך אין קעניג־לעכן הויף פון קריסטיאַן דעם פערטן האָבן זיך אויפגעהאַלטן עטלעכע יידן. דאָס זענען געווען דאָקטוירים, פינאַנס־עקספּערטן און ספּעציאַליסטן אין וועמען דער קעניג האָט זיך געניייטיקט. אָבער אין אַלגעמיין האָט מען פאַרבאָטן די יידן זיך צו באַזעצן אין דענעמאַרק.

נאָך דער שוועדישער מלחמה, וואָס איז פאָרגעקומען פון 1658 ביז 1660, ווי דענעמאַרק האָט פאַרלוירן די שטעט סקאָנע, האַלאַנד און בלעקינגע, האָט מען דערלויבט אַ צאָל יידן וווינען אין אַ ריי שטעט. אַ סך דענישע שטעט זענען דעמאָלט געווען שטאַרק פאַראָרעמט און מען האָט געגלויבט, אַז די יידן וועלן העלפן אויפבויען יענע שטעט. אין 1667 האָט מען דערלויבט אַ צאָל יידן וווינען אין נאַקסקאָוו, אין פרעדריציאַ אין 1675, און אין קאָפּענ־האַגען אין יאָר 1676 און אין נאָך עטלעכע שטעט. אין יענער צייט האָבן זיך די יידן אין דענעמאַרק געווענדט צום קעניג, אַז מען זאָל זיי געבן געוויסע

רעליגיעזע פרייהייט אין גאַנצן לאַנד. דער קעניג האָט די ווענדונג צוריק־געוויזן.

די דענישע צייטונגען און צייטשריפטן שרייבן מיט גרויס באַדויער וועגן דער שלעכטער באַהאַנדלונג פון די יידן אין יענער צייט און אויך שפּעטער. זיי פאַרלייקענען אָבער נישט די פאַקטן. די יידן האָבן זיך ווייניק באַוויזן אין די גאַסן. מען פלעגט זיי באַליידיקן, מען האָט יידן נישט אַריינגענומען אין אַ גאַנצער ריי פאַכן, זיי האָבן אויך נישט געהאַט קיין איינטריט אין די שולן און אין דעם אוניווערסיטעט. יידן האָבן נישט געטאָרט האַלטן ביי זיך אין הויז קיין דינערינס אונטער פופציק יאָר. די סיבה איז געווען, וואָס מען האָט געהאַלטן, אַז יינגערע פרויען מיט נישט קיין געזעצטן כאַראַקטער, קען מען פאַרפירן רעליגיעז, און נאָך מער, קערפּערלעך. מען פלעגט באַשטראָפן יידן, ווען מען האָט זיי באַשולדיקט אין דעם. אין יאָר 1726 האָט מען באַשולדיקט אַ ייד, אַז ער האָט פאַרפירט אַ קריסטלעך מיידל, וואָס איז פון אים שוואַנגער געוואָרן. מען האָט אים דערפאַר פאַרמשפּט צו אַ יאָר תפיסה, געשמידט אין קייטן און נאָכן יאָר האָט מען אים אַרויסגע־שיקט פון לאַנד. די מוטער פון קינד האָט מען עפנטלעך געשמיסן און נאָך דעם זי סטעריליזירט. דאַקעגן אַ דענישער מאַן איז נישט באַשטראָפט געוואָרן, אויב אַ יידישע נישט פאַרהייראַטע פרוי איז פון אים שוואַנגער געוואָרן.

אין אָנהויב פון נייַנצנטן יאָרהונדערט האָבן אַ צאָל דענישע ליבעראַלע פּאָליטיקער — א. פּ. בערנסטאָרף, די ברידער רעווענטלאָוו און קריסטיאַן קאַלביערנסאָן — געקעמפט פאַר דער באַפרייאונג פון די פויערים און גלייכצייטיק אויך פאַר דער גלייכבאַרעכטיקונג פון די יידן, וואָס האָבן געלעבט אין דענעמאַרק.

די דענישע צייטונג „פּאָליטיקען" באַמערקט, אַז „די רעוואָלוציע, וואָס שייך רעכט פאַר יידן, איז געקומען פון אויבן. אויב דער פאַרשלאַג וואָלט גענומען געוואָרן צום אָפּשטימען פון פאָלק, איז אַ גרויסער ספק צי ער וואָלט דורכגעגאַנגען".

אויך די יידן אין נאָרוועגיע האָבן געלעבט אָן רעכט. דער נאָרוועגישער דיכטער ווערגעלאַנד האָט אין אַ גרויסער מאָס גורם געווען, אַז די יידן פון נאָרוועגיע זאָלן ווערן גלייכבאַרעכטיקט. געשען איז עס אַזוי: אין אַ שרעקלעך פּראָסטיקער קריסטמעס־נאַכט (ניטל), האָט אַ יידישער הויזערער, מיט

זיין פעקל סחורה אויף די פּלייצעס, געוואַנדערט — ריכטיקער: געוואָגלט — אין אַ נאָרוועגישן דאָרף. דערווייל איז געוואָרן אַ מוראדיקע זאַווערוכע און בייסיקע קעלט. דער יידישער הויזערער איז פאַרבייגעגאַנגען די קריסטלעכע הייזער, פון וואַנען עס האָט אַרויסגעשטראָמט אַזוי פיל ליכט, פרידן און שלווהדיקייט. די משפחות זענען געזעסן ביי די געדעקטע טישן און געפּראַ־וועט דעם יום־טוב פון ליבע.

דער ייד האָט זיך דערוועגט אַנצוקלאַפּן אין אַזאַ קריסטלעכער טיר. אַ שטראָם וואַרעמקייט איז אים אַנטקעגנגעקומען. ער האָט מיט אַן הכנעהדיקן טאָן געבעטן, מען זאָל אים אַריינלאָזן אין הויז, ווייל ער ווערט געפרוירן. דער ענטפער איז געווען: „אַוועק פון דאַנען, דו קריסטוס־מערדער!" אויך אין די אַנדערע קריסטלעכע הייזער האָט ער געקראָגן די זעלביקע תשובה.

אַזוי וואַנדערנדיק האָט ער געטראָפן אַ קריסטלעך יינגל. איצט האָט דער ייד אָנגעקלאַפּט מיט מער דרייסטקייט אין די קריסטלעכע טירן און געבעטן מען זאָל רחמנות האָבן און כאָטש אַריינלאָזן דאָס יינגל. ער איז דאָך אַ קריסטלעך קינד! אָבער ווידער ס'זעלבע: „אַוועק פון דאַנעט, קריסטוס־מערדער!" און מען האָט פאַרהאַקט די טירן.

אין דער פרי האָט מען געפונען דעם ייד, איינגעקלאַמערט מיטן קריסטלעכן קינד, ליגן געפרוירן לעבן אַ בוים. ווערגעלאַנד האָט די דאָזיקע פאַסירונג, אָדער דיכטערישע פאַנטאַזיע, באַשריבן אין רירנדיקע פערזן און פאַרענדיקט: איז דאָס קריסטן־ליבע?

תיכף נאָך דעם האָט זיך אין נאָרוועגיע אָנגעהויבן אַ באַוועגונג צו געבן די יידן גלייכע רעכט. די נאָרוועגישע יידן אין דער הויפּטשטאָט פון לאַנד — אין אַמאָליקן קריסטיאַנאַ און איצטיקן אָסלאָ — האָבן אויפגע־שטעלט אַ מאָנומענט דעם דיכטער, וווּ עס איז אויסגעקריצט זיין ליד.

אָבער לאָמיר זיך צוריק אומקערן צו דענעמאַרק. אין יאָר 1819 זענען אין קאָפּענהאַגען און אין אַ ריי פּראָווינץ־שטעט פאָרגעקומען מילדע פּאָגראָמען. מען האָט צעראַבעוועט יידישע געשעפטן, אויך פאַרוווּנדעט אַ צאָל יידן. אַ סך האָבן זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן. די סיבה פון די אויסברוכן שרייבט מען צו אַ מלוכה־באַנקראָט, וואָס איז מיט אַ צייט צוריק פאָרגע־קומען, הגם די יידן האָבן מיט דעם נישט געהאַט קיין שום שייכות.

די דענישע צייטונגען שרייבן: „אַזוי האָבן זיך אין מערסטע לענדער אָנגעהויבן פּאָגראָמען אויף יידן. אָבער ביי אונדז אין לאַנד האָט די מאַכט,

לויט דער פֿאָראָרדענונג פֿון דער רעגירונג, אָנגענומען די שטרענגסטע מיטלען און מיט אַ שטאַרקער האַנט אונטערדריקט יעדן איבערפֿאַל. עס איז אַרויסגערופֿן געוואָרן מיליטער און 28 באַטייליקטע זענען באַשטראָפֿט געוואָרן ביז דריי יאָר תּפֿיסה... דער גרונט־געזעץ פֿון 1849 האָט געהאָלפֿן נאָרמאַליזירן דעם יידישן סטאַטוס אין דער דענישער געזעלשאַפֿט". עס איז געוואָרן לייכטער צו זיין אַ ייד, און ס'איז געוואָרן נאָך לייכטער אויפֿצוהערן זיין אַ ייד.

אין 1834 האָט די יידישע געמיינדע אין דענעמאַרק געציילט פֿיר טויזנט מיטגלידער (יעדער דענישער ייד מוז געהערן צו דער געמיינדע און באַצאָלן אַ באַשטימטן שטייער־אָפּצאָל, די געמיינדע פֿאַרזאָרגט אַלע רעליגיעזע הצטרכותן פֿון אירע מיטגלידער). אין יאָר 1901, לויט דער פֿאָלקס־ציילונג, האָט די געמיינדע געהאַט אַן ערך 3,500 מיטגלידער. באַזונדערס זענען דערפֿון געטראָפֿן געוואָרן די פּראָווינץ־שטעט. אין יאָר 1834 האָבן זיך אין די דענישע פּראָווינץ־שטעט געפֿונען אַרום 1500 יידן, אין 1934 האָט זיך קוים געפֿונען אַ צענטל פֿון דער צאָל — און היינט האַלטן זיך אויף בלויז אַ פּאָר צענדליק יידן אין די פּראָווינץ־שטעט. אַלע פּראָווינץ־געמיינדעס זענען שוין פֿון לאַנג אונטערגעגאַנגען. פֿאַרבליבן איז בלויז די יידישע געמיינדע אין קאָפּענהאַגען.

היינט־צו־טאָג געפֿינען זיך אַן ערך 6,500 דענישע יידן, וואָס זענען אָנגעשלאָסן אין דער געמיינדע. די פֿאַרגרעסערטע צאָל איז, פֿאַרשטייט זיך, אַדאַנק דער אימיגראַציע פֿון די פּויליש־רוסישע יידן אין אָנהויב פֿון דעם יאָרהונדערט און אַדאַנק דער איינוואַנדערונג פֿון יידן אין די דרייסיקער יאָרן, וואָס זענען באַצייטנס אַנטלאָפֿן פֿון דייטשלאַנד. דער פּראָצענט יידן, לויט דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג, ווערט אָבער קלענער פֿון יאָר צו יאָר. אַן ערך הונדערט דענישע יידן, צווישן זיי אַ היפּשע צאָל יוגנטלעכע, האָבן זיך באַזעצט אין מדינת ישׂראל.

די סיבה פֿאַרן כּסדריק־פֿאַרקלענערטן פּראָצענט יידן נעמט זיך קודם־כּל פֿון דער קליינער צאָל געבורטן ביי די דעניש־יידישע משפּחות און פֿון די געמישטע חתונות, ווו די קינדער ווערן (על־פּי־רוב) דערצויגן אַן יידישער אָנגעהעריקייט. דערצו איז אויך גורם דער „איבערגאַנג" פֿון יידן צו דער „נישט־יידישער באַפֿעלקערונג" — דער שיינער נאָמען „פֿאַר אויסבייטן דאָס רענדל"; אויך דער צו־גרויסער פּראָצענט נישט חתונה־

געהאַטע דענישע יידן, אָדער „געמישטע חתונות״ ווי די פֿאַרלעך האָבן זיך געגט.

דער דאָזיקער פּראָצעס פֿון אַסימילאַציע האָט זיך נאָך דער גרינדונג פֿון מדינת ישראל אַ ביסל אָפּגעשטעלט, אָבער נישט אויף לאַנג.

*

אין „יודיסק סאַמפֿונד״ (יידישע געזעלשאַפֿט), די אומאָפּיציעלע דעניש־יידישע חודשלעכע שריפֿט פֿון דער יידישער געמיינדע איז (אין אַפּריל־נומער) פֿאַראַן אַ פּרטיותדיקער באַריכט וועגן דער אימפּאָזאַנטער פֿייערונג אין דער קאָפּענהאַגענער סינאַגאָגע לכבוד 150 יאָר גלייכבאַרעכטיקונג פֿון די דענישע יידן. די פֿייערונג איז פֿאָרגעקומען דעם 7טן אַפּריל ה.י.

וואָס שייך דער געשיכטע פֿון די יידן אין דענעמאַרק אַ מאָל — און דעם גייסטיקן מצב פֿון דער יידישער געמיינדע היינט־צו־טאָג — וועגן דעם איז דאָרט נישט פֿאַראַן קיין וואָרט. איך האָב אָבער געפֿונען אַ שלל אינפֿאָרמאַציע אין דער אַלגעמיינער דענישער פּרעסע, וואָס איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן צו דער דאָזיקער געלעגנהייט.

אין אַ געוויסן פּרט איז עס אפשר פֿאַרשטענדלעך. מען דאַרף געפֿינען אַ זכות פֿאַר וואָס די אָנפֿירערשאַפֿט פֿון דער יידישער געמיינדע מיידט אויס אַלע נעגאַטיווע מאָמענטן; בפֿרט ביי אַזאַ יום־טובֿדיקער געלעגנהייט.

צוזאַמען מיטן קעניגלעכן פּאָרל זענען אויך געקומען צו דער פֿייערונג די פֿאָרזיצער פֿון „פֿאָלעקטינג״ (פּאַרלאַמענט) גוסטאַוו העדערסען, דער אַמבאַסאַדאָר פֿון ישראל הארי לעווין, דער מעיאָר פֿון קאָפּענהאַגן אָווע וויקאָפּ, דער דעקאַן פֿון קאָפּענהאַגענער אוניווערסיטעט, דער באַרימטער שוישפּילער פּאָול רוימערקט, דער בישאָף פֿוגלסאַנג דאַמגאַרד און אַנדערע באַרימטע פּערזענלעכקייטן. אַלע זענען געזעסן אין די היטלען.

דער הויפּט־ראַבינער, ד״ר מאַרקוס מעלכיאָרס זון — ראַבינער בנימין מעלכיאָר, וואָס האָט מיט עטלעכע חדשים צוריק געקראָגן סמיכה פֿון רבֿ־הכולל ישראל בראָדי פֿון ענגלאַנד — האָט באַגעגנט דאָס קעניגלעכע פּאָרל מיט אַ טראַדיציאָנעלער ברכה.

אין דעם דענישן האָטעל ד׳אַנגלעטעיר ווו די חשובֿסטע געסט האָבן זיך דערנאָך פֿאַרזאַמלט, איז דער גרויסער יום־טובֿ פֿאָרגעזעצט געוואָרן.

אגב, די פאָרשטייער פון דער יידישער געמיינדע דאַרפן נישט דערקלערן ביי יעדער געלעגנהייט, אַז זיי זענען דענער און דענעמאַרק איז זייער פאָטערלאַנד. די דענער ווייסן דאָס גוט. דעריבער האָבן די כסדרדיקע סופער־פאַטריאָטישע דעקלאַראַציעס אַ געוויסן ביי־טעם. ווען די דענישע פרעסע שרייבט וועגן יידן אין דענעמאַרק, רופט מען זיי קיינמאָל נישט „דענער״; מען שרייבט וועגן זיי און מען רופט זיי — דענישע יידן. דאָס פאַרמינערט נישט אַ האָר זייער פאַטריאָטיזם און זייער אָנגעהעריקייט צו דענעמאַרק.

דער קלאַסיש־דעניש־יידישער שרייבער — דער מחבר פון באַרימטן ראָמאַן „אַ ייד״ און פון אַ סך אַנדערע גרויסע ווערק, א. מאיר גאָלד־שמידט — האָט נישט געהאַלטן אין איין אונטערשטרייכן, אַז ער איז אַ דענער און דענעמאַרק איז זיין היים. אדרבא, זיין ראָמאַן „אַ ייד״ איז אַ שטאַרקע אָנקלאַגע קעגן דער דענישער געזעלשאַפט, ווו דער ייד האָט נאָך אַלץ נישט געהאַט קיין פולע בירגערלעכע גלייכבאַרעכטיקונג, באַזונדערס אין סאָציאַלן לעבן.

לאָמיר ברענגען אַן אויסצוג פון א. מאיר גאָלדשמידטס נאָוועלע „אַ ייד״, וואָס האָט אַ שטאַרקן שייכות צו דער יידישער גלייכבאַרעכטי־קונג: די הויפּט־געשטאַלט פון ראָמאַן, יאַקאָב בענדיקסען און זיינע קריסטלעכע חברים — סטודענטן פון מעדיצינישן פאַקולטעט — זענען אויף אַ שפּאַציר אין וואַלד. ס׳איז אַ לעבעדיקע און טומלדיקע חברותא. בלויז דער איינציקער ייד צווישן זיי, יאַקאָב בענדיקסען, קען אַפילו אויף דער שיינער נאַטור זיך נישט באַפרייען פון אינערלעכער געדריקט־קייט און אומרו און ער הויבט אָן דעם וויכוח.

— איצט — האָט געזאָגט יאַקאָב בענדיקסען, וואָס זיין בלוט איז אים געקומען אין פּנים אַריין, און האָט זיך מער נישט געקענט האַלטן אויף די פיס — טרינק איך פאַרן וווילזיין פון דענעמאַרק. איך תּוך גענומען האָב איך צום ליבסטן דענעמאַרק.

— קומט דיר דערפאַר אַ שיינעם דאַנק — האָט אים אונטערבראָכן דער סטודענט גרוינדאַל — מיר דוכט זיך, אַז דענעמאַרק איז פונקט אַזוי גוט דיין פאָטערלאַנד ווי מיין. ביסט אפשר נישט געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין פין? (אַן אינדזל אין דענעמאַרק), ווילסט עס אפשר אָפּליי־קענען?

— ניין, בשום אופן נישט — האָט יאַקאָב געענטפערט — אָבער דענעמאַרק קען דאָך נישט זיין מיין פאָטערלאַנד, אין דער זעלבער מאָס ווי עס איז אייערס. צי גלויבט איר, אַז אַ ייד וואָס איז זיך באַוווסט וועגן זיין מענטשן־רעכט, קען זיך צוקוקן גלייכגילטיק צו דער דאָזיקער אומגלייכקייט, וואָס איז צווישן אים און זיינע קריסטלעכע מיטגלידער?

— אָבער דער חילוק איז דאָך אומבאַדייטנדיק — האָט זיך איינער אָנגערופן — בלויז אין גאָר ווייניק זאַכן זענען די יידן ביי אונדז נישט גלייכבאַרעכטיקט.

— די פרייהייט קען מען נישט טיילן — עטפערט יאַקאָב — דער מינדעסטער פּרט, וואָס פעלט, פאַרוואַנדלט די פרייהייט אין אומפרייהייט.

— איך ווייס נישט מיט וואָס מען באַהאַנדלט ביי אונדז די יידן ערגער פון אַנדערע. האָסט אפשר געקראָגן אַ נידעריקערן צייכן ביים עקזאַמען, ווייל דו ביסט אַ ייד?

— גאָרנישט זאָגסטו — ענטפערט יאַקאָב — איך וויל איצט נישט ריידן וועגן דער פיינטלעכקייט, הגם דאָס איז דאָס עצמדיקסטע און ווירקט מער ווי געזעצן און באַפעלן. צי קען אַ ייד ווערן אַ באַאַמטער? קען ער ווערן אַן אָפיציר אין דער אַרמיי? איך האָב געזאָגט, אַז איך וויל נישט ריידן וועגן דער שנאה צו יידן, דאָך וויל איך ברענגען עטלעכע כאַראַקטעריסטישע פאַקטן. עס זענען פאַראַן אַ ריי פאַכן און מלאכות, וואָס שליסן אויס יידן און ווילן נישט צו מאָל צונעמען אַ יידיש לערן־יינגל. ווען, למשל, אַ דראַמאַטורג ווייסט נישט וועגן וואָס צו שרייבן, שטעלט ער אַריין אַ יידן — און קריגט שוין אַ פּאַיאַץ צו שפּילן די ראָלע. דאָס נאַציאָנאַלע אָדער רעליגיעזע טרעפן זיך קיין מאָל נישט, אפילו די אויסשפּראַך איז פאַרקריפּלט. אָבער דער המון לאַכט — און דער המון איז דאָך אין אַזאַ אָוונט דער רוב מנין און בנין פון פּובליקום.

— דו ביסט צו־שטרענג — האָט געזאָגט פרענקל — ווילסטו אפשר, אַז מיר זאָלן אין טעאַטער שרייען הוראַ פאַר די יידן? הוראַ פאַר די יידן!?

— הוראַ פאַר די יידן! — האָט געליאַרעמט די גאַנצע חברותא.

— איך וויל — האָט יאַקאָב ליידנשאַפטלעך אויסגערופן, האַלטנדיק אין האַנט אַ גלאָז וויין — איך וויל, אַז איר זאָלט מיר זאָגן, פאַר וואָס איך, וואָס שטיי־אָט־דאָ, בין נישט פּונקט אַזוי גוט, פּונקט אַזוי באַרעכטיקט

צו יעדער פרייהייט און יעדן צוטרוי און צו יעדן אמת ווי איר? איך וויל — האָט ער געזאָגט אין אַ טאָן וואָס האָט געשוועבט צווישן ביטערקייט און קאַפּריז — איך וויל, אַז איר זאָלט מיר זאָגן, פאַר וואָס קען איך נישט ווי איינער פון אייך ווערן אַ וועכטער?

— דו זאָלסט ווערן אַ וועכטער? יאַקאָב זאָל ווערן אַ וועכטער! — האָט מען געליאַרעמט און געשריען — הוראַ פאַרן וועכטער יאַקאָב בענדיקסען!

צווישן די דענישע יידן האָט דאָס דאָזיקע בוך — איבעריקנס אויך זיינע שפּעטערדיקע דערציילונגען אויף יידישע טעמעס — אַרויסגערופן גרויס פאַרביטערונג. דאָס בוך איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ נאַציאָנאַל־יידישע מאַניפעסטאַציע. למען האמת דאַרף געזאָגט ווערן, אַז בעת מען האָט אין דענעמאַרק געפייערט מאיר־אהרן גאָלדשמידטס הונדערט־יאָריקן געבוירנטאָג, האָבן זיך אין דעם יום־טוב באַטייליקט אָנגעזעענע דענישע יידן. די דעניש־יידישע שריפט, וואָס איז דעמאָלט נאָך דער־שינען — צייטשריפט פאַר יידישער געשיכטע און ליטעראַטור — האָט אָפּגעגעבן אַ סך פלאַץ פאַר גאָלדשמידט־פאָרשונג. באַזונדערס האָבן דאָס געטאָן יוליוס סאָלאָמאָן, דער רעדאַקטאָר פון דער דערמאָנטער שריפט, און פּראָפעסאָר דוד סימאָנסען ע״ה, דער אָנגעזעענער יידישער עסקן, אָריענטאַליסט און אויבערראַבינער פון דענעמאַרק.

אין דער הקדמה צו דער צווייטער אויפלאַגע פון „אַ ייד" שרייבט גאָלדשמידט: „ווען עמעצער מיינט, אַז איצט, נאָך דעם יאָר 1849 — ווען יידן האָבן אין דענעמאַרק געקראָגן פולשטענדיקע גלייכבאַרעכטי־קונג — איז ‚דער יידישער שטאָף' פון מיין ראָמאַן פאַרעלטערט, מאַכט ער אַ טעות. די פאָלקסשטימונג און אינסטינקטן האָבן זיך ליידער נישט געענדערט".

עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו הערן, וואָס גאָלדשמידט וואָלט געזאָגט, ווען ער לעבט היינט אויף די שטימונגען און אינסטינקטן. משמעות, אַז אויך זיי קענען זיך ענדערן: דער בעסטער באַווייז — די האַנדלונג פון דענישן קעניג און זיין פאָלק אין יענע טראַגישע טעג.

„אידישער קעמפער", 1964

ד״ר רפאל עדעלמאַן

ד״ר רפאל עדעלמאַן, דער צוזאַמענשטעלער פון דער כרעסטאָמאַטיע, איז דער ביבליאָטעקאַר פון דער יידישער אָפּטיילונג אין דער קאָפּענהאַגענער ביבליאָטעק.

ד״ר רפאל עדעלמאַן שרייבט, אַז ביים צוזאַמענשטעלן די כרעסטאָמאַטיע האָט ער קודם־כל אין זינען געהאַט די שפּראַכלעכע נוסחאות און די פאַרשידענע עלעמענטן פון דער יידישער ליטעראַטור אין די לעצטע הונדערט יאָר, ד. ה. זינט איר אויפבלי מיט מענדעלע מוכר־ספרים ביז דעם יאָר 1965. ער באַמערקט אויך, אַז פון דער ליטעראַטור, וואָס שטאַמט פון דער דאָזיקער תקופה, האָט ער אַריינגענומען אַן אָפּשניט פון דער „צאינה וראינה״, לויט דער אויסגאַבע פון יעקב יאַנאָווער. ער שטרייכט אונטער, אַז די „צאינה וראינה״ האָט אויף אַן אַנטשיידנדיקן אופן באַאיינפלוסט לשון און סגנון פון יידיש ביזן היינטיקן טאָג.

ד״ר רפאל עדעלמאַן שטייט אין שריפטלעכער פאַרבינדונג מיט אַלע יידישע ביבליאָטעקן, ביבליאָטעקאַרן און אויך מיט אַ גרויסער צאָל יידישע שרייבער בכל תפוצות ישראל. ער טוט דאָס מחמת ער וויל כסדר באַרייכערן די יידישע אָפּטיילונג פון דער קאָפּענהאַגענער קעניגלעכער ביבליאָטעק, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען: „ביבליאָטעקאַ יודאַיקאַ סימאָנסעניאַנאַ״.

ד״ר רפאל עדעלמאַן שרייבט אין סוף פון דער הקדמה צו דער כרעסטאָמאַטיע, וואָס איז דערשינען מיט עטלעכע חדשים צוריק:

„זאָלן די טעקסטן אין אונדזער כרעסטאָמאַטיע באַלייכטן דאָס לשון פון די מחברים אין ווייט־פאַרשידענע לענדער, הגם זיי אַלע האָבן זייער מקור אין מזרח־אייראָפּע״.

אויך ד״ר רפאל עדעלמאַן האָט זיין מקור אין מזרח־אייראָפּע. אמת, ער איז בסך־הכל אַלט געווען זיבן יאָר, ווען זיינע עלטערן האָבן פון דעם לאַטווישן שטעטל רעזשיצע, אין יאָר 1909, איינגעוואַנדערט קיין קאָפּענהאַגען.

ד״ר רפאל עדעלמאַן האָט געקריגן אַ יידיש־טראַדיציאָנעלע דערציאונג. ער שטודירט אין בערלינער ראַבינער־סעמינאַר. זיין דאָקטאָר־דיסערטאַציע

האָט ער געשריבן אין 1928 אין דער אוניווערסיטעט אין באָן, דייטשלאַנד, אויב איך מאַך נישט קיין טעות, איז די טעמע פון זיין דיסערטאַציע געווען: „די אַראַבישע ווערסיע פון חומש".

ד"ר רפאל עדעלמאַן איז דער מחבר פון אַ ריי ווערק אויף יידישע טעמעס: „די געשיכטע פון מחזור", „רמב"ם און מעדיצין", „יידישע מיס־טיק", „די יידישע ליטעראַטור במשך פון צוויי טויזנט יאָרן"; די דערמאָנטע ווערק האָט ער געשריבן אויף דייטש און דעניש, אין די לעצטע יאָרן, פאַקטיש פון 1934 אָן שרייבט ער זיינע ווערק בלויז אויף דעניש. ער איז אויך געווען אַ מיטגליד אין דער דענישער דעלעגאַציע פון אונעסק"אָ.

זינט 1938 איז ד"ר רפאל עדעלמאַן דער ביבליאָטעקאַר פון דער יידישער אָפּטיילונג פון דער קאָפּענהאַגענער קעניגלעכער ביבליאָטעק. שוין יאָרנלאַנג, ווי ער איז אויך לעקטאָר פון יודאַאיקאַ אין דער קאָפּענהאַגענער אוניווערסיטעט.

צו דעם אַלעם איז ד"ר רפאל עדעלמאַן אַ יידישער מענטש, אַ טראַ־דיציאָנעלער ייד. ער איז געווען שטאַרק אויפגעבראַכט און שאָקירט, ווען דער קאָפּענהאַגענער אויבעררַאבינער האָט מיט אַ יאָר צוריק אָנגענומען אַ דייטשן קרייץ־מעדאַל (שוין דאָס צווייטע מאָל), הגם ער מישט זיך נישט אין פּאָליטיק און במילא רעאַגירט ער אויף דעם בלויז פּריוואַט.

ד"ר רפאל עדעלמאַן באַטייליקט זיך אויך פון צייט צו צייט אין די „ייוואָ־בלעטער", וואָס עס גיט אַרויס דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט.

דעם לעצטן זומער, בעת איסר גאָלדבערג, דער פאַרוואַלטער פון „ציקאָ", איז געווען אויף אַ באַזוך אין קאָפּענהאַגען, האָט ד"ר רפאל עדעלמאַן באַשטעלט ביי אים פאַר דריי טויזנט דאָלאַר יידישע ביכער פאַר דער יידישער אָפּטיילונג פון דער קאָפּענהאַגענער קעניגלעכער ביבליאָטעק.

מיט אַ צייט צוריק האָט ד"ר רפאל עדעלמאַן מיר געשריבן, אַז דער קאָפּענהאַגענער אוניווערסיטעט האָט איינגעפירט יידיש און יידישע ליטע־ראַטור און דער אוניווערסיטעט וועט מסתמא אויך אַרויסגעבן אַ לערנבוך אין יידישער ליטעראַטור.

איצטער איז דערשינען דאָס לערנבוך פון ד"ר רפאל עדעלמאַן א. נ. „יידישע כרעסטאָמאַטיע", אַרויסגעגעבן פונעם פאָנד איינצושאַפן לערנביכער ביי דער אוניווערסיטעט אין קאָפּענהאַגען „ג. ע. ק. גאַד, קאָפּענהאַגען 1966".

דאָס בוך עפנט זיך מיט אַ קורצער הקדמה אויף יידיש — און פון דער לינקער זייט, ביים סוף פון בוך, די אייגענע הקדמה אויף דעניש.

ד״ר רפאל עדעלמאַן הייבט אָן די כרעסטאָמאַטיע מיט אַן אויסצוג פון עטלעכע זייטן פון דער „צאינה וראינה״. דער מחבר לאָזט איבער די אַר־כאַאישע ווערטער ווי זיי זענען פאַרעפנטלעכט אין יעקב יאַנאָווערס אויס־גאַבע, וואָרעם די כוונה פון מחבר איז, צו געבן די סטודענטן „אַן אָפּשניט פון דעם ווערק, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ מדרגה פון דער שפּראַך, עִברי־טייטש, וואָס איז נאָך פריי פון די צאָלרייכע סלאַווישע און מאָדערנע אייראָפּעאישע עלעמענטן״ — פון דער הקדמה.

דאָס קאַפּיטל ענדיקט זיך אַזוי: „אין זעקסטין טאָג האָט אדם הראשון איין עבירה גיטאָן און איז וואָרין פאַרטריבן אויש דעם גן־עדן. נוא קען מען זעהען דאָש פון דעם אַנדערין טאָג און האָט זיך אָן גיפאַנגען די קריג״.

איך מאָל זיך, אַז ד״ר רפאל עדעלמאַן מוז האָבן אין זיין ליטעראַטור־קלאַס פאַראינטערעסירטע סטודענטן, וואָס ווילן זיך באַקענען, אויב נישט מיט דעם בראשית פון יידיש, איז מיט אַ ביסל אַ וויטערער תקופה; אַנדערש וואָלט ער נישט אַריינגענומען דאָס קאַפּיטל.

און אפשר האָט ער אַריינגענומען דעם גרעסערן אויסצוג פון „צאינה וראינה״ צוליב יידישער טראַדיציע, טראַדיציע אין דעם רעליגיעזן זין, וואָס איז אים אַזוי נאָענט צום האַרצן.

פון מענדעלע מוכר־ספרים האָט דער צוזאַמענשטעלער אַ קאַפּיטל פון „די קליאַטשע״, לויט דער וואַרשעווער אויסגאַבע פון 1828, „אַלע ווערק פון מענדעלע אין פינף בענד״.

אַוודאי איז דער יידיש דאָ אַ געלייטערטער, הגם דער אויסלייג איז אַ פאַרעלטערטער, אַ שטייגער: „חאַפּען דעם אָטהעם״ (כאַפּן דעם אָטעם), וואָס דער צוזאַמענשטעלער האָט מיט אַ כיוון אַזוי איבערגעלאָזט.

די פראַגע איז אָבער, צי איז פּאַסיק דאָס קאַפּיטל, וואָס דער מחבר האָט אַריינגענומען, ריכטיקער, צי דאַרף מען בכלל לערנען מענדעלעס „די קליאַטשע״, מיט סטודענטן, וואָס ס׳רוב זענען עכטע דענער; צי וועלן זיי תופס זיין די אָנצוהערענישן, די רמזים, זיין סאַטירע; צי קענען זיי אויפ־כאַפּן מענדעלעס שאַרפע פקחות?

אַ סך פּאַסיקער וואָלט געווען אַ קאַפּיטל פון „שלמה ר׳ חיימס״, וואָס איז אין דער אמתן — שלום יעקב בן חיים משה אַבראַמאָוויטש.

פון שלום־עליכמס ווערק האָט ד״ר רפאל עדעלמאַן אַריינגענומען אין זיין כרעסטאָמאַטיע „ווען איך בין ראָטשילד״, פון דער ווילנע־וואַרשע־ אויסגאַבע, 1925, אַ געלונגענער אויסוואַל. דער כתרילעווקער מלמד האָט אַ פּלאַן נישט בלויז אָפּצושאַפן מלחמות, נאָר אפילו אָפּצושאַפן געלט, „וואָס איז נישט מער ווי אַ יצר־הרע, אַ תאווה אַזעלכע, איינע פון די גרעסטע תאוות״.

וואָס פאַר אַ גוטער מאַטעריאַל פאַר אַ לערער צו רעדן צו סטודענטן וועגן שלום־עליכמען!

פון י. ל. פרץ „דער קונצנמאַכער״ פון זיינע פאָלקסטימלעכע געשיכטן און פון שלום אַש — „דריי חופּות״, לויט דער ניו־יאָרקער אויסגאַבע פון 1918, דאָס איז אַ לויבגעזאַנג צום שטעטל, וואָס קיינער האָט נישט געקענט אַזוי באַזינגען ווי שלום אַש.

דערנאָך ברענגט ד״ר רפאל עדעלמאַן „אַ זומער־בילד״ — „די ליבע פּראָווינץ״ פון ס. גאָרעליק.

אויף דעם אָרט האָט זיך גיכער געפּאַסט אַ דערציילונג פון אברהם רייזענען, וואָס איז לויט מיין מיינונג, אונדזער גרעסטער שרייבער פון דער קורצער דערציילונג, אויך וואָס שייך שילדערונג פון סביבה, מיליע און שטייגער־לעבן. ער איז אין דער כרעסטאָמאַטיע נישט פאַרטראָטן, אויך נישט מיט קיין ליד.

איך רעכן, אַז דאָס נעמט זיך פון אַ באַשטימטער אויפגאַבע, וואָס דער צוזאַמענשטעלער האָט זיך געשטעלט, הגם זי איז פאַר מיר נישט קלאָר.

פון דער אַנטאָלאָגיע פון דער יידישער פּראָזע צווישן ביידע וועלט־ מלחמות, וואָס עס האָבן צונויפגעשטעלט י. י. טרונק און אהרן צייטלין, ניו־יאָרק, 1946, ברענגט ד״ר רפאל עדעלמאַן אין זיין כרעסטאָמאַטיע: „דאָס רבישע איניקל״ פון ה. ד. נאָמבערג, „ערד״ פון רחל קאָרן, „אייזיק אשמדאי״ פון שיע טענענבוים און „דער גרינער״ פון חוה ראָזענפאַרב.

פון די אַנדערע מוסטערן, וואָס דער מחבר האָט געהאַלטן פאַר נייטיק אַריינצונעמען, וויל איך נאָך דערמאָנען: „די יידישע פּראָזע אין פּוילן״ פון י. י. טרונק. אַ קאַפּיטל פון דוד בערגעלסאָנס „נאָך אַלעמען״, „חבוט הקבר״, דראַמע אין איין אַקט, פון דוד פּינסקי, געדרוקט אין „קיום״ פּאַריז, 1950.

פון דער סאָוויעטישער יידישער ליטעראַטור האָט דער מחבר אַריינ־

גענומען: „קומט, ווען די טוליפּאַנען בליען" פון שירע גאָרשמאַן, „סאָ־וועטיש הימלאַנד", מאָסקווע, 1962.

אין דער כרעסטאָמאַטיע געפינען זיך בלויז צוויי לידער — „דער בעטלער" פון מאַני לייב, פון זיין זאַמלונג „לידער און באַלאַדן", ניו־יאָרק, 1955, און „אַ חלום" פון א. סוצקעווער, פון זיין זאַמלונג „אָאַזיס", תל־אביב, 1960.

צום סוף פון דער כרעסטאָמאַטיע ברענגט ד"ר רפאל עדעלמאַן אַ קליין אַקאַדעמיש ווערטערבוך פון אַן ערך טויזנט ווערטער, פון העברע־איזמען, סלאַוויזמען און סתם שווערע ווערטער, וואָס געפינען זיך אין די מוסטערן פונעם לערנבוך.

די ווערטער ווערן געגעבן פּאַרטייטשט אויף דעניש און אַנגעגעבן, טראַנסליטערירט זייער אויסשפּראַך על־פּי אשכנזישן נוסח. די סובסטאַנ־טיוון אין לשון־יחיד ווערן אָנגענומען אין לשון־רבים. עס ווערט אָנגע־געבן דער מין — לשון־נקבה — זכר. ביי אַ וואָרט, ווי „בדעה", דערקלערט ער שוין אויף איין וועג, וואָס עס מיינט „דעה". אַ וואָרט, ווי „יאַדעשליוווע" (פון מענדעלעס „קליאַטשע") דערקלערט ער — אַסטמע, קורצער אָטעם, און אַזוי כסדר.

צום סוף ווילט זיך נאָך זאָגן, אַז ד"ר רפאל עדעלמאַן קלייבט זיך שוין אַ לענגערע צייט קומען קיין ניו־יאָרק, בעיקר אין די אינטערעסן פון דער יידישער אָפּטיילונג פון דער קאָפּענהאַגענער קעניגלעכער ביבליאָטעק, וואָס איז פון די גרעסטע יידישע ביבליאָטעקן אין איראָפּע מיט זעלטענע יקר־המציאותן פון יודאַיקאַ.

ער וואָלט געוועזן אַן אָנגעלייגטער גאַסט, באַזונדערס פון אונדזער יידישער סביבה.

„טאָג מאָרגן־זשורנאַל", 1966